STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06375

# GEKLIBENE VERK

David Bergelson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געקליבענע ווערק

פון

# דוד בערגעלסאָן

VI

ווילנע — 1929

ווילנער פֿאַרלאַג פון ב. קלעצקין

דוד בערגעלסאָן

# וועלט-אויס וועלט-איין

(דערציילונגען)

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „Wełt - ojs Wełt - ajn".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| שבט גדליה | 7 |
| נאָטע | 31 |
| סערלס חלק | 43 |
| בלינדקייט | 55 |
| שוועסטער | 77 |
| אין פּאַנסיאָן פון די דריי שוועסטער | 99 |
| די דינאַמישע רגע | 113 |
| דער באַריטאָן | 125 |
| דער קברן | 139 |
| סטאַנציע קאָטליעט | 161 |
| אַ ראָמאַן | 171 |
| מיט איין נאַכט ווייניקער | 187 |
| צוויי רוצחים | 203 |
| שונאים | 213 |
| איבער איין טריט | 225 |
| אַן אייביקער קנעכט | 237 |
| שכר־טירחה | 249 |
| בירגער וואָלי ברענער | 265 |

# שבט גדליה

# שבט גדליה

אינמיטן גרויע ווייטע סטעפּעס אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם טאָל לעבן אַ ריטשקע (מיט טאָפּאָלעס, מיט ווערבעס) איז געלעגן גדליהס היים — אַ פֿאַרלוירענע נעסט מיט עטלעכע הונדערט ייִדן, אַ פֿאַרגעסן לעבן אין הוילן דרויסן.

בוימעלעך אין פֿעלד אַרום דער היים — פֿאַראַן, נאָר זייער זעלטן, צעוואָרפֿענע, איינציקע, קליינע.

אויף אַזאַ בוימעלע קוקן אַ מענטשנס אויגן זייער לאַנג און אַליין — אָנם מענטשן; זיי ווילן טרעפֿן:

— אַ מענטש, צי ניין?

געווען איז גדליה אַ בעל-עגלה-יונג, ווי זיין טאַטע, ווי זיין גאַנצע משפּחה, און גערופֿן האָט מען אים „שבט גדליה" איבער זיין גבורה און איבער זיין וווּקס — פּונקט ווי מען האָט גערופֿן „די שבטים" אַלע זיינע ברידער.

דער סאַמע עלטסטער ברודער:

שבט שמשון —

אַ מענש, וואָס זעט אויס געשוואָלן נישט בלויז אין דער ברייט, נאָר אויך אין דער לענג. געשוואָלן, דאַכט זיך, זענען אויך די הערטער, וואָס ער רעדט, די פּעטש, וואָס ער פּאַטשט מיט די הענט אום שמחת-תורה, דער שמייכל, וואָס אין זיינע אויגן, און די טובות,

וואָס ער טוט מיט זיין כוח דעם אָדער יענעם פון זיינע שכנים — גלאַט אַזוי, אומזיסטיקע, גוט־האַרציקע און געשוואָלענע טובות.

ווייטער זענען געגאַנגען:

— שבט שמואל

— שבט קיווע

— שבט דוד

— שבט נחום

— שבט בינעם, און צולעצט דער סאַמע יינגסטער — שבט גדליה.

אַלע ריזיקע, געשוואָלענע סיי אין דער ברייט, סיי אין דער לענג, אַלע האָבן זיך געשלאָגן בלויז צווישן זיך (מיט אַ זייטיקן מענטשן האָבן זיי מורא געהאַט אָנצוהויבן, ווייל פון איין פּאַטש קאָן יענעם אַרויס די נשמה), און אַלע, אַז מען האָט זיי גענומען פאַר סאָלדאַטן, האָט מען זיי פאַרשיקט ערגעץ ווייט, ווייט און זיי געהאַלטן דאָרט לענגער, ווי מען האַלט געוויינלעכע סאָלדאַטן. אַלע מענטשן האָבן געדינט קנאַפּע פיר יאָר און זיי האָבן איבער עפּעס געדינט נישט ווייניקער פון אַכט און פון זיבן יאָר.

דער וווּנדער:

זייער פאָטער — דער אַלטער אַזיע איז דווקא געווען זייער אַ קליינטשקער, אַ ביינערדיק־מאָגערער. אין באָד פלעגט ער פריי־טיק זיצן איינער אַליין אין אַ ווינקל און אויסקוקן מיט די אויגן זיין אייגן מאָגער לייב; געדאַכט האָט זיך, אַז ער הערט נישט אויף צו באַוווּנדערן:

— ווו־אַרום האָב איך פון זיך אַרויסגעגעבן אַזעלכע בנים? כאָטש געווען איז ער אויך אַ בעל־עגלה.

דער חילוק צווישן אים און צווישן שבט גדליהן:

דער אַלטער האָט אַלע זיינע יאָרן געלערנט איינעם און דעם זעלבן פּרק משניות — מער האָט ער נישט געקאָנט. פירנדיק זיינע פאַרשוינען איבער די אומענדלעכע סטעפּעס האָט ער דריבער תמיד אַריינגעקוקט אין אַ קליין אָפּגעפּלעקט משניותל און האָט אונטער־געזונגען:

— היה — אַז אײנער איז געװען בגליל — אין גליל, והחזיק— און האָט אַ חזקה געטאָן ביהודה — אין יהודה...

— אָדער ביהודה — אַז אײנער איז געװען אין יהודה, והחזיק— און האָט אַ חזקה געטאָן בגליל — אין גליל.

דאָס האָט ער געטאָן צוליב עולם־הבא און צוליב דעם, אַז נאָכן טויט זאָל אים זײן גרינגער צו קאָלערן זיך אונטער דער ערד קײן ארץ־ישראל. און גדליה — אַ יונג פון אַ יאָר צװײ־דרײ און צװאָנציק — האָט שוין קוים געקענט „עברי" און האָט געגלויבט, אַז קאָלערן זיך קען בלויז אַ לעבעדיק פערד און נישט קײן טויטער מענטש. חוץ דעם איז גדליהס צײט געװען אַ גאַנץ אַנדערע — אַ צײט אַ שטילע און אַ זויערע. װי אַן אַלטע מויד, װאָס האָט נישט חתונה און איז פרום, און לעבט יאָרן לאַנג אָן שום אומגליקן און אָן שום גליקן.

פון די פיל שטילע װינטערס און שטילע זומערס האָט גדליהן תמיד גענודיעט אויף דער נשמה און אים אַרויפגעשלאָגן, װי אויף צו ברעכן. װאָרים געזונט און װאַקסיק איז ער געװען, אַז ער איז געשנאַ:ען צװישן דערװאַקסענע מענטשן האָט פונדערװײטנס אויסגעזען, װי אַ באַהעלפער שטײט צװישן ײנגלעך, װאָס גײען לײענען בײ אַ קינפעטאָרין קריאת־שמע. און זײנע כוחות האָט ער נישט געהאַט אויף װאָס אויסצונוצן.

די יאָרן זענען געװען לאַנגװײליקע און נאַקעטע, װי די גרויע סטעפּעס אַרום שטעטל, — סטעפּעס, װאָס זײ מעסטן דעם הימל און דער הימל מעסט זײ.

און גדליהס בעל־עגלישע גלעקער צײלן אויף זײ אין די לאַנגע זומער־טעג די מינוטן, צײלן פּינקטלעך אַ שעה־פערטהאַלבן צום װאָקזאַל, אַ שעה־פערטהאַלבן פון װאָקזאַל, און נאָכדעם, אַז מען קומט פאַרנאַכט אַהײם און מען שפּאַנט אויס, שמעקט פון דעם פאַרגאַנגענעם זומער־טאָג מיט שװײס פון אַ מידן פערד און אויך מיט אַזאַ ריח שמעקט פון דער קומענדיקער נאַכט. מען לײגט זיך שלאָפן. מען שטײט אויף און מען טוט װידער דאָס זעלבע, װאָס נעכטן.

די הײם קען מען פאַרלאָזן אויף אַ װאָך און אויף מער, און זײן זיכער, אַז דאָרט װעט גאָרנישט נישט פּאַסירן.

דאָס שטעטל האָט געדרעמלט אין גרויס אָרעמקייט. און קצבה, האָט זיך געדאַכט, נעמט עס אייביקע — קצבה פונם הימל, און פּלוצים...

פּלוצים האָט זיך אין דער צייט איבערגעקערט אַן אַלט-פאַר-ראָסטעטע רעדעלע, זיך אָנגעהויבן צו דרייען און צו יאָגן. פּלוצים האָט זיך דעם קליינעם אָרעמען שטעטעלע פאַרגלוסט רייך ווערן.

כאָטש אַרום און אַרום אויף דער וועלט איז גאָרנישט געשען... און נישט גלאַט אַזוי פאַרגלוסט — דאָס איז געווען אַ ברענענדי-קער פיבער, אַן אונטערגאַנג, אַ קרענק פון וועלן רייך ווערן. די קרענק האָט אַרומגעכאַפּט פון אַ גאַס ביז אַ געסל, פון אַ הויז ביז אַן אונ-טערשטיבל און ביז אַ פאַרשטופּטן אַלקער, ווו עס וווינט אַ פרישׁ חתונה-געהאַט אָרעם פּאָרפאָלק. און מאָדנע איז דאָך געווען — ווייל פיל האָבן דעמאָלט ווירקלעך פּלוצים אָנגעהויבן רייך צו ווערן.

גדליה האָט צוגעקוקט, ווי כמעט אַלע אין זיין שטעטל יאָגן אַרום איבער דעם געגנט. אַלע פליען, אַלע לעכצן און טרינקען, ווער מער און ווער ווייניקער, פון אָט דעם שטאַרקן, ברויזנדיקן גע-טראַנק. ער האָט דאָך, ווי תּמיד, געטריבן אַלע טאָג זיין פערד צו דער באַן, געטריבן מיט גרויס פוילקייט, מיט פאַרדרוס און האָט שטיל, נאָר בייז געשאָלטן:

— אַ בראַנד אין זיי...

— אַ כאָלעריע!..

געמיינט האָט ער די פיל נייע אויפשפּראָצנדיקע גבירים.

אַליין איז ער פון תּמיד אָן געווען דער שווערסטער פאַרשווין ביי זיך אין וואָגן, כאָטש געווען איז ער נאָך אַ יונגער בחור. שווער איז ביי אים געווען נישט בלויז דער קערפּער, נאָר אויך דאָס לשון און די געדאַנקען.

פונדעסטוועגן האָט ער, פירנדיק אין וועג פאַרשווינען, תּמיד געהאַט אַוועלכע עס איז געדאַנקען ביי זיך אין קאָפּ. די געדאַנקען האָבן זיך דעמאָלט ביי אים געדרייט, סיי ווען זיין פערד איז גע-גאַנגען פּאַמעלעך, סיי ווען זיין פערד איז פויל אונטערגעלאָפן. מערסטנטייל האָט ער געשוויגן. נאָר אַמאָל, ווען די פאַרשווינען האָבן הינטער זיינע פּלייצעס אָנגעהויבן צו דרעמלען, האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַז ער זאָל פּלוצלינג אָנהויבן:

— געווען פריער ביי אונז אין טאָל איינער אַ גביר, ישראל נתנס, פון אַלע צייטן אַ גביר און איצט... אַ שטיק אַכצן שוין, אָדער צוואָנציק — צו אַלדי רוחות. אַ? — זיינוויל שוין אויך אַ גביר... געהערט די מעשה מיט זיינוולען?

## II

דער ערשטער האָט אין יענעם טאָל ביי דער ריטשקע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ שמעון מייטעס, אָדער שמעון דער קענער. אין איינעם אַ זומער האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן צו גליקן, כאָטש ביז יענעם זומער האָט ער זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אַחוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ קענער און אַחוץ דעם, וואָס פון אים און פון זיינע קינדער האָט זיך שטאַרק געפּילט פונם מויל.

אין דעם זין זענען זיי געווען אַן אויסנאַם. מענטשן האָבן צו זיי נישט געקענט צוגיין נענטער ווי אויף פיר טריט. מען האָט געזאָגט:

— עס פּילט זיך פון זיי פון פּאַר אַ מייל.

— עס איז אַ שטראָף פון גאָט.

— עס איז אַזאַ משפּחה.

און ווייל אַלע האָבן זיי געהאַט גוטע קעפּ און האָבן געקענט זייער פיל זאַכן, וועלכע אַנדערע האָבן נישט געקענט, האָט מען זיי־ריבער געגלייבט, אַז דער שלעכטער ריח פּילט זיך נישט פון זייערע מיילער, נאָר פון זייערע קעפּ.

„שבט גדליה" האָט דאָס גוט געוווסט, ווייל תמיד, אויב ער האָט געהאַט צו פירן איינעם פון זיי צו דער באַן, האָבן די איבעריקע פּאַרשוינען נישט גאָר גערן זיך געזעצט אויפן וואָגן.

נאָר דאָך קענערס זענען זיי געווען.

שמעון, דער פּאָטער זייערער — אַ פעטינקער, אַ גראָבלעכער, אַ רירעוודיקער — איז פון תמיד אָן אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס וועלט מיט אַן אַרויסגערוקטן בייכל, מיטן קאָפּ אויף דער זייט, און מיט ווינגנדיקע, גאַוווהדיקע טריטעלעך, — כאָטש וואָס מיט אים אין געווען דער יחוס האָט קיינער קיינמאָל נישט געוווסט.

ער האָט געטראָגן סיי זומער, סיי ווינטער אַ ווייסע וועסט מיט מוטערפּערלנע קנעפּלעך און אַ קורץ סורדוטל, אַביסל אַן אויסגעפּלעקטס, נאָר אַ שוואַרצס. ער האָט באַקומען זייער פרי אַ גרויען קאָפּ און אויך מיטן גרויקייט, האָט זיך געדאַכט, איז ער שטאָלץ, ווי מיט אַ שטיקל יחוס.

אַלע שבת אינדערפרי האָט ער פּאַרשפּעטיקט צום דאַוונען, ווי אומישנע. כאָטש קיין באַזונדערע אַרבעט האָט ער דאַן, ווי יעדער ייד, בײַ זיך אינדערהיים נישט געהאַט. נאָר ווייל ער איז אין אַ געווייסער מאָס געווען אַ געשמראָפּטער — פֿאַר זיין גוטן קאָפּ האָט ער באַצאָלט מיטן שלעכטן ריח, וואָס פילט זיך פון זיין מויל, — האָט ער אַמווייניקסטן געוואָלט כאָטש מיט עפּעס זיך אויסטיילן — זאָל זיין מיט דעם, וואָס ער און זיינע קינדער קומען דאַוונען, ווען מען האַלט שוין בײַ „קדושה”, און דאָס שניידט יעדערן די אויגן און אַלע קוקן זיך דאַן אום.

גדלנים זענען בײַ זיך אויך געווען זיינע קינדער. אויך זיי זענען יונג געוואָרן גרוי, און ווייל זיי זענען אַלע געווען קענערס, זענען זיי תמיד געזעסן אינדערהיים און האָבן זיך מיט עפּעס באַשעפטיקט — זיי האָבן גערעכנט, געמאָלט און געשניצט. זיי האָבן געמאַכט פון ראָזשינקעס זייער גוטן ווין. פונם ווין האָט שמעון געצויגן זיין פּרנסה; פונדאַנען האָט זיך גענומען זיין רייכקייט. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ פּריץ פון דער געגנט, וואָס האָט זיך צופגעשטעלט אויסטרינקען בײַ שמעונען אַ פלאַש ווין.

געקלונגען האָט נאָכדעם די מעשה אַזוי:

דער פּריץ, אַ יונגער, זייער אַ צעטראָגענער. בײַ שמעונען אין שטוב איז ער נישט איינגעזעסן קיין רגע אויף אַן אָרט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום טיש מיט דער גלאָז אין האַנט. און ווי ער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט, האָט ער דערזען:

אַנטקעגן, אין אַ גלעזערנעם שאַפקעלע, שטייט אַ קליינער מאָדעל, אַ צוויי-גאָרנדיק הייזל אויסגעפּיילט פון האָלץ, צי פון קאַרטאָן, און אָפּגעפאַרבט ווי אַ רויט, ציכטיק און זינגעדיק מויערל. פּענצטער האָט עס פּריילעכע, ווי פּריילעכע חנעוודיקע אויגן. טירן און אַריינגאַנגען — באַדעקט מיט קונציקע טאָקערייען און שניצערייען;

גאַניקעס הויכע, גלעזערנע און דאָך ווייכע; טרעפּ, וואָס זענען באַדעקט, ווי מיט אַן אומזיכטבאַרן כּישוף, און עס קומט אויס ווי זיי בעטן: „קומט אַריין!“. און אינגאַנצן זעט אויס דאָס מויערל, ווי אַ ניגון, ווי אַ פריילעכער יום-טובֿ, וואָס מען האָט אים פאַרשלאָסן אינעם גלעזערנעם שראַנקל, און דער יום-טובֿ ציט זיך דאָרט אייביק, אייביק.

דער פּריץ האָט פאַרגעסן אָן דער גלאָז וויין, ער האָט געפרעגט:

— ווער האָט דאָס מויערל געמאַכט?

שמעון האָט געענטפערט:

— איך און מיינע קינדער; איך האָב פאַרטראַכט, מיינע קינדער האָבן אויסגערעכנט און אויסגעפירט.

דער פּריץ האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָ אין געגנט אַ מאַיאָנטעק. איך האָב מיר אָנגעהויבן צו בויען דאָרט אַ הויז, נאָר איך האָב אויפגעהערט, ווייל אַלע היגע בוי-מייסטערס זענען גרויסע קאַליקעס. זיי וואָלטן מיר אויסגעבויט אַ שטאַל, נישט קיין הויז. און אַזאַ הויף, ווי אָט דער קליינער מאָדעל, וואָלט איך זייער געוואָלט האָבן.

שמעון האָט געזאָגט:

— איך און מיינע קינדער קענען דאָס אויסבויען.

דער פּריץ האָט געפרעגט:

— וויפל דאַרף עס קאָסטן?

שמעון האָט געענטפערט:

— עס לאָזט זיך באַרעכענען.

און פרייזן האָט שמעון ליב געהאַט צו שטעלן הויכע. ער האָט ליב געהאַט גוט צו פאַרדינען אַפילו ביי זיין ווייַן.

דער סוף איז געווען:

שמעון האָט אויסגעבויט דעם פּריץ פּונקט אַזאַ הויף, ווי דער מאָדעל ביי אים אין גלעזערנעם שראַנקל.

און נאָכדעם האָט ער ביי צוויי אַנדערע פּריצים אויסגעבויט צוויי אַנדערע גרויסע הויפן.

און נאָכדעם האָט מען אים אין צוקער-פאַבריק אָפּגעגעבן אויפצושטעלן אַלע גרויסע געמויערטע קאָרפּוסן.

און נאָכדעם האָט ער זיך אונטערגענומען ערגעץ אין אַ שטאָט אויסצובויען די קאַזאַרמעס, די שטאָט-באָד און דעם שטאָט-טעאַטער.

און נאָכדעם האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצובויען אין געגנט אַלע גרויסע מילן.

און פון יעדן מאָל בויען איז ער געוואָרן פעסטער, רייכער, זיכערער. און גרויסע לייט, אַז זיי האָבן גערעדט מיט אים, האָבן זיי נאָך אַלץ געהאַלטן אַ טיכעלע מיט פאַרפומען ביי דער נאָז. נאָר רעדן מיט אים האָבן זיי געמוזט. מען האָט געשמועסט:

— גאָט האָט באַצאָלט שמעונען. ער האָט אים באַצאָלט פאַרן ריח, וואָס פילט זיך פון זיין מויל.

III

ווען שמעון זאָל געווען זיין גלאַט אַזוי אַן אויפגעקומענער גביר, אָן אַ שלעכטן ריח, וואָלט אפשר זיין גליק נישט געווען אַזוי שטאַרק זיך געוואָרפן אין די אויגן.

און ווען זיין מזל זאָל נישט געווען אַזוי שנעל אויפבליען, וואָלט קיינעם אין אָרעמען טאָל נישט געווען איינגעפאַלן מקנא צו זיין, און די גליקסטיקייט רייך צו ווערן וואָלט דאָרטן אַזוי שטאַרק נישט געברענט.

נאָר שמעון האָט ווי גענומען נקמה פאַר זיינע פריערדיקע אָרעמע יאָרן. און די נקמה האָט ער גענומען דווקא דאָ, צווישן די איינוווינער פון טאָל, וועלכע האָבן זיין פריערדיקע אָרעמקייט געדענקט.

ער האָט זיך נישט אַריבערגעצויגן אין קיין גרויסע שטאָט.

ער האָט זיך אין טאָל אויסגעבויט אַ רייך הויז און האָט דאָ מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן געריסן ביי די באַקאַנטע קבצנים די אויגן, כאָטש זיינע געשעפטן האָבן שוין אָנגעשפאַרט אין די ווייטע, ווייטע געגנטן.

אויף יעדן שבת האָט ער געמוזט קומען צוריק אַהיים.

ווייל בלויז אַ האַלבן פאַרגעניגן האָט שמעון געהאַט פון דעם, וואָס ער ווערט אין די ווייטע געגנטן רייך; די צווייטע העלפט פון

זיין פאַרגעניגן איז געווען צו זען, וויאַזוי בײ די איינוווינער פון טאָל פּלאַצט די גאַל.

דעריבער איז ער אַלע פרייטיק פאַרנאַכט מיט אַזאַ גיריקייט אויף זיין רייכן שפּאַן געלאָפן אַהיים.

מען האָט געזאָגט:

— אַ קנאַפּע האַלבע מייל אונטערן טאָל הייסט ער דעם פור־מאַן זיך אָפּשטעלן. ער קוקט אויפן זייגער און וואַרט אויס, כדי ער זאָל אַרייניאָגן אין טאָל אַריין פּונקט איין רגע נאָך ליכט־בענטשן.

דערצו נאָך איז אים דאַן אויסגעקומען דורכצופאָרן פּונקט פאַרביי דער שול, ווו עס ברענען שוין די שבתדיקע לאָמפּן, ווו מען האַלט שוין אין אָנהויב דאַווענען און ווו אַלע קענען אים זען דורך די פענצטער.

און ווי נאָר מען האָט אים דערזען דורך די פענצטער, אַזוי באַלד האָבן אַלע דערפילט, אַז דער שבת איז עפּעס ווי נישט זיי־ערער, ער איז עפּעס ווי אַ פאַרשטערטער, — כאָטש מיט וואָס ער איז אַ פאַרשטערטער, האָט קיינער אויף קלאָר נישט געוווּסט.

געפילט האָט דאָס בלויז ביי יעדערן דער קערפּער. פון די מאכלים האָט מען שוין קיין הנאה נישט געהאַט. אַ גאַנצן שבת האָט יעדן עפּעס ווי געבויערט אין האַרצן. און פּלוצים האָט זיך צו יע־נער צייט באַוויזן אין טאָל אַ צווייטער גביר — דאָס איז געווען יאַנקל, איצע־יואל דעם מלמדס עלטערער זון. אויך אים האָט אָפּ־געגליקט, אויך ער איז פּלוצים געוואָרן, ווי „ער", אַן אַנדערער.

יאַנקל:

אַ לאַנגער, אַ דאַרער, ווי אַלע קינדער ביי איצע־יואל דעם מלמד. קיין באָרד האָט ער כמעט ווי נישט געהאַט, זיין לענגלעך פּנים איז תמיד געווען רויטלעך, גלייך ווי ער וואָלט נאָר־וואָס איינ־גענומען אַ ביטערן פּראָשעק.

גערעדט האָט ער זייער שטיל, ווייל איצע־יואל דער מלמד איז אַליין געווען אַ טויבער און אַלע קינדער זענען ביי אים געווען טוי־בע און שטאַרקער פון אַלע איז ביי אים געווען טויב יאַנקל.

געהאַנדלט האָט ער מיט פלאַקס; פון פלאַקס איז ער רייך גע־וואָרן, כאָטש ער אַליין האָט נישט געוווּסט וויאַרום און וויאַזוי.

— די ערשטע דריי טויזנט רובל געדענק איך נאָך און דאָס איבעריקע קומט שוין במילא, דאָס איבעריקע קומט שוין, ווי אין אַ טשאַד, ווי אין אַ חלום.

אַזוי האָט דערציילט יאַנקל און דערביי איז אים זיין לענגלעך פּנים געווען אַביסל פּאַרקרימט, גלייך ער האָט נאָר-וואָס איינגענומען אַ ביטערן פּראָשעק.

— דער עיקר — האָט ער געזאָגט — זענען די ערשטע דריי טויזנט.

פון מויל צו מויל איז אַרומגעגאַנגען:

— ווו נעמט מען „די ערשטע דריי טויזנט״?

— ער האָט שוין „די ערשטע דריי טויזנט״.

— ער וועט אינגיכן האָבן „די ערשטע דריי טויזנט״.

---

אין טאָל האָט מען אָנגעהויבן האַוועו, פּויזען, אַרומצויאָגן איבער דער געגנט; מען איז געקראָכן פון דער הויט; מען האָט געמאַכט שותפות אַכט-צען מענטשן, כדי צו האָבן אינאיינעם „די ערשטע דריי טויזנט״ און נאָכדעם זיך צוריק צעטיילט. מ'האָט געהאַנדלט גאַנצע קאָמפּאַניעס, געווען צוערשט שטאַרק שלום און באַלד נאָכדעם זיך שטאַרק צעקריגט. מען האָט זיך פּאַרלאָזט, זיך געלאָדן.

עס זענען אַזוי אַוועק צוויי-דריי פּאַרהאַזועטע, שיכּורע יאָרן, יאָרן פון גערעטעניש און פון אומגערעטעניש.

אַז מען האָט זיך נאָכדעם אַרומגעקוקט, האָט מען דערזען:

אייניקע האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַריינצוכאַפּן „די ערשטע דריי טויזנט״. כמעט יעדערער פון זיי ווערט רייך. און מאָדנע: כמעט יעדערער פון זיי האָט אַ וועלכן עס איז חסרון... זאָל זיין אַ קליינעם, אַבי אַ חסרון.

מען האָט געשמועסט:

— זע נאָר, עס איז דאָך טאַקע אַ טשעקאַווע זאַך.

די גאַנצע מעשה מיט די חסרונות איז געווען אַביסל אויפגעבלאָזן. גבירים אין טאָל זענען געוואָרן אַ גרעסערע צאָל, און ווער פון זיי עס האָט קיין חסרון נישט געהאַט, ביי יענעם האָט

מען אַ חיסרון אויסגעזוכט. דאָך האָבן די שטענדיקע רייד שטאַרק געווירקט און דאָס שטענדיקע זוכן חסרונות האָט געבראַכט דערצו, אַז יענע, וועלכע האָבן קיין חסרונות נישט געהאַט, האָבן זיך דער־פילט ווי פאַרטיילט און האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט צו גלויבן, אַז זייער מזל זאָל נאָך ווען נישט איז אויפבליען.

איבערהויפּט האָט אין דעם אויפגעהערט צו גלויבן „שבט גדליה״. ווייל וואָס, וואָס, נאָר אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ חיסרון האָט שוין אויף אים קיינער בשום אופן זאָגן נישט געקאָנט.

ער איז, ווי פריער, געזעצן דער שווערסטער פּאַרשוין ביי זיך אין וואָגן, און האָט, ווי פריער, געהאַט שווערע געדאַנקען ביי זיך אין קאָפּ; די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט סיי ווען זיין פערד איז געגאַנגען פּאַמעלעך, סיי ווען זיין פערד איז פויל אונטערגעלאָפן, און אַליין האָט ער אַלץ געהאַט פאַרדרוס אויף די נייע גבירים; ער האָט שטיל און בייז געשאָלטן:

— אַ בראַנד אויף זיי.

— אַ כאָלעריע.

IV

אין טאָל האָבן זיך געבויט הייזער.

אין טאָל — אַ גביר נאָך אַ גביר.

און יעדער גביר בויט זיך איבער זיין שטוב לויט זיין נייעם גבירישן געשמאַק. וואַרפט פונאַנדער די ווענט, מאַכט גרעסער די פענצטער, קלאַפּט אַרויף אַ נייעם דאַך. נעמט אַריין נייעם פּלאַץ, און די ווייבער פון די גבירים גיבן דאָרט אַכטונג אויף דער אַרבעט — מאָדנע ווייבער, זיי קלינגען מיט די שטוב־שליסלעך און קאָמאַנדע־ווען — האלבע מאַנסבילן.

אַלע שבת בייטאָג האָט „שבט גדליה״ אַרומגעשפּאַצירט אַרום אָט די הייזער, געשפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַרונטערגעלייגטע הענט און האָט ביינלעך מיט אומצופרידנקייט געקוקט, ווי עס בויט זיך.

ער איז פון תמיד געווען איינער אַליין. געקומען איז דאָס אים פון זיין אומגעווינלעכער גרייס און פון זיין אומגעווינלעכער

ברייט — וואָס פאַר אַ חברים האָט ער געקענט האָבן, אַז תמיד, ווען ער רעדט צו זיין גלייכן, קומט אויס ווי אַ דערוואַקסענער רעדט צו אַ קליינעם חדר־יינגל; ער פילט זיך דאַן נאַריש. זיין גרויסער פנים זעט דאַן אויס מאָדנע, גלייך אָט, אָט וועט ער געבן אַ שמייכל. אויך איצט האָט ער איינער אַליין געטראָגן אין זיך זיין פאַרדרוס.

צוריק־גערעדט, וואָס האָט ער צו די נייע גבירישע הייזער.

נאָר פון דער אַנדערער זייט: וואָס האָט ער, „שבט גדליה״, פון זיי געהאַט.

פאַרקערט, וואָס מער אַ גביר אין שטאָט אַלץ ווייניקער פאַ־רעכצן פאַר אים מיט זיין פערד.

אַ גביר האָט ליב צו פאָרן גיך, איינער אַליין, ווען ער וויל און וווהין ער וויל.

אַזוי איז מיט די קענערס, אַזוי איז מיט מיכל פיאַטקע, מיט יאַנקל איצי־יואָלס, מיט ישראל מנשהס און מיט אַלע אַנדערע — אַלע האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט אייגענע פערד, גדליה זעט זיי מער קיינמאָל נישט ביי זיך אויפן וואָגן.

אָפטמאָל איז ער געפאָרן ליידיק צום וואָקזאַל.

זיינע בעל־עגלישע גלעקער האָבן אומזיסט אָפּגעקלונגען פערט־האַלבן שעה אויף די סטעפּעס, אומזיסט אויסגעציילט דעם לאַנגן זו־מער־טאָג זיינע מינוטן.

פון אַזאַ אומזיסטיק פאַר־עכץ ציט אָן אויפהער ביי דער נשמה. גלייך דעם גאַנצן וועג וואָלט מיטגעפאָרן זייער אַ שלעכטע בייזע הייב און וואָלט עסן.

נאָר פיל ערגער פילט זיך גדליה, אויב אים קומט אויס פונם וואָקזאַל צו פאָרן ליידיק אַהיים.

אַלע צוגן זענען שוין דורכגעלאָפן. אויפן וואָקזאַל איז שטיל, ווי אַרום אַ שלאָפנדיקן גאַסטהויז און קיין פאַרשוינען זענען נישטאָ.

גדליה שטייט דאַן לעבן זיין וואָגן און קייעט אַ שטרוי.

ער טראַכט מיט וויטאָג:

— ווי אויף צו־להכעיס.

ער וואַרט נאָך אַלץ, טאָמער וועט אַ פּאַרשוין קומען, כאָטש פונוואַנען זאָל ער קומען?

אים איז ביטער.

קייענדיק די שטרוי, געדענקט ער די נייע גבירים פון טאָל.

פילן פילט ער, אַז אים איז מען ווי אַרומגעגאַנגען, מען האָט אים ווי פאַרטיילט, און פאַר וואָס עפּעס אים?.. דווקא אים — דעם גרויסן...

עס טרעפט:

ער פאָרט ליידיק צוריק, איינער אַליין אַ שווערער אין זיין פוסטן וואָגן.

און פונהינטן יאָגט אים איבער אַ פרייליכע פור פון אַ נייעם גביר, אַ גרינגע און פרישע.

די פור לאָזט אים איבער ווייט הינטער זיך און גדליה פאָרט דאַן ווי עמעצן אויף צופיקעניש נאָך מער פאַמעלעך.

אין האַרצן גליט אַ קויל און ער שעלט ביין און שטיל, ווי פאַר זיך:

— אַ בראַנד אין זיי..

— אַ כאָלעריע...

---

ווען אָט די נייע גבירים וואָלטן געהען נישט קיין אויפגעקומענע, נישט קיין „נגיקלעך", וואָלט אפשר דער פאַרדרוס נישט געווען אַזוי גרויס.

גדליה פילט, אַז ער וואָלט פון צען פון זיי אויף איינמאָל געקענט מאַכן אַ לעמעשקע — אַז זיי אַלע זענען רייך און ער, גדליה...

ער האָט געפרוּווט אַ האַנדל טון, אַ בייט געבן זיין פערד אויף אַ צווייטן, דעם צווייטן אויף אַ דריטן. ביי איין „בייט" האָט ער צוגעצאָלט, ביים צווייטן „בייט" האָט מען אים צוגעצאָלט, ביים דריטן „בייט" האָט ער ווידער יענעם צוגעצאָלט.

נאָך אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זיינע אָפּגעשפּאָרטע פאַר רובל האָט ער צוגעלייגט, אַליין איז ער קוים געבליבן צוריק ביים ערשטן

פערד, און פון דער זייט האָט מען זיך איבער אים געוועדטלט:

— נו, וואָס, גדליה? עס איז אַז אָך און וויי, אַז מען האָט נישט קיין חיסרון.

דערצו נאָך האָט זיך געטראָפן די מעשה מיט זיינוולען — אויך ער האָט אָנגעהויבן רייך צו ווערן.

א מאָדנע מעשה:

געווען איז זיינוול אַ יונגער בחור, אויך אַ בעל־עגלה, ווי גדליה, נאָר נישט אַליין אַ בעל־עגלה, אַ שמייסער ביי אַ בעל־עגלה.

געפאָרן איז ער, ווי גדליה, אַלע טאָג צו דער באַן, געשטאַנען דאָרט אינאיינעם מיט אים און געוואַרט אויף פּאַרשוינען. געווען איז ער דער איינציקער מיט וועמען „שבט גדליה" האָט ביים וואָקזאַל פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ בעל־עגלישן שמועס.

כאָטש אויך דאַן האָט זיך גדליה געפילט ווי נאַריש און זיין פנים האָט ווי געוואָלט שמייכלען, זיינוול — אַ יאַדערדיקער, רירעוודיקער און פעסטער בחור, און גדליה האָט דאָך צו אים אַ געפיל ווי צו אַ דין, איידל שטעקעלע, וואָס ברעכט זיך.

איינמאָל, ווען זיינוול האָט געוואָלט כלומרשט זיך ראַנגלען, האָט זיך גדליה איינגעבויגן און האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים מיט איינגעבויגענע עלנבויגנס:

— קום נאָר אַהער, דו ליאַלקע, דו.

און אַז ער האָט זיינוולען דעמאָלט אַריינגעכאַפּט די הענט און אים צוזעקוועטשט צו דער ברוסט, האָבן ביי זיינוולען זיך געוואָרפן די הענט און די פיס, ווי ביי אַ קליין הינטל, וואָס קאָן זיך נישט בייסן.

נעמט זיינוול אין מיטן זומער און וואַרפט אַוועק — אויס בעל־עגלה.

— זאָלן אים, זאָגט ער, מיין באַלעבאָס, צעלובן די ווערים, איך האָב פון אים אַ קרענק.

אַליין פאַרדינט ער זיך אויפן חודש און אַרבעט אין פעלד לעבן אַ רייכער פערמע ביי אַ נייער דרעש־מאַשין, וואָס פאַררויכערט אינמיטן די סטעפּעס דעם זומערדיקן הימל.

זיינוול ווערט פאַרברענט פון זון און אַרבעט ביי דער מאַשין פון זון־אויפגאַנג ביז זון־זעצן.

— סע גוט, דערציילט ער גדליהן, ווי איך בין אַ ייד, סע גוט.
נאָר אין איינעם אַ שטאַרק הייסן זומערדיקן בייטאָג ברענגט מען אים צו פֿירן אין טאָל אַריין אויף אַ פֿור. זיינוול ליגט אַ פֿאַר-חלשטער.
ביי דער מאַשין האָט אים אָפּגעריסן אַ האַנט.
אָבער ווי אָפּגעריסן, — די גאַנצע לינקע האַנט ביזן אַקסל.
זיינוול איז איין זאַך, די אָפּגעריסענע האַנט — אַ צווייטע זאַך, — מער קערן זיי זיך נישט אָן איינער מיט דעם אַנדערן.
נאָר זיינוול איז אַ יונג אַ פֿריילעכער; ער וועט זיך נישט זעצן זאָרגן. ער איז גיך געזונט געוואָרן און פֿאַר זיין אָפּגעריסענע האַנט האָט ער ביי עמעצן אויסגעלאָדן גאַנצע דריי טויזנט רובל — די „ערשטע דריי טויזנט".
איצט גליקט ער, ווי אַלע נייע גבירים, וואָס אין טאָל.
ער איז אַ שותּף מיט מיכל פּיאַטקע און קויפֿט אָפּ אין מאַרק אַ קלייט נאָך אַ קלייט. זיי האָבן ביידע אַ בשותּפֿותדיקע פֿערד-און-וועגעלע און יאָגן ארום איבער דער געגנט. מיכל פּיאַטקע שפּאַנט מלמדיש דאָס פֿערד. זיינוול העלפֿט אים מיט איין האַנט, ווייל דער לינקער אַרבל איז ביי אים אַ ליידיקער, גלאַט אַזוי אַן אַרבל, וואָס באָמבלט זיך.
אַליין אָבער איז ער געוואָרן נאָך יאָדערדיקער, רירעוודיקער. ער שטייט אויף די פֿיס פֿיל פֿעסטער ווי פֿריער. ער איז שטענדיק אָנגעטון ווי אַ חתן און זאָגט וועגן דעם ליידיקן אַרבל זיינעם:
— איז וואָס אַרט עס מיך?.. אַנו לאָמיך וועלן דאָס שענסטע מיידל...
גדליהן האָט ער איינמאָל געטראָפֿן ביי דער באַן.
גדליה איז געשטאַנען איינער אַליין לעבן זיין פֿור; ער האָט אַרויסגעקוקט אויף פּאַרשוינען.
— איז וואָס, — האָט זיינוול צו אים אַ ווונק געטאָן מיט איין אייגל — דרייסט נאָך אַלץ מיטן בייטשל?
גדליה האָט זיך נישט אומגעקוקט.
— איך דריי, — האָט ער פֿויל אריינגערוקט אַ האַנט טיף אין וואָגן אונטער דער שטרוי — אַ ברירה האָב איך.

זיינוול האָט זיך געגעבן אַ קיילעכדיקן דריי, ער האָט פּרייליך אַ פּאָך געגעבן מיט זיין ליידיקן אַרבל.

— אָן אַ חיסרון גייט דאָס נישט, דו, יאָלד איינער... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר ?...

און ער האָט גענומען פון אים אָפּלאַכן, בילן אויף אים, ווי אַ קליין הינטל אויף אַ גרויסן :

— גראָבער קאָפּ! וואָס קומט דיר ארויס, וואָס דו ביסט גרויס, ווי אַ שקאַפּע ?

און נאָכדעם האָט ער גענומען צושטיין צו אים אָפּט, כמעט אַלע מאָל ווען ער האָט אים אין שטאָט באַגעגנט.

— דו, שבט גדליה, דו, נבלה, דו... מען נעמט און מען לייגט אַנידער ביי דער באַן אַ האַנט אָדער אַ פוס... וואָס־זשע ? זיי וועלן דיר דאָרט נישט באַצאָלן, וועלן זיי דיר נישט ?.. זיי זענען קארג רייך, זענען זיי ?.. עדות קריגט מען, זאָג איך דיר, עדות קריגט מען, ווי איך — פּאָר צוויי פינף־און־צוואָנציקער.

אָדער :

— דו, גרויסע שקאַפּע, דו... ווען מען האַקט דיך אונטער ביז די קניען, בלייבסטו דאָך נאָך אַלץ צוויי מאָל גרעסער, ווי מיכל פּיאַטקע.

דערביי האָט ער געהיט „שבט גדליהס” הענט, געקוקט ווי זיי רייבן זיך אָן די קלובעס, ווי אויף פּעטש צו געבן, און איז אַלע רגע אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט.

— איך האָב אָט־אָט־דאָ... — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער געבליבענער האַנט איבערן טאַש, ווו עס ליגט זיין געלט־בייטל — אַ־ שטייגער, וויפל, טראָגט דיר דיין קאָפּ, האָב איך אָט־אָ־דאָ ?

איז אָט איבער אָט דעם זיינוולען...

## V

ביי „שבט גדל־ה” האָט די קויל אין האַרצן געגליט שטאַרקער.

פון טאָג צו טאָג איז זיין שנאה צו די נייע גבירים געוואַקסן.

פאַר די אויגן האָט אָן אויפהער אַרומגעשוועבט זיינוולס ליידי־ קער אַרבל.

דער אַרבל האָט זיך געבאַמבלט, געבאַמבלט, און ערגעץ טיף אין האַרצן איז שוין דאַן דער באַשלוס געווען אַ פּאַרטיקער, אַ פעסטער.

— און, מילא, כאַפּט עס אַ שוואַרץ יאָר — ווייניקער מיט אַ שטיקל פוס.

איצט האָט ער שוין נישט געוווסט אויף וועמען די קויל בײַ אים אין האַרצן גליט: — אויף די נײַע גבירים, אויף זיינוולס לײַדיקן אַרבל, צי אויף זיך אַליין, אויף זיין אייגענער געוואַלטיקער וווקס און געוואַלטיקער ברייט.

איצט האָט ער געלעבט ווי אין טשאַד און אַ געפיל איז בײַ אים אָפּט געווען אַזאַ, גלייך מען האָט אים שטאַרק פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע און ער קוקט בלויז מיט די אויגן. ער זעט אַלצדינג, וואָס אַרום טוט זיך, נאָר הערן הערט ער נישט קיין מינ־דעסטן קלאַנג.

צום ערשטן מאָל האָט אים אַזאַ געפיל באַהערשט אין איינעם אַ פרייטיק.

דורכגייענדיק אין מאַרק צווישן די ווייבער און צווישן די פורן, האָט ער דערזען אשר דעם פישער, פון דעם ווייטלעכן דאָרף — אַ פעסטער און רירעוודיקער יידל, אַ פאַרשמאַלצעוועטער, ווי אַלע אַנ־דערע מאַרק־יידן, נאָר דער רעכטער פוס איז בײַ אים אונטערגע־האַקט — צום רעכטן פוס, אַביסל העכער פון דער קני, איז בײַ אים מיט פּאַסעקלעך און מיט רימענדלעך צוגעשפּילעט אַ הילצערנער קוליע, אַ גראָבער, ווי אַ פוס אָן אַ טריט.

„שבט גדליה" איז דאָרט אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי אַ פאַרטשאַ־דעטער און האָט געקוקט, ווי ער גייט גרינג, אָט דער אשר, ווי אַלע מענטשן, בײַ יעדן טריט טוט ער זיך בלויז ברייש אַ וויג אין בײדע זײַטן.

גדליהן האָט דאַן עמעצער גערופן, נאָר בײַ אים זענען די אויערן געווען ווי פאַרשטאָפּט. ער האָט בלויז געזען, ווי מען מאַכט צו אים מיט די הענט, נאָר הערן האָט ער נישט געהערט קיין מינ־דעסטן קלאַנג.

פון דענסטמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו קאַליקעס.

ער האָט זיך תמיד אָפּגעשטעלט לעבן זיי און האָט זיי באַטראַכט גלאַט אַזוי אָן שום געדאַנקען ביי זיך אין קאָפּ.

זיי האָבן אים צו זיך געצויגן.

זיי האָבן אים ערגעץ ווהין ווי געוואָלט פאַרנאַרן...

און נאָכדעם האָט זיך אים זייער אָפט אָנגעהויבן חלומען, אַז ער האָט אים שוין, דעם חיסרון...

כמעט אַלע נאַכט אין סאַמע טיפסטן שלאָף, איז צו אים אָט דער חלום געקומען, און געווען איז פאר אים אי שרעקלעך, אי פול מיט טרייסט...

אין דער נאַכט, אין דער פינצטער, אין סאַמע טיפסטן שלאָף האָט ער פלוצים, ווי אין א שרעק, געקאָנט זיצן בלייבן, זיך אַ שאָקל געבן מיט אַ דרעמלדיקן מוח, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און אויף גיך, אויף גיך אָנהויבן צו שאַרן אַרום זיין קערפּער מיטביידע הענט, טאַפּן, נישטערן און אים זוכן, זוכן אָט דעם חיסרון...

נאָר אַביסל שפּעטער איז ער שוין ווידער מיט דעם געדאַנק וועגן „אים" שווער געשלאָפן און אין שלאָף געבענקט נאָך „אים", געוואַרט אויף „אים" אין איינער און דער זעלבער צייט אי מיט שרעק, אי מיט פרייד.

אַליין איז ער שוין צו יענער צייט גאַנצע טעג געווען פאַרטומלט. אַז מען האָט צו אים גערעדט, האָט ער געענטפערט פאַרטויבט.

ער איז צו דער באַן נאָך אַלץ געפאָרן.

און פאַרשוינען זענען פון מאָל צו מאָל געוואָרן ווייניקער און ווייניקער.

---

געווען איז דאָס אין אָנהויב אָסיען, אַ טאָג אַ טונקעלער, אַ טאָג אָן זון, אַ וואָלקנדיקער, נאָר זייער אַ שטילער, אַ שווערלעכער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי.

גאַנץ פרי האָט אַ ווינטל אָפּגעשטעלט דעם ביינאַכטיקן דריבנעם רעגן.

נאָר קלער איז דאָך נישט געוואָרן, ליכטיקער — אויך נישט.

דער קליינער ווינט איז פאַרשווּנדן און דער טאָג איז גע־בליבן אַ פאַרטויבטער, אַ נישט פילנדיקער, ווי אַ פאַרטערפּעט לייב — אַ טאָג, וואָס שלינגט איין אין זיך קלאַנגען און גיט זיי מער צוריק נישט אַרויס.

גדליה איז געקומען צו דער באַן ליידיק, איינער אַליין מיט זיין פור.

ער האָט איבערגעוואַרט איין צוג, אַ צווייטן, אַ דריטן, קיין פאַרשוינען, ווי אויף צו־להכעיס, איז נישט געווען.

קיין צוגן האָבן שוין אויך מער קומען נישט געדאַרפט.

גדליה איז באַך אַלץ געשטאַנען און האָט געוואַרט.

לינקס, ווייט פון וואָקזאַל, האָט ערגעץ געקלאַפּט אַ דרעש־מאַשין.

דאָס דרעשן האָט דערגרייכט אַהער כוואַליעסווייז און האָט דערמאָנט אָן אויפהער אָן זיינוולס ליידיקן אַרבל.

רעכטס מיט די רעלסן, וואָס ציען זיך אַוועק פאַרביי דער ראַמפּע, האָט מען אָנגעלאָדן וואַגאָנעס, אָנגעלאָדן זייער שווער און איינציקווייז.

גדליה האָט זיך איינגעהערט, ווי מען שטופּט אָפּ פון דער ראַמפּע אַ שווער אָנגעלאָדענעם וואַגאָן.

אָט קומט אונטער איינער פון די רעזערוו־לאָקאָמאָטיוון.

ער טוט דעם וואַגאָן אַ שטויס.

דער וואַגאָן קאָלערט זיך שטיל, ער גליטשט זיך אַוועק אויף די רעלסן.

עס דויערט אַזוי אַ היפּשע ווײַלע.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ, אַ שטילער קלאַנג פון בופאָרן — דאָס שטויסט זיך אָן דער וואַגאָן אין די ווייטע אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס.

אָנשטאָט אַוועקצופאָרן אַהיים איז גדליה אַרויפגעקראָכן צו זיך אויפן וואָגן. זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים אַראָפּ און האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דער שטרוי.

ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו שלאָפן.

נאָר דער שלאָף איז געווען אַ מאָדנער, אַ פאַרטויבטער.

עס איז געווען זייער שטיל.

און ווידער האָט פון ערגעץ ווייט כוואַליעסווייז דערגרייכט דאָס דרעשן פון דער מאַשין.

ווידער האָט דער לאָקאָמאָטיוו אָפּגעשטויסן פון דער ראַמפּע שווער־אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס.

אין די אויערן האָט זיך ווי אָן אויפהער געהערט:

א קלאַפּ.

אַ טויבער שטויס פון בופערן.

אַ שטילער קלאַנג.

גדליה האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז דער טאָג איז נאָך טונקעלער, ווי פריער.

די לופט איז נאָך טויבער.

די שטילקייט — גרעסער.

עס ווערט נאַכט.

ער איז אַראָפּגעקראָכן פונם וואָגן און האָט שטיל זיך גענומען גנבענען פונאונטן, אַרום און אַרום דער ראַמפּע.

איצט איז ער שוין ווידער געווען, ווי אין טשאַד. זיין געפיל איז געווען אזא, גלייך מען האָט אים די אויערן שטאַרק פארשטופּט מיט וואַטע, און ער קוקט בלויז מיט די אויגן. זען זעט ער, נאָר הערן הערט ער נישט קיין מינדסטן קלאַנג.

ער האָט דערגרייכט צו די אנגעלאָדענע אָפּגעטיילטע וואַגאָנעס, וואָס וואַרטן ווייט פון דער ראַמפּע אויף נייע, און האָט גלייך געפונען אַן אָרט צווישן צוויי אָפּגעשטאַנענע וואַגאָנעס.

אַרום איז קיינער נישט געווען.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן די רעלסן מיטן פּנים אַראָפּ און האָט צווישן די צוויי אָפּגעשטאַנענע וואַגאָנעס אריינגעלייגט זיין פוס. איצט האָט ער אָט פון דער זייט ווו עס געפינט זיך די ראַמפּע דערהערט אַ שטויס פונם לאָקאָמאָטיוו. ער האָט זיך צוגעדריקט מיט דער ברוסט שטייפער צו דער ערד און האָט שטאַרק, שטאַרק פארמאַכט די אויגן.

אויף מאָרגן, ווען ער איז אין גרויסע ווייטיקן און אין גרויס היץ געלעגן ביי זיך אין דער היים, האָט ער געפילט:

עמעצער וועקט אים אַלע ווײַלע, ווי פון חלשות.

אַלע ווײַלע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, דערזען, ווי עס דרייען זיך אַרום אים מענטשן, געפינטלט אַקעגן זיי מיט די אויגן, נאָר קיינעם פון זיי נישט דערקענט.

אָקאָרשט ביינאַכט, ווען ער האָט בײַנייס געעפנט די אויגן, האָט ער ווי אין חלום דערקענט דעם לײַדיקן אַרבל, וואָס באָמבלט זיך אַקעגן בעט אין דער לופט — זיינוולס לײַדיקער אַרבל.

אויף דעם וווּנק פון זיינוולס אַ פריילעכן אייגל האָט ער דערקענט.

זיינוול האָט זיך צו אים אָנגעבויגן איבערן בעט און האָט אים הויך אַרײַנגעשריגן אין אויער:

— מזל-טוב, „שבט גדליה״! מזל-טוב מיט „די ערשטע דריי טויזנט״!

נ אָ ט ע

# נאָטע

אַ פּולער, נישט קיין בלאָנדער און נישט קיין רויטער, נאָר עפּעס אַ „צווישן״; נישט קיין בחור און נישט קיין יונגערמאַן, נאָר עפּעס אַ „מיטעלער״. אַ ברייטער פּנים מיט באַקן, וואָס שטייען אָפּ, ווי פון צוויי אונטערגעלייגטע וועלישע ניס, אַפּאָר עזותלעכע וואָנצעס, אַ געשוירן בערדל אַ „קמץ״ — דאָס איז ער: נאָטע קאַץ; ער איז אַ קאַט אויף ווייבער. קיינער ווייסט נישט מיט וואָס פאר אַ כּוח ער „נעמט״ זיי און וואָס פאר אַ חיסרון האָט ער, וואָס אין צוויי-דריי וואָכן נאָך דער חתונה אַנטלויפן זיי פון אים און וואַרפן אים צו זייער מיידלישקייט, זייער נדן און אָפּטמאָל אויך זייערע קליידער. נאָטע קאַץ געפינט זיך דעריבער שטענדיק אינם צושטאַנד פון אַ חתן — זיין קעפּעלע האַלט זיך תמיד אין איין פאַרנייגן, גלייך ווי ער איז אַ באַלעבאָס פון זייער אַן אָנשטענדיקן רעסטאָראַן, און אַלע מענטשן, וואָס ער באַגעגנט, זענען זיינע געסט; זיינע אויגן קוקן אויף יעדעס מיידל „סאַרוועריש״-ליב, ווי זיי וואָלטן זי באַוווּנדערן:

— זעט נאָר! זעט נאָר!.. קיין עין-הרע נישט.

ווייל עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז יעדעס מיידל זאָל נאָך אַמאָל זיין זיינע אַ כּלה. נאָטע קאַץ גייט דעריבער שטענדיק אָנגעטון ווי אַ חתן. ער טראָגט טונקל-גרינלעכע „ווייזיטקעס״, וואָס פאַרקנעפּלען זיך בלויז אויף איין קנעפּל, און עפּעס אַ פאַרהוילענע האַנט האַלט דאָס קנעפּל אין איין אָפּשפּילען, ווייל זיינע אייגענע הענט האַלטן עס תמיד אין איין קונציקן צושפּיליען. דערביי האַלט

ער זיך תמיד אין איין נייגן פֿאַר יענע מענטשן, וועמען עס קומט פֿון אים געלט, און אין איין מודה זיין:

— נו יאָ, אַ חוב איז אַ חוב, מענטש איינער.

— אַ וועקסעלע איז אַ וועקסעלע.

ער האָט וויזיט-קאַרטלעך, אויף וועלכע עס איז אָפּגעדרוקט מיט שיינע פֿאַרדרייטע אותיות:

נאַטאַן קאַץ — קעניגסבערגער קאָמיסיאָנער.

נאָר די דאָזיקע קאַרטלעך זענען נאָך ביי אים געבליבן פֿון זיינע ערשטע צוויי חתונות. צו זיין ערשטער חתונה האָט מיט אים נאָך אַ שידוך געטון זיין פֿאָטער; און נישט אַזוי זיין פֿאָטער האָט דאַן מיט אים זיין שידוך געטון, ווי זיין פֿאָטערס שטיבל — אַ שטיבל מיט אַ נידעריקן שטרויענעם דאַך, וואָס האָט נישט קיין פֿאַרענדיקטע טיר צו דער הויפּט-גאַס און איז דאָך ווייט נישט גלייך צו אַנדערע אָרעמע שטיבלעך, ווייל עס האָט זיך נאָך אַמאָליקע יאָרן אַריינגעגנבעט צווישן אַ גאַנצע רייע שטאָלצע גבירישע הייזער און זיך דאָרט צווישן זיי געריבן, זיך צו זיי געצויגן, נאָר אויסציען זיך נישט געקאָנט און געבליבן אויף אייביק האַלב-נגידיש, האַלב-קבצניש; אַ שטרויענער דאַך און גרויסע ווייס-געפּאַרבטע פֿענצטער; אַ זייטיקער אַריינגאַנג און אַ גלעקל ביי דער טיר; ני-דעריקע הילצערנע באַלקנס און רייגע געפּאַרבטע פּאָדלאָגעלעך.

נאָטעס פֿאָטער, אַז ער האָט געלעבט, האָט ער זיך אַליין אויך „געריבן" צווישן גבירים, פּונקט ווי זיין שטיבל האָט זיך „גע-ריבן" צווישן זייערע הייזער, און אַז ער האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך נאָטעס ערשטן פֿאַרמעגלעכן מחותן, האָט ער אים דאָ געוויזן נישט אַזוי זיין אייגן שטיבל, ווי די אַרומיקע גבירישע הייזער.

— מחותן, — האָט ער צו אים געזאָגט — קומט אַביסל אין גאַס שפּאַצירן.

ער האָט דאָרט דעם מחותן אויסדערציילט זייער פֿיל וועגן יעדן גביר באַזונדער, וויפֿל גרויסע קאַפּיטאַלן יעדער פֿון זיי פֿאַר-מאָגט און אין וועלכע גרויסע מסחרים זייערע קאַפּיטאַלן ליגן, אַזוי אַז דער פֿרעמדער פֿאַרמעגלעכער ייִד איז ממש געווען אַנטציקט, גלייך ער טוט אַ שידוך מיט דער גאַנצער גבירישער גאַס. נאָר

באָטע האָט אין דער פרעמדער שטאָט אָפּגעלעבט מיט זיין ווייב נישט מער ווי אַפּאָר חדשים. ער האָט זיך מיט איר געגט און באַלד חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, וועלכע האָט פון איר זייט צו־ליב אים זיך געגט מיט איר מאַן; די צווייטע האָט ער אַוועקגע־וואָרפן נאָך איידער ער איז אַנטלאָפן קיין קעניגסבערג מיט אַ דריט־טער, אַ יונג מיידל, וואָס האָט אָנגעקערט דער ערשטער אַ געשוויס־טערקינד, און פון דענסטמאָל אָן זענען ביי אים פאַרבליבן די וויזיט־קאַרטן:

נאַטאַן קאַץ — קעניגסבערגער קאָמיסיאָנער.

דאָס איז געווען שוין לאַנג, נאָך צוריק מיט אַ יאָר צוועלף אָדער מער, נאָר אויף באָטען איז דאָס געווען כמעט נישט צו דער־קענען, ווי עס איז נישט צו דערקענען אויף אַ חתן, אַז ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך. אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהער אין שטאָט, האָט שוין דאָ מער נישט געלעבט נישט זיין מוטער, נישט זיין פאָטער, און זייער שטיבל איז געווען באַזעצט פון גאַנצע צוויי אָרעמע, פיל־קינדערדיקע משפחות — אָרעמע שכנים, וואָס פאַסן גאָרנישט צו דער אַרומיקער גבירישער גאַס און שרייען זייער הויך, אַז אויף זיין פאָטער האָבן זיי חובות — זיי האָבן וועקסלען. און נישט אַזוי די שכנים אַליין שרייען הויך, ווי זייערע ווייבער — שרייענדיקע ווייבער. יעדערע פון זיי האַלט אַ ברודיק זויג־קינד אויף די הענט; ביי יעדערער שרייט איר קינד, און יעדערע, אַז זי רעדט, מוז זי איר קינד איבערשרייען. נאָטע האָט מיט די דאָזיקע שכנים איינגעטענהט זייער לייטיש און דער עיקר שטיל, מען זאָל נישט דערהערן אין גאַס:

— נו יאָ, חובות איז חובות.

— אַ וועקסעלע איז אַ וועקסעלע.

און אַרויסגעזעצט האָט ער זיי פון זיין געירשנטן שטיבל מאָדנע שטיל, ווי אַ לייטישער באַלעבאָס פון אַ רעסטאָראַן זעצט אַרויס אַפּאָר נישט אָנשטענדיקע געסט.

פון דענסטמאָל אָן איז נאָטע דאָ פאַרבליבן אַ תּושב, אַן איינגעזעסענער, ווי אַלע איינגעזעסענע, נאָר דאָך אַן אַנדערער, ווי אַלע — אַ יונגערמאַן, וואָס באַוואונדערט די אַרומיקע איינוווינער

אַלעמאָל מיט אַ נײַ ווייב. ווי אַ יונגע נגידישע שנור באַוואונדערט מיט אירע חתונה-קליידער. אין שטאָט האָט מען דעריבער אויפגע-הערט זיינע ווייבער צו רופן ביי די נעמען. מען האָט אויף זיי געזאָגט:

— די דריטע נאַטעכע, די פערטע נאַטעכע א.א.וו.

געווען איז צווישן זיי איינע אַ בלאָנדע, אַ געפּאַקטע, מיט גאָלדענע הויך-פאַרקעמטע האָר, מיט אַ הויכער ברוסט. זי פלעגט שטיין מערסטנטייל אין דרויסן לעבן די פענצטער, האַלטן די הענט „פּאָדבאָקאָם", און דער עיקר איז ביי איר דאָ געווען צו פאַרפירן באַקאַנטשאַפט מיט די פרויען פון די אַרומיקע גבירישע הייזער. אַלע-מאָל, ווען אַ מאַנסביל האָט איר פאַר עפּעס-וואָס געזאָגט אַ דאַנק, האָט זי געענטפערט מיט יצר-הרעדיקע אייגעלעך:

— אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק.

געווען איז איינע זייער אַ הויכע, אַ טונקעלע, מיט זייער אַ פלייִשיק פּנים, מיט זייער אַ ברייטער פלייִשיקער נאָז און מיט גרוי-לעכע זייער פאַרשלאָפענע אויגן. זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס שקאַפּעדיקס און פוילס, און געווען איז זי זייער ענלעך צו דער שיקסע, וועלכע האָט געדינט ביי די בלאָושטיינס אינם נאָענטן רייכן הויז און וועלכע האָט דאָרט איינמאָל ביי די בלאָושטיינס אין קיך זיך געסמט מיט קאַרבאָל. נאָר יענע, די שיקסע, האָט זיך ווייניקער געפּוצט.

געווען איז איינע אַ דאַרע, אַ שוואַרצע, מיט אַ שמאָל גע-זיכט, מיט אויסגעבערענטע גריבער אונטער די אויגן, מיט אַ גלייכן שרונט צווישן די גלאַט-צוגעקעמטע גלאַנציקע האָר, מיט לאַנגע אוי-רינגלעך, ווי ביי אַ ציגיינערין.

געווען זענען צווישן נאַטעס ווייבער נאָך און נאָך. און אַלע זענען זיי דורכגעגאַנגען פאַר דער שטאָט ווי רעטענישן, גלייך זיי זענען טעכטער פון עפּעס אַ מערקווירדיקן אומבאַקאַנטן לאַנד, און בלויז נאַטעס קאַץ ווייסט דעם וועג אין יענעם לאַנד אַריין. אַז ער דאַרף איבעראַנייס חתונה-האָבן, פאָרט ער אַהין אַוועק און „נעמט" דאָרט אַ ווייב, פּונקט אַזוי גרינג, ווי גרינג מען רייסט אָפּ אַ פרוכט

אין אַ יאָר פון גערעטעניש אין אַ גאָרטן, ווען אַלע אויב זענען שוין צייטיק; ער ברענגט זי פון דאָרטן אַהער אין שטאָט, און ביי אים אין שטיבל ווערט דאָן אויף צוויי־דריי וואָכן ווידער לעבעדיק.

---

אין פרייע, ליידיקע וואָכן — אין וואָכן, וואָס צווישן איין ווייב און אַ צווייטער — רוט נאָטע קאַץ מיט אַ פאַלקאָמענער רו, ווי עס רוען פעלדער אין אָסיען. ווי אַ מענטש רוט אום שבת. מערסטנטייל שלאָפט ער. און אַז ער אַליין שלאָפט נישט, שלאָפן דאָך אַלע זיינע גלידער; ער גענעצט און מאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס קאָסטן נישט קיין סך כוח — ער שטאָפט זיך אָפּ אויף אַ גאַנצן ווינטער פּאַפּיראָסן.

ביי אים אין שטיבל איז שטיל, ציכטיק־ריין און אַנדערש, ווי אין אַלע אַרומיקע שטיבער. אין שטאָט איז אַלץ נאָך נישטאָ קיין טע־לעפאָן, נאָר ביי נאָטע קאַץ אויפן עק פון שרייבטיש געפינט זיך דאָך אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט און צווישן די פילע זאַכן, וואָס מאַכן וויכטיק דעם שרייבטיש פון אַ באַשעפטיקטן מאַן, ליגן דאָרט לעבן אַפּאַראַט זייער סאָלידע צוויי האַנטביכער — האַנטביכער פון קע־ניגסבערגער טעלעפאָן, קעניגסבערגער אַדרעסן און קעניגסבערגער אַנאָנסן. אין שטאָט רעדט מען אָקאָרשט מכוח דעם, אַז עס איז מעג־לעך, אַז מען זאָל איינפירן עלעקטרישע באַלייכטונג, נאָר ביי נאָטע קאַץ איבערן שרייבטיש הענגען שוין פון לאַנג קיילעכדיקע עלעקטרישע לעמפּלעך, אין שטיבל צו נאָטע קאַץ קומט וואָכן לאַנג נישט אַריין קיין מענטש, נאָר צו די ווענט אין ביידע זייטן לעבן זיין שרייב־טיש זענען דאָך צוגעקלעבט צוויי צעטלען, וואָס וואָרענען זייער שטרענג — איין צעטל מיט רוסישע ווערטער:

— „ווּרעמיאַ — דענגי״ (צייט איז געלט).

דאָס צווייטע מיט העברעישע ווערטער:

— „אַז דו גייסט אַריין צו אַ באַשעשפטיקטן מאַן, ענדיק וואָס דו דאַרפסט און גיי דיר אַוועק!״.

אין שטאָט פירט נאָטע קאַץ כמעט מיט קיינעם נישט קיין באַ־קאַנטשאַפט. פּאַר פיינע, אָנגעזעענע לייט פּאַרנייגט ער זיך בלויז.

אויב ער באַגעגנט זיי, און שמייכלט דערבײַ זייער פרײַנטלעך, ווי אַ לייטישער באַלעבאָס פון אַן אָנשטענדיקן רעסטאָראַן שמייכלט צו זײַנע קונדן. רעדן אָבער רעדט ער זייער זעלטן, גלײַך ווי ער היט אָפּ זײַנע קרעפטן צוליב זײַן הויפּט=אַרבעט, צוליב די ווײַבער, וואָס ער ברענגט אַראָפּ פון דער פרעמד. דאָך איז איינמאָל אַ ווּס אַ גאַנץ טשעקאַווע געשיכטע צווישן אים און צווישן זייליק מאַגידסאָן — אַ יונגנמאַן מיט אַ ווײַכער און זייער געדיכטער באָרד, וואָס איז לעבער, ווי בײַ אַלע יונגעלײַט אין זײַנע יאָרן; אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אונטער זײַן קליינער היטל=קראָם געהאַט נישט בלויז אַן אייגענע קירזשנערײַ, נאָר ער איז דאָרט מיט דער צײַט אַליין אויך געוואָרן אַ קירזשנער: געניִיט היטלען, ווי אַ קירזשנער, גערעדט מיט אַ שווערן גראָבן לשון פון אַ קירזשנער און באַקומען שוואַרצע הענט און אַ שווערן קאָפּ, ווי אַ קירזשנער. זייליק האָט דאַן אויף נאָטע קאַץ „אַרײַנדערלאַנגט”, און אין געריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרײַזן אויף אַלע היטלען האָט בײַ אים אין קראָם געדענקט בלויז זײַן ווײַב הינדל, און אַז הינדל איז געשטאָרבן, איז ער געבליבן אָן איר, ווי אָן אַ זיכּרון און אָן לשון. געלאָזט האָט זי אים סך=הכּל מיט איין מיידעלע פון אַ יאָר עלף און מיט אַ גוטער פּרנסה, נאָר די שידוכים, וואָס מען האָט אים באַלד אָנגעהויבן צו רעדן, האָבן זיך עפּעס ווי נישט געקלעבט.

און נישט ער, זייליק מאַגידסאָן, איז אין דעם געווען שולדיק, ווי זיי, די מיידלעך און ווײַבלעך, וואָס מען האָט אים גערעדט. עפּעס, אַז זיי האָבן נאָר אויף אים אַ קוק געגעבן, איז ווי אַ פּגירה אויף זיי... ווי אַ כאָלעריע אויף זיי... נו יאָ... און „דאָס דאָזיקע אָ” האָט ער, זייליק מאַגידסאָן, באַדאַרפט האָבן נישט אַזוי צוליב זיי, ווי צוליב באַלעבאַטישקייט. נו יאָ... איז ער איינמאָל אום שבת נאָכן שלאָף געגאַנגען אויף דער הויפּט=גאַס. צוזאַמען מיט זײַן מיידעלע איז ער געגאַנגען, און ווי ער גייט זיך אַזוי פּאַמעלעך, דערזעט ער, נאָטע קאַץ שטייט אין דרויסן לעבן זײַן שטיבל און קוקט אויף אים און שמייכלט, כאָטש אַליין האָט ער זיך צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן געגט.

— הער נאָר, דו בריה דו, — האָט ער דאָרט געזאָגט נאָטען —

וואָס שמייכלסטו? דו זאָג מיר בעסער אויס... דעם שכל זאָג מיר בעסער אויס...

געזאָגט האָט ער עס צו נאָטען גלאַט, אַזוי. נאָר נאָטע אָבער האָט אים דענסטמאָל אַריינגערופן צו זיך אין שטיבל און האָט אים דערציילט, אַז „עס איז נישט אַזוי גרינג... און אַז מען דאַרף דאָס קענען... מען דאַרף עס קענען"... דערנאָך האָט נאָטע זייער אָפּט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו אים אין היטל־קראָם, ווו ער, זייליק, האָט אים, נאָטען, „געגעבן דערויף געלט", און בעת ער האָט אים די געלט געגעבן, האָט ער נאָך אפילו צו אים, נאָטען, געזאָגט: „איז וואַרט־זשע, איז ווי וועט עס זיין?"

אויפן געריכט האָבן טאַקע דער עיקר געשפּילט אַ ראָלע אָט די ווערטער:

— „איז וואַרט־זשע, איז ווי וועט עס זיין?"

ווייל אַזוי זאָגט מען שטענדיק צו אַ שותּף, בעת מען לייגט אַריין געלט אין אַ שותּפות. נאָר נאָטע האָט געטענהט, אַז געלט האָט ער טאַקע ביי זייליקן אין היטל־קראָם גענומען. און ער זאָגט זיך דערפון נישט אָפּ, ווייל:

— אַ חוב איז אַ חוב.

— אַ וועקסעלע איז אַ וועקסעלע.

נאָר די געלט האָט אים זייליק פּשוט געליען און וועגן „אויס־זאָגן אַ סוד", אָדער „אויסלערנען דעם שכל" איז צווישן זיי קיין שום רייד נישט געווען.

דעם געריכט האָט מען צונישט געמאַכט. פון אים איז גאָרנישט אַרויס, אויב מען זאָל נישט רעכענען דאָס, וואָס אין דרויסן האָט נאָכדעם זיך זייליק פּלוצים צוגעכאַפּט צו נאָטען, אים פּלוצים אַריינ־געגומען אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט אים וועלן צודריקן צו דער ברוסט. די גאַנצע גאַס האָט קאַלטבלוטיק צוגעקוקט, ווי נאָטע איז אַרויס פון זייליקס הענט אַ צעקנייטשטער, אָן אַ היטל, מיט אַן אָפּ־געריסענעם קראַגן, וואָס וואַלגערט זיך אין איין עק טראָטואַר און מיט אַ צוטראָטענעם קראַוואַט, וואָס וואַלגערט זיך אין צווייטן עק.

אויף צו־להכעיס דער גאַנצער שטאָט איז ער באַלד פאַרשווונדן אויף אַ וואָך זעקס און האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט אַ נייער

נאָטעכע. איצטיקס מאָל האָט ער, שונאים אויף צו־להכעיס, אראָפּ־געבראַכט פון ערגעץ אַ געוויקסיקע און זייער אַ שלאַנקע מיידל, אַ יונגע, מיט צוויי פעסטע צעפּ, וואָס פאַלן איר אין ביידע זייטן אויף די ברוסטן. און אַז מען האָט זי דערזען בלויז פון אונטן אין די פּלייצעס, האָט מען גלייך באַקומען מאָדנע אומרויקע פאָרגעפילן און מען האָט גלייך פאַרגעסן אָן אַלע מיידלעך, וואָס זענען חוץ איר פאַראַן אין שטאָט, גלייך אַלע זענען זיי בלויז נאָכגעמאַכטע, פאַלשע.

מען האָט וועגן איר געזאָגט:

— דווקא אַ פאַריקמאַכערס אַ טאָכטער, האַ?

— זעט נאָר, וואָס ביי אַ פאַריקמאַכער קען זיך אַמאָל פאַר־וואַלגערן.

זי האָט געהאַט עטלעכע געציילטע זומער־שפּרינקעלעך אויפן טונקעלן פּנים, האַרט אונטער גרוי־באַברעמטע טונקל־בלויע אויגן. איר נאָז איז געווען עטוואָס איינגעפאַלן און אַביסל לאַנג. נאָר ווען נישט אָט די נאָז... אין שטאָט האָט מען געזאָגט:

— הערסט אַ מעשה — ווען נישט אָט די נאָז, וואָלט דאָך גאָרנישט געווען.

און מען האָט איר גלייך אַ נאָמען געגעבן: „דער יצר־הרע". און נישט אַזוי איר אַליין, ווי איר נאָז. דאָס גאַנצע לעבן אין שטאָט האָט אָנגעהויבן צו פליסן פיל אויפגערעגטער און שנעלער, מען האָט געשפּילט פיל שנעלער ווי תּמיד אין קאָרטן, מען האָט שפּילנדיק אין קאָרטן גערעדט וועגן נאָטע קאַץ:

— זאָל ער אויף ראש־השנה און יום־כּיפּור אָוועקפאָרן צו אַלדי שוואַרצע יאָר מיטן „יצר־הרע".

נאָר נאָטע קאַץ האָט, ווי אויף צופיקעניש דער שטאָט, זייער אָפּט אַרומגעשפּאַצירט מיט איר אין גאַס. אַלע מאָל ווען ער האָט זיך מיט איר באַוויזן, איז מען געלאָפן צו אָפענע טיר און פענצטער קוקן, און אַ שטימונג איז דאַן ביי אַלע געווען גלייך אין שטאָט איז ערב אַ חתן־מאָל. און דער אויער האָט ווי פון זיך געוואַרט, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער אַ קלאַפּ טאָן די פּויק, עס זאָלן אַ שפּיל געבן קלעזמער.

בלויז איין זייליק מאַגידסאָן, דער באַוואַקסענער מיט דער ווײ־

כער געדיכטער באָרד, וואָס איז לענגער ווי ביי אַלע יונגעלייט פון זיינע יאָרן, האָט זיך נאָך אַלץ אומגעדרייט אַ דערהרגעטער און מיט אַזאַ מאָדנעם אומצופרידנהייט־געפיל, גלייך אויפן געריכט מיט נאָטע קאַץ האָט ער געזאָלט אויסלאָדן כאָטש אַ טייל פון אָט דער מויד, נאָר דער געריכט איז געווען אַ שלעכטער און האָט צוגעפסקנט נאָ־טען... שטייענדיק אויף די טרעפלעך פון זיין היטל־קראָם, האָט ער מיט האַרצווייטיק צוגעקוקט, ווי נאָטע שפּאַצירט אַרום מיט דער נייער מויד. דער קאָפּ איז אים געווען, ווי פאַרטשאַדעט. ער האָט, ווי פריער, נישט געדענקט קיין איין פרייז פון די היטלען, וואָס געפי־נען זיך ביי אים אין קראָם, און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַרום אים קומט פאָר:

— סך־הכל איין קינד... אַ גוטע פרנסה, און אַז זיי טוען נאָר אַ קוק אויף מיר איז עפּעס, ווי אַ פגירה אויף זיי... עפּעס, ווי אַ כאָלעריע אויף זיי...

# חלק · סערלס

## סערלס חלק

אַז סערל די שוואַרצע פּאַרקנייטשט אירע קורצזיכטיקע אויגן, ווי צו „שמע ישראל״ און קראַצט זיך שטאַרק אין איר שוואַרצן, צי־גענעם פּאַריק, הייסט דאָס נישט, אַז שלעכט גייען אירע געשעפטן אין קלייטל, וואָס זי האָט אין עק גרויסער שטאָט לעבן די זומער־וווינונגען; עס הייסט אויך נישט, אַז זי האָט גרויס צער, וואָס זי איז שוין אַלט עטלעכע און דרייסיק יאָר און האָט קיין קינדער נישט. אַז סערל קראַצט זיך מיט ביטערקייט פון אונטן אין פּאַריק, הייסט עס, אַז זי טראַכט וועגן מאַן אירן — דעם רויטן שלומקען, וועלכער געפינט זיך אין אַמעריקע; זי וויל וויסן:

— וואָס וועט הייַנטיקס יאָר זיין מיט אים, האַ?... וואָס וועט זיין?

שלומקע האָט אַ צווייטע ווייב אין אַמעריקע — אַזוי שרייבן סערלען אירע ביידע געשוועסטער־קינדער: איינע פון באָסטאָן, אַ צווייטע פון ניו־יאָרק. און אפשר האָט ער דאָרט עטלעכע ווייבער. דער רוח ווייסט אים!... נאָר איינע האָט ער ליב און האָט מיט איר קינדער — אַזוי האָבן סערלען געשריבן אירע ביידע געשוועסטער־קינדער פון אַמעריקע. און נאָך האָבן איר ביידע געשוועסטער־קינדער געשריבן:

— „הער־זשע, סערל: הייַנטיקן זומער וועט ער מן־הסתם ווי־דער צו דיר קומען, זאָלסטו אים נישט לאָזן אויף דער שוועל. דו הערסט, סערל? ער זאָל ביי דיר עפענען מיט דעם קאָפּ די טיר

אַז נישט ביסטו נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך, דו הערסט, סערל ז'".

פונקט דאָס זעלבע זאָגן סערלעןביידע רייכע דאַמעס — מאַדאַם גינע שמוליעוועטש און מאַדאַם זינע לעווענסאָן, וועלכע האָבן, אויף צופיקעניש איר מאַן, דעם שאַרלאַטאַן, אויסגעהאָלפן סערלען, ווי אַן „אייגענער שוועסטער". ביידע מאַדאַמען האָבן אין שטאָט זייערע אייגענע מאַסיווע פילשטאָקיקע הייזער, און דאָ אויף דער זומער-וווינונג האָבן זיי זייערע אייגענע שיינע ווילעס. ביידע האָבן זיך באַקאַנט מיט סערלען נאָך צוריק מיט אַ יאָר פיר, ווען איר שלומקע האָט זי נאָר-וואָס געהאַט אַוועקגעוואָרפן. ביידע האָבן אין איינעם אַ זומער-טאָג זי דערזען ביי זיך אין די גערטנער, צווישן די קלומבעס, וואָס זענען פאַרגאָסן מיט זון און באַפּוצט מיט בלומען. אויף די שטעגעלעך, וואָס זענען ווי לכּבוד יום-טוב באַדעקט מיט געלע, פרישע, ים-שטיינדעלעך, איז געשטאַנען אַן איינגעהויקערטע ווייבל מיט אַ לענגלעך פּנים פון אַ פויגל, מיט אַ שוואַרצן פאַריק אויפן קאָפּ און מיט אַ לאַנגער נאָז — אַן אויסגעדרייטע נאָז, ווי אַ לאַנג געבויגן דראָטל. זי האָט געפינטלט מיט אירע קליינע זייער קורצזיכטיקע אויגן. זי האָט געהאַלטן אַ קליין קוישל אויף דער האַנט און האָט געפרעגט:

— טיי... אפשר דאַרפן די מאַדאַמען טיי?

דאָס איז געווען סערל, אָדער ווי די מאַדאַמען האָבן זי נאָכדעם גערופן: „די וויסטע, אומגליקלעכע סערל", כּדי דער מאַן אירער, „דער הולטאַי", זאָל דאָרט אין אַמעריקע האָבן אַ געפּלאַצטע גאַל, האָבן די מאַדאַמען דאָ לעבן די זומער-וווינונגען אָפּגעדונגען פון סערלס וועגן אַ קלייטל; זיי האָבן איר אויסגעבאָרגט געלט; זיי האָבן געגעבן פאַר איר וועקסלען; זיי האָבן געזען, אַז סערלס קלייטל זאָל זיין געפּאַקט מיט פרישער סחורה און אַז סערל זאָל האָבן פיל קונים. ביי סערלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שפע. דער קלאַנג וועגן איר אויפגעבליט מזל האָט זיך פאַרטראָגן קיין אַמעריקע, און דער רויטער שלומקע האָט אָנגעהויבן נאָך איר צו בענקען. ער האָט איר אָנגעהויבן צו שרייבן בריוו, אַז אַמעריקע האָט אים אויסגעבראַכט פון זיינע כּוחות — ער וויל קומען; ער האָט

נישט אויף הוצאות. מערסטנטייל זענען פון שלומקען אָנגעקומען אַזעלכע בריוו אָנהויב פרילינג, ווען ביי סערלען אין קלייטל הייבט זיך אָן די שפּע.

אַלע מאָל, ווען שלומקע האָט צו סערלען אַזוי געשריבן, האָט זי געגומען זיין בריוו און איז אַוועק מיט אים צו די צוויי מאַדאַמען קליאַנטשען און בעטן, בעטן פאַר שלומקען:

— איך בעט אייך, מאַדאַמעטשקע... זייט אים מוחל, זאָל ער קומען...

נאָר די מאַדאַמען זענען זייער רייכע און פאַרעקשנטע מאַדאַמען, און אַז סערל קומט צו זיי אויף דער קיך מיט שלומקעס בריוו, צינדן זיי זיך אָן ווי די שוועבעלעך. זיי ווערן מאָדנע בייז און ביטער, און ווילן סערלס געבעט אפילו נישט הערן.

— וואָס?!.. — בייזערן זיי זיך אויף סערלען, — קומען וויל ער?!... ווער?! אָט דער שאַלטיק!.. ניין, בשום אופן נישט. ניין און ניין און ניין...

איבערהויפּט ווערט דאַן זייער שטאַרק אויפגעבראַכט די מאַדאַם גינע שמוליעוויטש. זי האָט זייער אַ ברייטן מויל און אַז זי רעדט שלענגלען זיך אירע בלאָע ליפּן, ווי אַן אַנטלויפנדיקער וואָרעם. יידיש רעדט זי מאָדנע, ווי אַ האַלבע ליטוואַטשקע, זי איז אַליין ערגעץ פון יענער זייט דניעפּער.

— איך האָב אייך פיינט, — זאָגט זי צו סערלען — איר זייט מיר מיאוס, ווי אַ שפּין... גייט אַהיים, זאָג איך צו אייך. איר האָט אינמיטן טאָג פאַרשלאָסן אייער קלייטל. איר פאַרטרייבט פון זיך קונים. גייט אין קלייטל אריין, זאָג איך צו אייך.

זי האָט אַ מאַן אַ דאָקטאָר, די דאָזיקע מאַדאַם שמוליעוויטש — אַ בארימטער דאָקטאָר און בארימטער פאַרשוין. ער איז נאָך יונג: ער טראָגט אַ שוואַרצע פראַנצויזישע באָרד און האָט אַן אייגענעם קליניק אין סאַמע צענטער פון שטאָט. איבערהויפּט איז ער שיין דאָרט אין קליניק, ווען ער דרייט זיך אַרום אין זיין ווייסן דאָקטאָרשן כאַלאַט. דער מאַדאַם שמוליעוויטש איז ער נישט איבעריק געטריי; אין די זומערדיקע חדשים זעט מען אים זעלטן אין דער

היים, כאָטש זיין גאַנצע רייכקייט נעמט זיך פון דעם גרויסן נדן, וואָס די מאַדאַם שמוליעוויטש האָט אים אַריינגעבראַכט.

אַז די מאַדאַם שמוליעוויטש גייט אַוועק פון קיך, בלייבט דאָרט סערל נאָך שטיין. זי זיפצט פון טיפן האַרצן און איר פנים זעט דאַן אויס זייער אומגליקלעך; זי הערט, ווי די דינסטן רעדן אויפן דאָקטאָר שמוליעוויטש און לאַכן פון זייער מאַדאַם:

— דער דאָקטאָר שמוליעוויטש, — זאָגן זיי צו סערלען — איז אויך נישט קיין נאַר. אַנטווייגען לאָזט ער זיך נישט...

— ער האַלט אויס ביי זיך אין קליניק אַ שטיקלעך פינף פעלדשערקעס.

— ליאַלקעס — איינע אין איינע.

— איצט האָט ער שוין דאָרט אַ נייע.

— אַ פוילישע, זאָגט מען — אַ צאַצקע.

— ער קומט דעריבער נישט נעכטיקן.

די קעכין שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן סערלען מיט נאַסע, רויטע עלנבויגנס, ווי אויף צו פּאַטשן זיך, און זאָגט צו איר:

— איך בעט אייך... די מאַדאַם ווייסט דען נישט? אַנו, פרעגט נאָר ביי איר...

סערל גייט פון דאָרט אַוועק קליאַנטשען און בעטן צו דער מאַדאַם לעווענסאָן; זי היט זיך זייער, זי זאָל זיך דאָרט נישט באַגעגענען מיט דער מאַדאַם לעווענסאָנס מאַן — ער איז אַן אָפּגעקראָכענער און געגאַלטער, ווי אַן אַלטער אויסגעדאַרטער קסיאָנדז; ער דרייט זיך אַרום ביי זיך אין דער היים אין אַ לאַנגן הויז-כאַלאַט און תמיד, אַז ער דערזעט דאָרט סערלען, קוקט ער אויף איר ווי מיט שרעק. ער פרעגט ביי איר, ווער איז זי און דורך וואַנען איז זי צו אים אין ווילינע אַריין.

— דורך דעם אונטער-טירל, — פרעגט ער — האַ? איי, איי, איי... ווידער איז דאָס אונטער-טירל אָפן?.. איי, איי, איי...

די מאַדאַם לעווענסאָן האָט פון אים געבראָטענע צרות, פון דעם דאָזיקן מאַן אירן. תמיד, אַז ער איז פאַראַן אין דער היים, זענען ביי איר די אויגן פאַרוויינט און די נאָז איז רויטלעך, ווי אָנגעשוואָלן.

און אַז זי קומט אַרויס צו סערלען אויף דער קיך, האַלט זי זיך מיט ביידע הענט פאַר די שלייפן.

— פרעגט נישט ביי מיר, — בעט זי זיך ביי סערלען און איז גרייט אין יעדער רגע זיך פונאַנדערצוכליפּען — גייט אייך צו דער מאַדאַם שמוליעוויטש. טוט ווי עס הייסט אייך מאַדאַם שמוּ־ליעוויטש.

דעמאָלט גייט סערל אַוועק צו זיך אין קלייטל און פילט, אַז זי איז מער אומגליקלעך פון אַלע אומגליקלעכע. פון גרויס פאַר־לוירנקייט קראַצט זי זיך זייער שטאַרק פון אונטן אין איר שוואַרצן פּאַריק און ווייסט נישט, פאַרוואָס לאָזן ביידע מאַדאַמען אויס זייער ביטער האַרץ נאָר צו איר שלומקען; פאַרוואָס איז איר שלומקע מחויב אָפּצוקומען פאַר ביידע מאַדאַמענס מאַנען? איר איז שטאַרק ביטער אויפן האַרצן; זי איז גרייט צו וויינען און איר רחמנות צו שלומקען שטייגט פון רגע צו רגע.

אין אָוונט, ווען זי שליסט איר קלייטל, זעצט זי זיך אַוועקביים קליינעם לעמפּל אין איינציקן צווייטן צימערל, וווּ צווישן פיל ליידיקע און פולע קעסטלעך שטייט איר בעט. זי קוקט זיך איין מיט קורצזיכטיקע אויגן אין דעם אָרעמען בייגעלע פּאַפּיר, וואָס שמעקט מיט הערינג, ווי אַלע זאַכן ביי איר אין קלייט, און שרייבט בגנבה צו איר שלומקען אַ בריוו:

„צו מיין ליבן און טייערן מאַן שלומקען און א. וו.
אַ דאַנק גאָט פאַר מיין געזונט און א. וו. אַזוי ווי דו שרייבסט,
אַז ווילסט קומען אַהיים, שיק איך דיר אויף הוצאות און א. וו...“

---

אָנהייב זומער, ווען אויף דער זומער־וווינונג אַרום די ווי'׳יעס גרינען און בליען די רויזן און די אַקאַציע־ביימער, קומט שלומקע צופאָרן פון אַמעריקע. ער איז אָנגעטאָן אין זייער ברייטע הויזן, ברייטערע, ווי עס טראָגן דאָ אַלע אַנדערע מאַנסבילן. ער איז אַ מיטל־ווּקסיקער און האָט אַ יונגן פּליך אויפן קליינעם רויטן קאָפּ— אַ קאָפּ, וועלכער איז קלענער, ווי די קעפּ ביי אַלע אַנדערע מאַנס־בילן. ער איז זייער שמאָל אין די אַקסלען און אונטער די פּאַכוועס.

ברייט ווערט זיין קערפּער אָקאָרשט אַרום די לענדען — דאָרט הויבט זיך אָן זיין גבורה. די פיס זענען שוין ביי אים מאָדנע גראָבע און פעסטע — זיין גאַנצער כּוח ליגט אין די פיס. ער טראָגט גראָבע רויטע וואָנצעס, און די באָרד מיט די באַקן זענען ביי אים תּמיד אָפּגעשוירן מיט מאַשינקע נומער 0. אונטער די גראָבע וואָנצעס באַהאַלט זיך אויס אַ ברייטער מויל און קיין קין. דאַכט זיך, האָט ער נישט — זיין קין איז ווי אָפּגעהאַקט מיט מאַשינקע נומער 0. רעדן רעדט ער ווייניק. זיין מויל איז פאַרמאַכט. ער אָטעמט מיט אַ שווערן גלייכמעסיקן אָטעם דורך דער נאָז, און אַז אין שטוב איז שטיל, דאַכט זיך דעריבער, אַז ער רעדט מיט עמיצן אויף צו־להכעיס — ער איז ברוגז

די ערשטע צוויי וואָכן שלאָפט ער. ער ליגט אין צווייטן קליינעם צימערל אונטער סערלס שווערע וואַטאָווע קאָלדערעס. ער איז איינגעדעקט זייער גוט, ווי אויף צו שוויצן. ער רעדט נישט; ער קרעכצט אונטער פון ווײלטאָג און אויף זיינע שטעקשיך זאָגט ער „מעשטעס", ווי מען זאָגט אויף שטעקשיך אינם קליינעם שטעטל פונ־וואַנען ער שטאַמט:

— סערל, ווו זענען מיינע מעשטעס? האַ? סערל.

סערל גייט דענסטמאָל אַרום אים אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַרום אַ קראַנקן. אויף איר פּנים רוט אַ צופרידנקייט, זי שעמט זיך צו קוקן אירע קונים אין די אויגן אַריין, ווי אַן אַלמנה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן, און דער אלמן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז נאָך גאָר קיין אַלמן נישט — ער איז גאָר נאָך אַ יונגערמאַנ־טשיק. וועגן שלומקען רעדט זי מיט קיינעם נישט און באַהאַלט אים אויס. איבערהויפּט באַהאַלט זי אים אויס, ווען צו איר אין קלייטל קומט אַריין די מאַדאַם לעווענסאָן אָדער די מאַדאַם שמוליעוויטש. נאָר די מאַדאַם שמוליעוויטש ווייסט שוין סיי־ווי־סיי, אַז שלומקע איז געקומען — אירע דינסטן האָבן איר שוין די נייעס אָפּגעטראָגן. זי שאָקלט אויף סערלען מיטן קאָפּ, ווי אויף אַ נאַריש מיידעלע, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן; זי זאָגט צו איר:

— אוי, סערל, סערל... ווען וועט איר שוין באַקומען אַביסל שכל, האַ? סערל.

און אַז די מאַדאַם שמוליעוויטש גייט אַוועק, קומט אַרויס מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים פון צווייטן קליינעם צימערל שלומקע, ער לאָזט אַרויס אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם גענעץ, ער טוט אַ דריי מיט די אַקסלען, ווי אויף אַ קראַץ זיך צו געבן, דערנאָך טוט ער נאָך אַמאָל אַ גענעץ און זאָגט מיט אַ זיס פוילקייט צו סערלען:

— סערל, ווו זענען מיינע מעשטעס, האַ? סערל.

די אַנדערע צוויי וואָכן דערפילט זיך שלומקע פיל היימישער און בעסער; ער הוסט אין פויסט אַריין אַלע מאָל, ווען די מאַדאַם שמוליעוויטש גייט פונוויינטנס דורך, און אַליין הויבט ער אָן צו באַטראַכטן סערלס באַלעבאַטישקייט, ווי זיין אייגענע ירושה, וואָס ער וואָלט ברענגען פון זיין טאַטן. ער ריכטעט איין נייע פּאָלעצעס דאָרט, ווו פּאָלעצעס פעלן; ער סאָרטעוועט איבער די סחורות אַזוי, אַז דאָס קלייטל הויבט אָן אויסצוזען מער סאָליד און מער אָנגעשטאָפּט. און אַז מאַדאַם שמוליעוויטש, אָדער מאַדאַם לעווענסאָן טרעפן אים דאָרט אַמאָל ביי אָט דער אַרבעט; און מאַדאַם שמוליעוויטש זאָגט צו אים:

— נו, שלומקע, זאָגט דעם אמת, איז דען אַזוי נישט בעסער,— קוקט ער דאַן נישט צו איר און ענטפערט מיט טאָלק, ווי אַ קלוגעטשקער:

— יעס, יעס, מאַדאַמעטשקע. בעסער צו בעסער איז נישט גלייך.

און אַז עמעצער פון זיי פרעגט דאָרט ביי אים, אַרומקוקנדיק זיך צי סערל איז אין קלייטל נישטאָ:

— איז עס אמת, שלומקע? איר האָט ווירקלעך נאָך אַ ווייב אין אַמעריקע?

שליסט שלומקע צו איין אייגל און ענטפערט ווידער, ווי אַ קלוגעטשקער:

— ווער עס פאַרגינט נישט, מאַדאַמעטשקע, יענער זאָל אַליין נישט האָבן.

די דריטע צוויי וואָכן:

שלומקע לאָזט אָפּ סחורה פון סערלס קלייטל, ווי פון זיינעם אַן אייגענעם און גייט אָנגעטאָן ביז צוועלף אין אָוונט אין די „מעשטעס" — ער לייזט געלט, ער לייזט געלט.

די פערטע ווײ וואָכן:

שלומקע לאָזט נישט צו סערלען צו דער קאַסע. ער ציילט אַלע אָוונט דעם פּדיון און לאָזט אים מער נישט אַרויס פון דער האַנט. דאָס קלייטל ווערט פּוסטער פון טאָג צו טאָג.

די פינפטע צווײ וואָכן:

שלומקע שלאָפט שוין ווידער אין צווייטן צימערל, נאָר אַז ער שלאָפט נישט, ווײל קיינער אין קלייטל נישט אַריינגיין — דינסטן אויף די זומער-וווינונגען קלאָגן זיך דענסטמאָל פאַר זייערע באַלע-באָסטעס, אַז זיי קאָנען נישט אַריינגיין צו סערלען אין קלייטל אַריין — שלומקע „וויאַזשעט״ זיך.

די זעקסטע צווײ וואָכן:

שלומקע שלאָגט סערלען, ווײל זי מאָנט ביי אים דעם פּדיון, וואָס ער האָט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין טאַש. מערסטנטייל שלאָגט ער זי גאַנץ פרי אויפן ניכטערן האַרצן, און פאַר דעם קלייטל שטייען דענסטמאָל אַלע באַלעבאָסטעס, קעכינס און דינסטן, וואָס לאָזן זיך מיט די קוישעלעך אין מאַרק אַריין. אַלע זענען אויף סערלס זייט, נאָר אַלע זענען אויף איר אין כעס. אַלע זאָגן:

— אַ מצווה, האָט זי אים צו זיך נישט געזאָלט אַריינלאָזן.

די זיבעטע צווײ וואָכן:

דאָס קלייטל איז פּוסט. די פּאָלעצעס זענען לעער און ווײנען. שלומקע וויל פאַרקויפן סערלס וואַטאָווע קאָלדרעס און אירע איבער-בעטן, ער ברענגט קונים פון שטאָט, נאָר סערל גיסט טרערן און בעט ביי די קונים, זיי זאָלן נישט קויפן — דאָס זענען די לעצטע צווײ וואָכן: שלומקע פאָרט אַוועק צוריק קיין אַמעריקע.

איבעראַיאָר זומער, אין אָנהויב פרילינג, וועט ווידער אָנקומען פון אים צו סערלען אַ בריוו, אַז ער בענקט אַהיים; אַמעריקע האָט שוין אָפּגענומען ביי אים אַלע כוחות און ער וויל שוין קומען אויף שטענדיק, אויף שטענדיק, נאָר ער האָט נישט אויף הוצאות.

סערל וועט דאַן עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן זיין בריוו, ווי מען באַהאַלט אויס גנבישע זאַכן און וועט ענדלעך אַוועקגיין מיט דעם בריוו קליאַנטשען און בעטן צו דער מאַדאַם לעווענסאָן. די מאַ-דאַם לעווענסאָן וועט זי אָפּשיקן צו דער מאַדאַם שמוליעוויטש. סערל

װעט שטײן בײ דער מאַדאַם שמוליעװיטש אין קיך און די מאַדאַם װעט אויף איר שרײען:

— איך האָב אײך פײנט, סערל... איר זײט מיר מיאוס, װי אַ שפּין... איר הערט, צי נײן? גײט אַהײם, זאָג איך צו אײך, איר האָט אין מיטן פֿרימאָרגן אויפגעהאָנגען אַ שלעסל און טרײבט אָפּ פֿון זיך קונים. גײט אין קלײטל אַרײַן, זאָג איך צו אײך...

---

# בלינדקייט

# בלינדקייט

דורך די פענצטער אין מיין נייער דריי-צימער-וווינונג אין בערלין באמערק איך זייער אָפט, ווי הין און צוריק אויפן טראָטואַר דרייט זיך אַרום שעהן לאַנג איינער אַן אויסגעפּוצטער בלינדער יונ־גערמאַן מיט זיין הונט, וואָס פירט אים.

דער אויסגעפּוצטער יונגערמאַן בלייבט אַלע ווײַלע שטיין, די לעכער פון זיינע בלינדע אויסגעשטאָכענע אויגן זענען געווענדט צו די פענצטער, דורך וועלכע איך קוק אַרויס.

זיין הונט — אַ פעטלעכער, אַ האָריקער, מיט אַ רויטן צלם אויפן האַלז-באַנד — לאָזט דענסטמאָל אַראָפּ זיין קאָפּ זייער נידע־ריק צו די שטיינער פון טראָטואַר און וואַרט מיט געטריישאַפט, מיט מאָדנע איבערגעגעבענעם געדולד, ביז דער באַלעבאָס מיט זיין בלינד־קייט וועט זיך זאַט אין די פענצטער „אָנקוקן".

אין איינעם אַן עק פון שרייבטיש האָב איך געפונען אויסגע־קריצט די רוסישע אותיות:

„סאָניאַ".

דאָס זענען געווען זייער קליינע פיצעלעך אותיעלעך.

אין אַ ליידיקן שופלאָד פון איינעם אַ שראַנק (אַ שופלאָד, וואָס עפנט זיך זייער שווער און קרום) האָב איך געפונען נאָך גאָר אַ ביי העפט באַשריבן זייער געדיכט אין רוסיש מיט אַ ציכטיקן האַנטשריפט פון אַ פרוי.

פונם אינהאַלט איז מיר געוואָרן קלאָר:

די פרוי, וואָס האָט דאָס העפט געשריבן, האָט געהאַט געוויסע

באַציִונגען מיטן אויסגעפּוצטן בלינדן יונגנמאַן, וואָס דרייט זיך אָפּט אַרום פאַר די פענצטער אויפן טראָטואַר.

נאָך איז מיר געוואָרן קלאָר:

די פרוי איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט-נײַן און דרייסיק, זי שטאַמט פון אַ יידיש שטעטל, זי האָט שלעכט אָפּגעשניטן...

פון דעם שמועס, וואָס איך האָב פאַרפירט מיטן שווייצאַר בײַ דער פאַראַד-טיר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער, דער שווייצאַר, איז אַ נייער. ער ווייסט נאָר, אַז די וווינונג איידער איך האָב זיך אין איר אַריינגעקליבן איז געשטאַנען מער ווי צוויי חדשים פּוסט — דאָס זעט ער פון די הויז-ביכער.

פון די זעלבע הויז-ביכער איז צו זען, אַז די לעצטע איינ-וווינער דאָ אין וווינונג זענען פאַר מיר געווען: אינזשיניער ד"ר גרייער פון רוסלאַנד און זיין פרוי — ד"ר סאָני גרייער.

דער אינזשיניער גרייער איז צוריק מיט דריטהאַלבן חדשים פון דער וווינונג אויסגעוויזן. אויף דער פראַגע: „וווהין ?" איז אין בוך צוגעשריבן:

„אומבאַשטימט".

וואָס אנבעלאַנגט זיין פרוי סאָני גרייער, איז זי לויט דעם שווייצארס רייד עפּעס ווי גאָר איגנאַנצן נישט אויסגעוויזן. דאָך ווען ער הויבט אָן צו זוכן צווישן די פארשידענע פּאַפּירן אין זיין קליי-נעם ביכער-שראַנק, געפינט ער אַ קוויטל, פונוואַנען עס איז צו זען, אַז דער אַנאַטאָמישער מוזיי האָט באַקומען דעם קערפּער פון פרוי דאָקטאָר סאָני גרייער דעם אונ דעם חודש, דעם און דעם טאָג.

נאָכדעם ווי איך האָב דאָס העפט מיט גרויס שפּאַנונג איבער-געליינט, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אין בערלין צווישן די עמיגראַנטן איינעם אַן אינזשיניער גרייער. איך האָב איבערגע-געבן פיל באַקאַנטע, אַז, אויב זיי וועלן ערגעץ-ווו באַגעגענען אַן אינזשיניער מיט אַזאַ נאָמען, זאָלן זיי אים זאָגן, אַז איך האָב אים אומצוקערן אַ זאַך, וואָס וועט אים געוויס זיין טייער.

קיינער האָט זיך נישט געמאָלדן.

איצט העפט איז דאָס יאָר נישט אָנגעגעבן.

דאָס העפט הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:
„דעם 6טן אַפּריל...״

---

„אַ געמיש פון פרישער קילקייט און פון וואַרימען פרילינגס־אָטעם. אַ שיין פון זון, וואָס האָט באַזונדערע וועגן אויף אַריינצו־דרינגען אין האַרץ — דאָס איז אַלץ — דאָס איז מיר געבליבן אויף אייביק צוזאַמען מיט יענעם פרימאָרגן.

אין יענעם פרימאָרגן האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, אז מיין יוגנט איז אַוועק און טאַקע ווייל איך האָב דאָס דערפילט, האָט מיר פּלוצים זיך אָנגעהויבן אויסצודאַכטן, אַז איך בין מיטאַמאָל געוואָרן צוריק יונג... שטאַרק יונג.

אַ געמיש פון פרישער קילקייט און פון וואַרימען פרילינגס־אָטעם.

איך געדענק עס קלאָר און אויף אייביק.

אָט אַזוי איז דאָס געווען:

איך בין אין דער פרי צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער און האָב דערזען די העלע בלויקייט פונם ריינעם ערב־פּסחדיק־אויסגע־וואַשענעם הימל.

ער האָט געצויגן מיין בליק ווייט, ווייט איבער דער ריזיקער שטאָט און האָט מיר פּלוצים, זייער פּלוצים דערמאָנט די העלע בלוי־קייט פון מיינע אייגענע אויגן, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק.

דער לעבעדיקער גערויש אין די אַרומיקע נאָענטע און ווייטע גאַסן האָט מיר אין פאַרלויף פון איינעם אַן אויגנבליק זיך פאָרגע־שטעלט, ווי אַמאָל דער פאַרפּסחדיקער גערויש ביי מיר אין שטעטל: מען באַקט מצות און עס שמעקט גאַנצע וואכן מיט צוגעברענט טייג, מיט געשייערטע כלים און מיט שטויב פון אויסגעקלאַפּטע שטולן.

דער געשריי פון אַ פאַרבייגייענדיקער דינסטמיידל צו אַן אַוועק־געלאָפן קינד האָט דערגרייכט צו מיר, ווי דער פאַרשטעלטער, אומקלאָרער געשריי פון מיין אַמאָליקן האַלב־פאַרגעסענעם היימישן נאָמען.

— חנה!... חנה...

אָט אַזוי איז דאָס געווען.

איך בין געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט ביים אָפענעם פענצטער.

דערנאָך האָט זיך מיר פּלוצים פאַרוואָלט, אַז אין מיין וווינונג דאָ אין בערלין זאָל אַחוץ דער דינסט זיך געפינען איינע אָדער צוויי געדונגענע פרויען, און אלע דריי צוזאַמען מיט מיר, דער באַלעבאָסטע, זאָלן אין פאַרטוכער מיט פאַרבונדענע קעפּ אָפּרוקן שראַנקען, זייפן די ווענט, אָפּשטויבן די באַלקנס, און אַז שטויב אויף אַרויסצוקערן זאָל אין אַלע דריי צימערן זיין וואָס מער, וואָס מער... וואָס מער...

דער דאָזיקער פאַרלאַנג האָט אין מיר נאָכדעם אָנגעהויבן צו וואַקסן פון טאָג צו טאָג, ווי אַ פאַרבאָרגענע גלוסטעניש, וועלכע עס איז זייער אַ שאָד צו באַפרידיקן באַלד און עס איז דעריבער בעסער אָפּצולייגן עס אויף שפּעטער, אויף שפּעטער...

און ווידער איז צו מיר געקומען דאָס געפיל, אַז מיין יוגנט איז אַוועק, און טאַקע ווייל איך האָב עס אַזוי שטאַרק דערפילט, האָט מיר פּלוצים אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז איך בין מיטאַמאָל געוואָרן צוריק יונג... שטאַרק יונג...״

---

„איך האָב אָנגעהויבן צו שלאָפן שפּעט אויפן טאָג. איך האָב אָנגעהויבן צו זיין צופרידן, וואָס ווען איך כאַפּ זיך אויף, איז מיין מאַן שוין אין צווייטן בעט נישטאָ. און וואָס פריער איידער עס וועט נאַכט ווערן, וועט ער צוריק פון זיינע געשעפטן אַהיים נישט קומען.

איך האָב ליב באַקומען צו בלייבן איינע אַליין אין דער וווינונג, אַפילו אָן דער דינסט, זיך הילן אין שאַל, באַטראַכטן אין אַלע שפּיגלען גאָר נאָענט אַרום מויל די צוויי רויטע צייכנס, וואָס וועלן אָט-אָט ווערן קנייטשן, אָרער שמעקן דעם גערוך פון מיין אייגענעם לייב און זיך וווּנדערן, וואָס עס שמעקט יונג... יונג... איך האָב אָ געהויבן אַרומצושפּאַצירן איינע אַליין אויף זייטיקע אומבאַקאַנטע אונטערגעסלעך, אַרומשפּאַצירן מיט פּאַמעלעכע טריט און מיט אַן אומקלאָרער וואַרטעניש, ווי דאָס טוען בכלל זייערי ונגע, געהיימפאַרליבטע פאָרלעך, און מיר אַליין איז געווען מאָדנע, וואָס פון

אַלע שיינע מאַנסבילן, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געקאָנט און געזען, איז ביי מיר אין מוח פֿאַרבליבן נישט מער, ווי דער אָנדענק וועגן איינעם, דער אָנדענק וועגן דעם יונגן דייטש, וואָס לאָזט איינער אַליין אָפּ סחורה אין דער נאָענטער דראָגעריי, וווּ איך קויף איין. איינמאָל ביינאַכט האָט ער מיר זיך געחלומט — אַ געוויקסיקער, אַ יונגער, אַ שטאַלטנער אין זיין לאַנגן, בלאַנק-ווייסן כאַלאַט, אין וועלכן ער שטייט גאַנצע שעהן געדולדיק לעבן זיין קאַסע-שראַנקל. נאָך אָט דעם פּוסטן חלום האָב איך זיך אַ גאַנצן טאָג געפּילט אַביסל שלעפּעריק, ווי אין אַ לייכטן טשאַד. איך בין געלעגן ביי זיך אינדערהיים אויפֿן שעזלאָנג און מיר האָט זיך ווי פֿון זיך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען גוט צו וווינען מיט אָט דעם יונגן דייטש ערגעץ-ווו אינעם קליינעם האַלב-פּויערשן הויז, וואָס אין אָנהייב וואַלד לעבן מיין שטעטל, וווינען דאָרט נישט מער, ווי זאַלבעצווייט, און אינדרויסן זאָל זיין אַ זומערדיקער בייטאָג, און אינעווייניק אין שטיבל זאָלן די פֿאָרהענגלעך אינמיטן בייטאָג זיין אַראָפּגעלאָזט... אומבאַדינגט אַראָפּגעלאָזט... דאָס אַלץ איז געווען, ווי אַ לאַנגער, לייכטער טשאַד, אין וועלכן דאָס האַרץ איז אָן אויפֿהער זייער לייכט באַשעפּמיקט, און עס ווילט זיך אָן אויפֿהער דרעמלען. נאָר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען איך בין גראָד אַריינגעקומען אין יענער דראָגעריי עפּעס איינקויפֿן, האָב איך דערזען, אַז דער יונגער דייטש אין לאַנגן, בלאַנק-ווייסן כאַלאַט איז פֿיל שענער, איידער מיר האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעוויזן. ער קוקט מיר גלייך אין די אויגן בעת ער דערציילט מיר וועגן ניי-דערפֿונדענע קאָסמעטישע מיטלען, וואָס אַ יונגע פֿרוי מוז איצט ביי זיך האָבן. איך קוק גלייך אין זיינע אויגן בעת איך הער אים אויס און שטעל אַריין אַ האַלב-וויציק וואָרט, און אונזערע אויגן פֿירן דערווייל צווישן זיך אַ צווייטן שמועס — אַ גאַנץ אומאָפּהענגיקן פֿון יענעם שמועס, וועלכן עס פֿירן צווישן זיך אונזערע מיילער. מיינע אויגן זאָגן צו אים:

— אַ זעלטן פּנים ביי דיר... דו ווייסט גאָרנישט, וויפֿל אין מיר איז נאָך אויסבאַהאַלטן ליבע, וואַרימקייט און ליידנשאַפֿט פֿאַר אַ יונגנמאַן מיט אַזאַ פּנים, ווי דיינער...

ײנע אויגן ענטפּערן מיר דערויף:

— געוויס... געוויס... דו מיינסט איך ווייס עס נישט? איך האַלט שטענדיק פון אַזעלכע פּרויען, ווי דו, ווי פון שטאַרקן אויסגעשטאַנענעם ווײַן... יונגע מיידלעך זענען בלויז צעשטרייט, ווי דער ווינט אינדרויסן... זיי זענען בלויז שיכּור פון דעם, וואָס זיי אַליין זענען יונג.

דאָך טרעפט: אַז אונזערע מײַלער און אונזערע אויגן הייבן פּלוצים אָן צו רעדן וועגן איינער און דער זעלבער זאַך. ער זאָגט צו מיר:

— אין פּאָר קינדער... פּאָר קליינע קינדער האָב איך פאַרצוילייגן אָט וואָס — גאָר, גאָר אַ זעלטנהייט.

דערויף ענטפער איך אים מיט אַ שמייכל:

— קינדער האָב איך נישט... אַך ניין... נאָך דאָס פעלט מיר.

איך קוק דערבײַ גלײַך אין זײַנע אויגן און זע, אַז אויך זיי שמייכלען. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט געכאַפּט דעם באַזונדערן זין פון די ווערטער: „נאָך דאָס פעלט מיר”. איך בין צופרידן, גלײַך ווי מער דאַרף איך נישט. איך נעם אויף גיך מײַנע איינגעקויפטע קלייניקייטן און גיי אַוועק מיט אַזאַ געפיל, גלײַך איך בין נאָך אינדערהיים, אין יענעם שטעטל, וווּ מען באַקט מצות און עס שמעקט גאַנצע וואָכן מיט צוגעבערענטן טייג, מיט געשייערטע כּלים און שטויב פון אויסגעקלאַפּטע שטולן, ווי גלײַך איך אַליין בין נאָך אַלט אַ יאָר צוויי און צוואַנציק און הייס נאָך מיט יענעם נאָמען:

— חנהלע!..

איך גיי אַהיים און מיך ציט צוריק צום טאָפּלטן שמועס, וואָס איך פיר אין דראָגערײַ מיט די אויגן און מיטן מויל. דערנאָך האָט מיט מיר איינמאָל טאַקע דאָרט אין דראָגערײַ פּאַסירט זייער נישט קיין וויכטיקע זאַך — אַ קלייניקייט. געווען איז דאָס פאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך, לענגער ווי אַלעמאָל, אין דראָגערײַ פאַרהאַלטן. דער יונגער שיינער דײַטש האָט, ווײַזט אויס, די גאַנצע צייט אין זינען געהאַט עפּעס איינעם אַ מענטשן, וואָס געפינט זיך פון יענער זײַט פאָרהאַנג אין צווייטן צימער, און דעריבער האָט ער גערעדט מיט מיר נישט מער, ווי מיטן מויל — זײַנע אויגן זענען ווי שטום גע-

וואָרן. פֿון יענער זייט פֿאָרהאַנג האָט זיך ענדלעך אַרייַנגעשטעקט אַ קאָפּ פֿון אַ בלאָנדער, זייער שיינער און יונגער מיידל — איינע פֿון יענע געוויקסיקע, יונגע און שיינע מיידלעך, וואָס ווען מען באַגעגנט זיי אין גאַס, דאַכט זיך, אַז די גרויסע שטאָט לאָזט זיי אַרויס אין זייער אַ קליינער צאָל, לויט אַ באַזונדער באַשטעלונג און לויט דער לעצטער מאָדע פֿון עפּעס אַ באַזונדערער און געהיימער פֿאַבריק.

— אַדאָלף. — האָט דאָס מיידל גערופֿן.

דער יונגער דייטש איז געשווינד אַוועק צו איר אונטערן פֿאָרהאַנג. עס האָט זיך פֿון דאָרט דערהערט פֿריער אַ שעפּטשערײַ און דערנאָך אַ דערשטיקטער געלעכטער פֿון צוויי יונגע מענטשן, וואָס פֿירן צווישן זיך איינעם און דעם זעלבן שמועס סיי מיטן מויל, סיי מיט די אויגן, און דער דאָזיקער דערוואָרגענער געלעכטער מיטן שעפּטשערײַ זענען געוועזן באַליידיקנדיק און אַנגסטלעך ביז דערוואָרגן צו ווערן, ביז דער לעצטער רויטער בושה...

דער גאַנצער עפּיזאָד איז געוועזן אַ זייטיקער, נישט קיין וויכטיקער, נאָר דער געלעכטער פֿון יענער זייט פֿאָרהאַנג אין דראָגערײַ— ער האָט זיך געדענקט... אַז איך בין נאָכדעם געקומען אַהיים, האָט אונטער דער ברוסט, פֿון אַרום האַרצן, נאָך אַלץ עפּעס געשטראָמט און געשטראָמט אַרויף צום האַלדז צו, און עס האָט זיך געוואָלט אָן אויפֿהער רײַסן אויף זיך אַלץ, וואָס איך טראָג, רײַסן און אַנטפּלעקן די ברוסט... אין יענעם פֿאַרנאַכט בין איך צעכראַסטעט מיט נאַקעטע ברוסטן געלעגן אויף איינעם פֿון די שעזלאָנגען מיטן פּנים אַראָפּ. און נאָכדעם, אַז מײַן גאַנצער קערפּער האָט זיך שוין קאָנוווּלסיוו געטרייסלט פֿון טיפֿן היסטערישן כליפּען, האָב איך מיט אַ באַזונדער ביז איצט נאָך נישט באַקאַנטער הנאה זיך אײַנגעהערט אין מײַנע אייגענע ווייַנענדיקע היכצן, און האָב געפֿרעסן דעם גענוס פֿון די בײַ־צוקומענדיקע שטראָמען, וואָס זעצן פֿון מיר מיט געוויין, ווי פֿון אַ קוואַל. דער שעזלאָנג אונטער מיר האָט געסקריפּעט, דער קערפּער האָט אין ציטערניש זיך געטרייסלט, און אַליין האָב איך געוואָלט, אַז מײַן כליפּערײַ זאָל זײַן נאָך טיפֿער, שטאַרקער, ווי גלײַך אָט דער גרויסער געוויין, מיט וועלכן איך באַגלייט אַרויס מײַן אַוועקגעגאַנגענע יוגנט, איז אַן און פֿאַר זיך אַ שטיק נײַע,

נישט דורכגעלעבטע יוגנט... ווי גלייך מיט אָט דעם געוויין וואָלט מען נאָך אויך געקאָנט אַ שטיק צייט לעבן און זיין באַפרידיקט.

פון נאָך יענעם געוויין האָבן זיך ביי מיר אייגנטלעך אָנגעהויבן די ליידן — שטילע, נאָר נאָגנדיקע און טיפע, שוין מיט דעם אַליין, וואָס זיי זענען „קליינלעכע", זיי קענען אַרויסרופן געלעכטער און חוזק. מען קאָן זיי פאַר קיינעם נישט אַרויסברענגען אויסן מויל, פונקט ווי דער פאַל אין דראַגעריי, און דעריבער דאַרף מען קיינעם לעבן זיך נישט האָבן — דעריבער ווילט זיך זיין אַליין אין דער גאַנצער וווינונג, איינע אַליין אין דער גאַנצער אומגעהויער-גרויסער רודערנדיקער שטאָט.

פון דעמאָלט אָן האָב איך באַמערקט, אַז מיין געזיכט און מיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן תמיד אויסצוזען אַביסל פאַרוויינט, ווי אַ זוניק וועטער באַלד נאָך אַ רעגן, כאָטש געוויינט האָב איך דאַן צום לעצטן מאָל. אין מיינע אויגן האָט זיך באַזעצט עפּעס נייס, און מער באַליידיקנדיק ווי אַלץ איז געווען דאָס, וואָס קיינער באַמערקט דאָס נישט, אַפילו מיין אייגענער מאַן... פאַרדריסלעכער ווי אַלץ איז געווען, וואָס מיין מאַן איז צו יעדן אָוונטברויט פאַראַן דאָ נאָענט לעבן מיר, אַ מאָדנע נאָענטער און אַ מאָדנע וייטער, ווי אַ קוואַרטיראַנט, וואָס וואָלט זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט מיר. איך האָב באַמערקט: תמיד, ווען ער הייסט מיך צורוקן צו זיך עפּעס אַ מאכל, טוט ער עס מיט אַזאַ באַוועגונג, ווי גלייך ער וואָלט מיר ווען זאָגן:

— אַ קלייניקייט?... שוין אַכצן יאָר חתונה געהאַט... עס קומט מיר... עס קומט מיר..."

---

„איז אָט: פון דענסטמאָל אָן...

גאַנץ פרי האָט מיך איינמאָל דער מאַן געוועקט פון שלאָף:

— סאָני?

— סאָני!

— וואָס שרייסטו אַזוי פון שלאָף?

— סאָני!...

איך האָב זיך נישט געוואָלט אויפכאַפּן פון שלאָף און האָב נישט געוואָלט אויפהערן צו שרייען. מיינע פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך אָן עפּן געגעבן זייער שמאָל, כדי צו באַווייזן זייער אויפגעוואכטקייט, און האָבן מיט אומצופרידנקייט דערזען פאַר זיך דעם מאַן, ווי ער שטייט פאַר מ״ר אין נאַכט־העמד מיט זיין אויסגעקיילעכדיקטן און פעט־ווערנדיקן פינף־און־פערציק־יעריקן בויך, דער בויך, אויף וועלכן מיין בליק איז געפאַלן, האָט זיך מיר אין ערשטן פאַרשלאָפענעם אויגנבליק, געדאַכט, ווי עפּעס זייער אַן אומגעלומפּערטע, איבעריקע און עקלהאַפטע זאַך — מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל אַ נעם טאָן דעם בויך מיט זיינעביידע שטאַרקע הענט און מיט זיין גאַנצער קראַפט אים אַ שליידער טאָן ערגעץ אָן אַ זייט. אָקאָרשט נאָכדעם האָב איך פאַרשלאָפענערהייט אַ קוק געגעבן אויף זיין פּנים — אַ פּנים פון אַן אינזשיניער, וואָס איז דאָ, אין דער עמיגראַציע, איבערגעגאַנגען צו מעקלעריי, און אַלץ, וואָס אין זיין פּנים איז צו זען: זיינע גראָבע, גראָ־ווערנדיקע וואָנצעס, די ביטעלעך אונטער די אויגן און די נאָכגעהאָנגענע, געגאָלטע, און פליישיק־פעטלעכע באַקן — אַלץ האָט דערמאָנט אָן געדולדיקער געפאַלנקייט, וועגן וועלכער עס איז נישט כדאי צו רעדן, ווייל רעדן הייסט זיך מאַכן נאָך שווערער. קוקנדיק אויף אים, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז אַפילו ווען איך זאָל אויף אייביק פאַרגעסן די „צוויי־דריי יאָר״, וואָס איך פאַרלייקן, וועט דאָך אויסקומען, אַז איך בין יינגער פון אים סך־הכל מיט אַ יאָר פינף־זעקס. איך בין אים געווען אַ גוטער־פריינט, נאָר, ווען איך האָב צוריק פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך דאָך, כמעט מיט איבערגעגעבנקייט צו אים, אַ טראַכט געגעבן:

— אַך, ווען ער פאָרט כאָטש ערגעץ אַוועק אויף אַ טאָג אַכט־צען...

דערנאָך בין איך נאָך אַ ווײַלע אין האַלבן דרימל געלעגן אין בעט און האָב געדענקט, אַז פון דעם, וואָס מיר האָט זיך אַזוי שטאַרק געגלוסט ראַמען און פּוצן די צימערן, איז גאָרנישט נישט אַרויס — די דינסט האָט געפּוצט, איך אַליין האָב געפּוצט, געקומען אַ פרעמדע, געדונגענע פרוי און געהאָלפן פּוצן, נאָר פאַרנאַכט, ווען אין אַלע צימערן

איז שוין געווען ריין און קיל, און די דינסט מיט דער פרעמדער פרוי זענען אַוועק, האָט די פריערדיקע בענקשאַפט נאָך מיט מער שטאַרקייט אָנגעהויבן צו פרעסן דאָס האַרץ, און געטראַכט האָט זיך אָן אויפהער וועגן יענע יונגעלייט, וועלכע זענען אַמאָל געווען אין מיר פאַרליבט, געטראַכט וועגן יעדערן באַזונדער און וועגן אַלע צואַמען — וועגן דעם, וואָס אַלע זענען זיי שוין געוויס אַלט, אַלט...

און דערנאָך, ווען דער מאַן איז שוין צו זיינע געשעפטן געהאַט אַוועקגעגאַנגען, בין איך נאָך אַלץ אַ ווײַלע געלעגן און האָב געטראַכט, אַז אויך פון דעם, וואָס איך האָב אַ פּאָר וואָכן כסדר געשלעפּט מיין מאַן אין פאַרשידענע קלובן, איז אויך גאָרנישט נישט אַרויס — איך האָב דאָרט נאָר נאַריש געשמייכלט צו פאַרשידענע גוט־באַקאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע יונגעלייט, מיט וועלכע איך האָב מיט נאַקעטע הענט און מיט נאַקעטע אַקסלען געטאַנצט, איך האָב געהאַלטן אין איין שמייכלען, ווי גלייך מיט די יונג־מיידלשע, אַביסל אויסגעלאַסענע באַוועגונגען מאַך איך עמעצן נאָך. און תמיד האָב איך נישט געוווסט, מיט וואָס זאָל איך דעם יונגנמאַן, מיט וועמען איך טאַנץ, געבן אָנצוהערן וועגן מיין אינעווייניקסטן, נישט אויסגעלעבטן, ברען. און איינמאָל ווען איך האָב איינעם נאָך אַ יונגן בחור געזאָגט ביים טאַנצן, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפילט אין זיך אַזוי שטאַרק „די פרוי”, ווי איך פיל זי איצט, איז יענער רויט געוואָרן און האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט אַזעלכע צעשראָקענע אויסגעגלעזערטע אויגן, ווי גלייך ער, דער יונגער בחור, האָט אומגערן געזאָגט אַ נאַרישקייט און ער בעט מיך, איך זאָל וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן... אָבער עס האָט דאָך געקאָנט טרעפן אויך אַנדערש, עס האָט דאָך געקאָנט מעגלעך זיין, אַז יענער רויט־געוואָרענער בחור זאָל דעמאָלט מיטאַמאָל געווען דערפילן, פאַרשטיין, אַז יונגע מיידלעך זענען בלויז שיכור פון דעם, וואָס זיי אַליין זענען יונג...”

„איצט איז אַ לויטערער און זוניקער פרימאָרגן, איצט איז אַזאַ טאָג, ווען אַלץ ווערט פּלוצים מעגלעך, ווען אַלץ קאָן געשען...

ווען איך בין אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי, אַן אויסגע־פּוצטע אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, איז דער טאָג נאָך אַלץ געווען אַזעלכער, אין וועלכן אַלץ קען געשען. דער בלויער, לייכט־פּאַר־שפּרייטער הימל האָט געקוקט אַראָפּ, ווי נישט קיין היגער, ווי אַן אַנטליענער ערגעץ אין אַן אַנדער זייט גליקלעך לאַנד. די גאַסן, די באַלעבטע באַלקאָנען, די דורכגייער און דורכפאָרער — אַלע האָבן אויסגעזען, ווי גלייך פריער מיט אַ שעה זענען זיי נאָך אויף דער וועלט נישט געווען און האָבן נאָך נישט געלעבט, און אויך איך אַליין האָב זיך אַזוי דערפילט — ווי גלייך איך בין פּלוצלינג אַראָפּ־געשטעלט געוואָרן אויף דער ערד אַן אויסגעוואַקסענע, אַ נייע, מיט מיין אינעווייניקסטן, נישט אויסגעלעבטן, ליידנשאַפטלעכן ברען, און אַלץ איז מיר דערלויבט.

איך בין געבליבן שטיין ביים ראָג אויף דער זון. הין און צוריק גייען פאַרביי פיל יינגערע און עלטערע מאַנסבילן; מיך אַרט נישט, וואָס אייניקע פון זיי קוקן אויף מיר אַביסל פרעך, ווי מען קוקט אויף וויל־געפעלענע גאַסן־פרויען. פאַרקערט, ערגעץ טיף אין זיך בין איך ווי צופרידן. איך געדענק אָט די בליקן: נייגעריקע, האַלב־פרעכע, פרעכע. נאָר איין בליק איז אויף אַזויפיל פרעך, אַז איך ווער רויט.

איך טו פון בושה אַ שמייכל און גיי אַוועק ווייטער מיין וועג. איך גיי, ווי אַלע פּרימאָרגן צום נאָענטן זייער גרויסן גאָרטן. דאָרט איז דער פרימאָרגן תמיד אַ יום־טובדיקער. עס דאַכט זיך, אַז ער־געץ־ווו קעגנאיבער דעם גרויסן גאָרטן שפּילט מוזיק. אַהין שטראָ־מען נישט אומזיסט דורכן גאָרטן אַזוי פיל מענטשן — דאָרט איז פאַר יעדערן צוגעגרייט זיין גליק. דאָרט האָט זיך אויף אָנגעהויבן מיין לעצטער אומגליק. אָדער אפשר... גליק... דאָ איז גוט... אַהער אין גאָרטן וועל איך גיין אַלע טאָג... אַלע טאָג...״

---

„איך האָב זיך דאָרט אין גאָרטן באַקאַנט מיט איינעם אַן עלעגאַנט־געקליידעטן יונגנמאַן... ער איז אַ בלינדער אויףביידע אויגן... מיר איז דאָס אַלצאיינס. צוליב וואָס טויגן אונז ביידע אויגן?..

ער זעט נישט, אַז מיין יוגנט איז אויסערלעך אַוועק און איך וויל נישט זען, אַז ער איז בלינד.

ער הייסט אָטטאָ, [illegible] מילער.

ער איז בלינד געוואָרן אין דער מלחמה אין די לעצטע געשלעגן. עס איז שוין זיבן יאָר. ער איז דאַן אַלט געווען איין-און-צוואַנציק. ער איז געווען אַ סטודענט, אַ יוריסט פון צווייטן קורס און האָט גלייך באַקומען דעם טיטל פון אָפיציר. אין דעם יאָר, ווען ער איז בלינד געוואָרן, איז געשטאָרבן זיין פאָטער. קיין שוועסטער און קיין ברידער האָט ער נישט. ער וווינט מיט זיין מוטער אין איר אייגענער וווינונג. ער איז אָנגעטאָן מיט דער מאָדע. זיין הוט, זיין קראַגן, זיין קראַוואַט מיט די שיינע פארבן און אפילו זיין זיידן טיכעלע אין אויבערשטן טאַש — אַלץ איז צוגעקליבן און צוגעפאַסט. מיך רירט מער ווי אַלץ דאָס זיידענע טיכעלע אין זיין אויבערשטן טאַש. זיין מוטער גלעט אים אויס זיין זיידן טיכעלע אַלע טאָג, איידער ער גייט אַרויס מיט זיין הונט אויפן שפּאַציר. נאָר זיין מוטער טאָר נישט וויסן, אַז מיר זענען באַקאַנט... ביז איך אַ געוויסער צייט טאָר זי וועגן דעם נישט וויסן, אַזוי האָב איך אויסגענומען מיט אָטטאָן...

נו, און איך, וויפל בין איך אַלט?

פאַר אָטטאָן בין איך אַלט דריי-און-צוואַנציק... מיר טוט באַנק, פאַרוואָס האָב איך אים דענסטמאָל ביי אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט נישט געזאָגט:

— איין-און-צוואַנציק...

פאַר אָטטאָן בין איך אַ קורסיסטין פון צווייטן קורס. איך שטודיר פילאָלאָגיע. איך בין דאָ אין בערלין צוזאַמען מיט מיינעם אַ ברודער, אַן אויסלענדישן פּראָפעסאָר. איך בין נאָך אין קיינעם, ביז מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים, אָטטאָן, נישט געווען פאַרליבט. מיר שטערט נישט דאָס, וואָס ער איז בלינד, אַז ער טוט אָן זיינע בלאָע פענסנע, באַמערקט עס קיינער נישט... פאַרקערט, מיך רירט עס. עס רופט אַרויס אין מיר צו אים אַלץ מערער און מערער צערטלעכקייט...

אָטטאָ האַלט מיינע פינגער אין איין האַנט און מיט דער

ווייטער הויבט ער איר אָן צו גלעטן. איך פיל, ווי ער טוט אַ ציטער און צוזאַמען מיט זיין קערפּער טוט אויך אַ ציטער זיין שטימע בעת ער פרעגט:

— דו וועסט קומען?.. מאָרגן... דאָ אין גאָרטן?.. אויף דער זעלבער באַנק? וואָס שוויגסטו?..

— ניין, אָטטאָ, איך שוויג נישט... געוויס, געוויס...

אָטטאָ ווייסט נישט, אַז ער איז מיט מיר זיכער... ווהין דען זאָל איך קומען, אויב נישט צו אים אין גאָרטן, אויף אָט דער באַנק?.."

---

„אָטטאָס פינגער זענען לאַנגע, פעסטע און צייטנווייז נערוועזע. ער דריקט זיי פעסט צו מיין האַנט, ער שאַרט מיט זיי שטייף פון מיין אַקסל ביז צו די נעגל, ער פינטלט מיט זיינע בלינד־אויסגע־שטאָכענע אויגן אַקעגן הימל און באַרימט זיך, אַז ער ווייסט פיל, פיל זאַכן וועגן מיר — ער ווייסט, צום ביישפּיל, זייער קלאָר די פאַרב פון מיינע אויגן.

איך פרעג:

— וועלכע פאַרב, אָטטאָ?

אָטטאָ ענטפערט, נישט טראַכטנדיק קיין רגע.

— בלאָע.

אפשר ענטפערט ער אַזוי, ווייל ער ווייסט, אַז בלאָ איז דער הימל, אַקעגן וועלכן זיינע בלינדע אויגן פינטלען. נאָר אָטטאָ ווייסט נאָך אַנדערע זאַכן.

— דיין שטימע, — זאָגט ער, — איז פאַרוויינט... זאָג דעם אמת: דו האָסט געוויינט אינדערהיים?..

— ניין, אָטטאָ, גאָרנישט... גאָרנישט... קליינע אומאַנגענעמלעכ־קייטן... איך... איך און מיין ברודער האָבן באַקומען אַ שלעכטן בריוו פונדערהיים... פון אונזערע אייגענע... איך האָב דיר נישט געוואָלט דערציילן, ווייל סיי־ווי סיי... פאַרוואָס זאָלסטו ליידן יסורים פאַר אַזעלכע מענטשן, וועלכע דו האָסט קיינמאָל נישט געזען... און קענסטו זיי נישט?...

אָטטאָ בלײַבט שטיל און פֿינטלט אַ װײַלע אַקעגן מײַן פּנים מיט זײַנע בלינד־אױסגעשטאָכענע אױגן — אַ סימן, אַז ער איז פֿאַרטראַכט און איז מיט מיר מסכּים: װירקלעך, פֿאַרװאָס איז אָטטאָ מחויב צו לײַדן פֿאַר מענטשן, אױב ער איז געבענטשט מיט בלינדע אױגן און זעט זײ נישט? אָטטאָ איז פּריװילעגירט, ער איז בלינד.. אױב אַזױ, איז גוט. מיר זיצן לאַנג, לאַנג אױף דער באַנק און רעדן װעגן דעם, װי אַזױ מיר זענען גליקלעך מיט אונזער „יוגנט״.

— אַנדערע יונגע מענטשן, אָטטאָ, װײסן נישט פֿון אָט דעם גרױסן גליק, װאָס מיר... זײ געניסן נישט פֿון זײער יוגנט פֿאַמעלעך, אײַנטראַכטנדיק זיך אין איר, װי פֿאַמעלעך מ׳טרינקט אַלטן אױסגעשטאַנענעם װײַן, זײ זענען אַרײַנגעטאָן בלױז אין זױפֿן, זױפֿן זײער גליק... זײ זענען שיכּור...

איך האָב שיער נישט געזאָגט:

— זײ זענען בלינד...

דערנאָך בין איך פֿאַרנאַכט געגאַנגען צוריק צו זיך אַהײם און האָב זײ געזען אױף יעדן שריט און טריט, אָט די שיכּורע, בלינדע... איך בין געװען צװישן זײ אײנע אַ ניכטערע, אַ זעענדיקע און פּלוצלינג האָב איך, גײענדיק אַזױ, אין טונקלעניש פֿון פֿאַרנאַכט דערפֿילט דאָס גליק פֿון זײער בלינדקײט... איך האָב זײ אַלעמען געזען, דאַן װען קײנער פֿון זײ האָט נישט באַמערקט, אַז איך געפֿין זיך צװישן זײ — איך בין געװען גרײט מוחל צו זײַן יעדן ערשטן פֿון זײ די דאָזיקע פּריװילעגיע...

---

נעכטן האָט אָטטאָ געװאַרט אױף מיר דעם גאַנצן טאָג אין גאָרטן אױף דער באַנק לענגער װי אַלע מאָל. דערפֿאַר האָט ער מיך נאָכדעם שפּעט פֿאַרהאַלטן. עס איז שױן געװען שטאַק פֿינצטער און ער האָט מיך נאָך אַלץ פֿון זיך נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך געקושט אין די אױגן — אין דעם, װאָס ער אַלײן האָט נישט.. איך האָב געװאָלט זעען װי אַזױ ער טוט עס. װען ער האָט מיך געקושט אין אײן אױג, האָב איך פֿאַמעלעך אױף האַלב אױפֿגעמאַכט

דאָס צווייטע אויג און האָב געקוקט, ווי זיינע ליפּן טרעפן גלייך, זיי זוכן נישט... זיי פּרעסן זיך צו...

ער האָט מיר דערציילט, אַז מערער ווי אַלץ פאַרשאַפט אים ליידן דער טאָג, ווען ער איז בלינד געוואָרן, ווייל יענער טאָג איז ביי אים פאַרבליבן אין זכרון אויף אייביק, אויף אייביק... די גאַנצע פריערדיקע צייט איז ביי אים אין פאַרלויף פון די בלינדע זיבן יאָר שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן און זיך צוזאַמענגע־גאָסן מיט זיין איצטיקער בלינדקייט, און נאָר יענער לעצטער טאָג לאָזט אים נישט רוען, ווי עפּעס אַן אומגעוויינלעכע ליכטיקייט, איי־דער די זון גייט אונטער. ער קומט צו אים אָפט אין חלום, יענער לעצטער טאָג מיט זיין העלער ליכטיקייט, ווי אַ קינד. ער האָט מיך ווי געבעטן:

— פאַרטרייב אים פון מיר... באַשיץ מיך פון יענעם לעצטן העלן טאָג... מעק אים אויס פון מיין זכרון...

איך האָב אים געפרעגט:

— דו ליידסט דערפון שטאַרק, אַטאָ?

ער האָט מיר געענטפערט:

— שרעקלעך... ווי פון דעם שווערסטן קאָשמאַר...

ער איז געבליבן שטיל. ער האָט אָקעגן מיין פּנים עטלעכע מאָל אַ פינטל געטאָן מיט זיינע בלינד־אויסגעשטאָכענע אויגן — אַ סימן, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווען נישט יענער העלער טאָג, — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך געווען גליקלעך.

„ווען נישט יענער העלער טאָג"...

אָטאָ האָט געפרעגט:

— זאָג דעם אמת: דו טראַכטסט וועגן עפּעס?

איך האָב זיך מיטאַמאָל ווי אויפגעכאַפּט:

— אַך ניין, גאָרנישט... ווי האָסטו געזאָגט, אָטאָ? — „ווען נישט יענער העלער טאָג?"

אָטאָ האָט אויפגעציטערט:

— וואָס איז מיט דיר? זאָג דעם אמת...

דערנאָך האָב איך צוגעפירט אָטאָן ביז צום אויסגאַנג פון

גאָרטן. איך האָב אים מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. מיר האָבן זיך געזעגנט שטיל. ביידע זענען מיר אין יענעם אָוונט אקעגן דער פריש־אויפגעגאַנגענער לבנה געווען צוויי, וואָס ווערן קאָשמאַרלעך געדריקט דורך דער געדעכעניש פון זייער אַ ווייטן העלן טאָג; ביי־דע זענען מיר געווען עפּעס מאָדנע צוויי אויסגעמאַטערטע „זעענדי־קע", וואָס דאַרפן האָבן אַ דריטן — אַן „אמתן בלינדן", וועלכער זאָל זיי פירן...

איך האָב געטראַכט:

— זיי געזונט, אָטטאָ, מער וועלן מיר זיך נישט זעען...

איך בין נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און האָב געקוקט, ווי ער דערווייטערט זיך מיטן פּוסטן טראָטואַר — ער מיט זיין הונט, וואָס פירט אים, און מיט זיין לעצטן נישט פאַרגעסענעם, העלן טאָג...

און נאָכדעם האָב איך ביי זיך אינדערהיים ביז זייער שפּעט אין אָוונט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און האָב אַלץ געטראַכט וועגן דעם:

— „ווען נישט יענער העלער טאָג"... ביי אָטטאָן איז דאָס אַ קאָשמאַר בלויז פון איין העלן טאָג, און מיך דריקט דער קאָשמאַר פון מיין גאַנצער העלער יוגנט. אַלץ איינס... ביידע וועלן מיר שוין „אינגאַנצן בלינד" נישט ווערן... צייט צו מאַכן צו אָט דעם קאָש־מאַר אַן ענדע"...

---

„ביינאַכט האָט זייער לאַנג געוווסט מיין מאַן.

איך בין געלעגן אין בעט, אין דער פינצטער און האָב זיך איינגעהערט. איך אים האָט געהוסט די עלטער, נאָר ער האָט מיט קיין איין צייכן נישט אַרויסגעוויזן קיין פּראָטעסט, ווי גלייך זיין הוסטן וואָלט אַן און פאַר זיך געווען אַן „עבודה" פון לעבן; ווי גלייך ער וואָלט עס טאָן מיט דער זעלבער בלינדקייט, מיט וועלכער יונגע זענען יונג...

אַלע ווײַלע האָט זיין קערפּער אין נאָענטן בעט איבעראַנייס אויפגעציטערט אַ האַלב־דערוואָרגענער פון טרוקענע הוסטנדיקע ספּאַזמעס, וואָס פאַרגייען זיך אויף לאַנג, אויף לאַנג, און ענדיקן זיך

מיט אַ פֿאַרריסן קוויטשיקל אין דער נאַכט אַריין... און אַליין איז ער דערבײַ ווי געשלאָפֿן און האָט עס נישט געפֿילט. און נאָר איך בין אין דער פֿינצטער געווען אַ וואַכנדיקע, אַ זעענדיקע... אין דער פֿינצטער פֿון מיטן נאַכט האָב איך זיך אײַנגעהערט, ווי זײַן הוסט איז אַן אוראַלטער און אַן אייביקער: דער הוסט פֿאַר אַלע מענטשן, וואָס זענען שוין פֿאַר אים און וועלן נאָך אים ווערן אַלט...

איך האָב געטראַכט:

— צוליב וואָס טויג דאָ אין מיטן דער נאַכט איך — אַ וואַכנדיקע, אַ הערנדיקע, אַ צוזעענדיקע?...

און נאָכדעם בין איך שוין מערער ביז טאָג נישט געשלאָפֿן און האָב אַלץ געדענקט, אַז עס איז שוין פֿאַר מיר גענוג:

— גענוג צו זײַן אַ זעענדיקע. צײַט צו מאַכן אַן ענדע..."

---

„שוין אַ טאָג פֿיר, אַז איך בין נישט געגאַנגען צו אָטטאָן אין גאָרטן. איך בין נישט געגאַנגען, סתם, איך האָב געוווּסט, אַז ער וואַרט אויף מיר אַלע פֿיר טעג דאָרט אויף דער באַנק און בין נישט געקומען. נאָר הײַנט בין איך געגאַנגען נישט צוליב אים, נאָר צוליב זיך, צוליב אַ קוק געבן אויף אים פּונוויטנס, צוליב געזעגענען זיך מיט אים אויף אייביק מיט זײַן בלינדקייט און מיט זײַן זעענדיקייט. דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ער איז בלינד, ער זעט נישט... איך בין צוגעגאַנגען צו אים גאָר נאָענט.

ער איז, וואַרטנדיק אויף מיר, געזעסן אויף דער באַנק, אויף דער זון, און אונטער זײַנע פֿיס אונטער דער באַנק איז געלעגן זײַן הונט, געהאַלטן דעם קאָפּ אויף די פֿאָדערשטע לאַפּעס און האָט מיט פֿאַרזשמורעט־האַלב־אָפֿענע אויגן געדרימלט — דער הונט האָט מיך געזעען און אָטטאָ נישט... זײַן רעכטע האַנט איז געווען אויסגעצויגן אויפֿן אָנשפּאַר פֿון באַנק. לעבן אים, אויף דער ערד האָט זיך געוואַלגערט זײַן האַנט־שטעקל, ווי פֿאַרגעסן, און פֿון זײַן אויבערשטן טאַש האָט אַרויסגעשטעקט זײַן זײַדן טיכעלע — דאָס זײַדענע טיכעלע, וואָס האָט מיך בײַ אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט אַזוי שטאַרק

געריירט... איצט האָב איך אין די קנייטשן פון דעם צופּיל אַרויסגע־רוקטן זיידענעם טיכעלע דערפילט די גאַנצע אויפרעגונג פון זיין וואַרטן. ער האָט ווי געפילט, אַז מען דרייט זיך אַרום אים. איינמאָל, ווען קוקנדיק צו אים, בין איך דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט, האָט ער מיט זיין גאַנצן קערפּער אַ ציטער געטאָן. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן און האָט גענומען פינטלען קעגן מיר געשווינד מיט די בלינד־אויסגעשטאָכענע אויגן...

און איך בין דאָן געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט קינאה צום אים, דעם בלינדן, און צו אַלע בלינד־יונגע, וואָס פילן, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום זיי. בלויז איך בין צווישן זיי אַ זעענ־דיקע, וואָס פילט, אַז זי איז איינע, אַז קיינער דרייט זיך אַרום אייך...

— זיי געזונט, אָטטאָ!

— זייט געזונט אַלע יונג־בלינדע, איר, וואָס פילט, אַז עמע־צער דרייט זיך אַרום אייך..."

---

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען איינמאָל ביי טאָג צו מיר אָנגעקלונגען אין טיר. צו מיר אין וווינונג איז מיט שווערע טריט און שטויביקע שיך אַריינגעקומען אַ געוויקסיקער און פולער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק. ער האָט געהאַט ביי טעלעך אונטער די אויגן, גראָבע גראָ־געוואָרענע וואָנצעס און געגאָלטע פליישיק־פעט־לעכע באַקן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט זייער אַ נידעריקער ווי לאַנג נישט געלופטערטער שטימע:

— אינזשיניער דאָקטאָר גרייער.

ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס קומט אָן פון זייער אַ ווייטן שטויביקן וועג. ווען איך האָב אים באַוויזן דאָס העפט, האָט ער עס אָן עפן געגעבן שטייענדיקערהייט. ער האָט עס אַ בלעטער גע־געבן, אַ לייען געטאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָטעמענדיק שווער דורך דער נאָז. דערנאָך האָט ער אויף מיר אַ קוק געגעבן ברוגזלעך מיט די ביי־טעלעך, וואָס אונטער זיינע אויגן, און האָט מיר דאָס העפט צוריק אומגעקערט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — עס איז נישט מיינס.

און נישט זאָגנדיק קיין גוטן טאָג, האָט ער זיך גלייך געלאָזט אַוועקגיין.

איך האָב אים אָן לשון אַרויסגעבאַגלייט. איך האָב געקוקט, ווי ער גייט אַראָפּ פון די טרעפּ, און האָב געטראַכט:

— פאַרוואָס זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין פרויס העפט? פון וואָס טוט ער דאָס: פון בלינדקייט, אָדער פון זעענדיקייט?

---

# שוועסטער

# שוועסטער

## I

פּאָליע ראַטנער האָט פון גאַנץ פרי אַן געזוכט אַ בוך, וואָס איז איר ביז גאָר נויטיק צו אירע לעצטע עקזאַמענס אין מעדיצינישן פאַקולטעט.

פּאָליע ראַטנער האָט זיך געגרייט צו אירע לעצטע עקזאַמענס מיט עקשנות, מיט גרויס אימפּעט און מיט אַלע פאַרטשאַדעטע ליידנשאַפטן פון איר גאַנצן אַכט און צוואַנציק־יעריקן מיידלשן לעבן. פּאָליע ראַטנער האָט איצט, צו די עקזאַמענס, געמוזט טראָגן ביי זיך אין קאָפּ אַלע לימודים, וואָס זי האָט אין פאַרלויף פון איר גאַנצן לעבן אין זיך אַריינגעשטופּט, און חוץ דעם האָט זי נאָך באַדאַרפט געדענקען, אַז אינדרויסן איז זוניק־בלוי און לויטער און מחייה, און אַז ערגעץ־ווו אין דער גרויסער שטאָט קעגנאיבער די אָפענע פענצטער, דרייט זיך אָן אויפהער עפּעס אַ מאָדנע אומזיכטבאַר שפּיל־קעסטל און שפּילט טאָג ווי נאַכט דעם לעצטן האַרציקן ניגון פון פרילינג...

פּאָליעס קאָפּ גאַנץ פרי, ווען זי נעמט זיך לערנען:

אַ לויטערער קאָפּ, אַ ריינער, ווי אַ בלאַנק־ווייסער בויגן פּאַפּיר — אַלץ, וואָס מען וועט אויף אים אָנצייכענען, וועט, דאַכט זיך, בלייבן קלאָר אויף אייביק, אויף אייביק.

פּאָליעס קאָפּ פאַרנאַכט, נאָך אַ לאַנגן טאָג לערנען:

אַן איבערגערויעטער קאָפּ, ווי אַ שופלאָד פאַר אַ רייזע ביי

אַ צעטראָגענער באַלעבאָסטע — גאַנצע קאַפּיטלען פון פאַרשידענע אויסגעהזרטע ביכער וואַלגערן זיך אין אים, ווי אין אַ פּלאָנטערדיקן געמיש — פּונקט יענער קאַפּיטל, וועלכן מען דאַרף נויטיק, קומט ווי אויף צו־להכעיס נישט צו דער האַנט. און דאָ איז איר נאָך פאַרשווונדן אָט דאָס נויטיקע בוך — אַ גראָב בוך, וואָס באַהאַנדלט אַלערליי מענערשע און ווייבלעכע געשלעכט־קרענק. פאָליען קאָן בשום אופן נישט איינפאַלן, ווער האָט דאָס בוך געקאָנט פון איר צימער אַוועקשלעפּן, און מער ווי אַלץ איז זי אויסער זיך, וואָס זוכנדיק דאָס בוך, פאַרלירט זי דערווייל די בעסטע גאַנץ־פרייענדיקע פּאָר שעה — די שעהן פון פינף ביז זיבן, ווען אַלע אין אייגענעם הויז שלאָפן — אַלץ, וואָס מען רוקט דענסטמאָל אַריין אין קאָפּ, בלייבט אויף אייביק, ווי אַ פעסט־אַריינגעשלאָגענער טשוואָק.

פון צעטראָגנקייט האָט זי שוין אַפילו פאַרגעסן אָנם גרויסן מיטלייד, וואָס זי פילט צו איר פאָטער, זינט איר מוטער איז געשטאָרבן און זינט די פאַרדינסטן האָבן אים אָנגעהויבן צו גיין שווער... זייער שווער. זי איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי אים אין פינצטערן שלאָפצימער. זי האָט שוין אויך אין קיך געפּרווט אַ וועק טאָן די שווער־שלאָפנדיקע דינסט. איצט איז זי שוין טיף אַריינגעטאָן אין איר צעטראָגענער זוכעניש. זי טרעט אַריין אויף די שפּיץ־פינגער אין ביינאַכטיק־טונקעלן קינדער־צימער און בלייבט שטיין ביי דער טיר מיט אַזאַ פאַרצווייפלט געפיל, ווי גלייך זי האָט דאָ שוין פיל מאָל געזוכט און נישט געפונען. דאָ, אין קינדער־צימער, זענען די פענצטער פאַרהאָנגען מיט טונקעלע שטאָרן. ערגעץ הויך אין ווינקל זשומעט אַ פליג, וועלכע זי, פאָליע, האָט מיט איר אַריינקומען אויפגעוועקט. אין דער לופט שמעקט מיט אַ געמיש פון שלאָפנדיקן קינדערשן אָטעם און פון גיאַצינט־בלימלעך. די גיאַצינט בלימלעך וועלקן אויפן צוגעפּוצטן טישל און אינם גרעסטן פון די דריי קינדערשע בעטן שלאָפט מיט פונאַנדערגעשאָטענע רויטלעך־שוואַרצע לאָקן איר שוועסטער, די פערצניאָריקע גימנאַזיסטקע, מורע — זי שלאָפט מיט סימנים פון אַ גליקלעכן צו־להכעיסדיקן שמייכל אַרום שיינעם עזותדיקן מויל. אירע פולע פרישע באַקן זענען פאַררויטלט, ווי צעבליט פון יונגער ליידנשאַפטלעכער היץ, און אויף

אַ בלאַסן אָרט, וואָס לעבן דער לינקער באַק, אַביסל נידעריקער פון מויל, בליט אַ הייס און פאַרשפּיצט פּרישטשיקל — אַ פּרישטשיקל וואָס האָט עפּעס אויך זייער פיל וועגן יונגער היציקער ליידנשאַפט צו זאָגן...

און אָט — לאָזט זיך אויס, אַז פאַליען האָט נישט אומזיסט אַהין געשלעפּט: דעם פאַרשווונדענעם בוך געפינט זי ענדלעך טאַקע דאָרט אין קינדער־צימער. דאָס בוך ליגט זייער טיף פאַררוקט אונ־טער דער פערצניעריקער מורעס בעט און איז אָפן אויפן סאַמע גע־פערלעכסטן אָרט — דאָרט, ווו עס ווערן געגעבן פאָטאָגראַפיעס פון פאַרשידענע ווענערישע קרענק...

פאַליע מוז זיך אויסציען מיטן בויך אויף דער פּאָדלאָגע, כדי אַרויסצושלעפּן פון אונטערן בעט דאָס בוך. דאָס גאַנצע בלוט — דאָס בלוט, וואָס עס איז גלייכער מען זאָל עס צורו לאָזן, בעת מען גרייט זיך צו עקזאַמענס — גיסט זיך איר אַריין אין פּנים. דערנאָך בלייבט זי שטיין מיטן אָפענעם בוך אין די הענט פאַר מו־רעס בעט און קוקט איבער עפּעס מער ווי אויף אַלץ אויף דעם בליענדיקן פּרישטשיקל, וואָס אויפן בלאַסן אָרט לעבן מורעס מויל... דער ערשטער געדאַנק, וואָס איר קומט דאַן אַרויף אויפן זינען, איז, ווי ביי אַלע סטודענטקעס, וואָס לערנען מעדיצין, אַ שרעקלעכער און שווינדלעכער געדאַנק: איר שווסטער, דאַכט זיך איר — די פערצניעריקע גימנאַזיסטקע מורע — איז קראַנק מיט אַ שרעקלע־כער ווענערישער קרענק און האָט מורא אין דער היים אויסצוזאָגן... זי וויל אַליין פון די מעדיציניש ביכער זיך דערוויסן, מיט וואָס דאָס שמעקט...

— וואָס טוט מען ?

איר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף געשווינד לויפן אין שלאָפצימער אויפוועקן דעם פאָטער, מען מוז מאַכן אַזוי, אַז דאָס גאַנצע הויז זאָל באַלד פול ווערן מיט טומל, מיט געשרייען... נאָר, אַז זי קערט זיך אום מיטן געפונענעם בוך צו זיך אין קליינעם צימערל, ווירקן דאָרט אויף איר באַלד די בילדער אויף די ווענט, די אַרומיקע רוי־קייט פון די ביכער און פון די שפּילערייען, וואָס אויף ביידע טיש־לעך, געבן איר ווי צו פילן, אַז עס איז פשוט אַ משוגעת אָנצו־

הויבן צו טראַכטן פּלוצים פון דער העלער הויט מיט אַזעלכע שוואַרצע שרעקלעכע געדאַנקען... אַ משוגעת... אַ משוגעת... נאָר אָט וואָס:

— אָט די פּערצניאַריקע „זניקל״ — מורע... זי איז נייגע־ריק מער ווי פערציק טויזנט רוחות — אומעטום מוז זי אַריינשטעקן איר נאָז...

זי, די עלטערע שוועסטער, איז פּשוט קיין מענטש נישט, וואָס זי לאָזט ביי זיך אין צימער אַזעלכע ביכער אויבנאויף און פאַר־שליסט זיי נישט, כּדי די נייגעריקע נאַשערין — מורע זאָל נישט קאָנען כאַפּן אין זיי אַ קוק. איצט איז שוין פאַרפאַלן... מורע ווייסט שוין אין אַלגעמיינע שטריכן אַלץ, וואָס אין אָט דעם בוך איז גע־שריבן און האָט שוין מיט גרויס נייגעריקייט באַטראַכט יעדער פון אָט די בייגעלייגטע „העסלעכע״ פאָטאָגראַפיעס...

— פע!.. ווי העסלעך...

פאָליע מוז דאָ אין געדאַנק צוגעבן אָט דעם „פע! ווי העס־לעך״, ווייל אפילו פאַר איר, דער אַכט און צוואַנציק־יעריקער, איז אויך געזונטער, זי זאָל איצט, אין דער צייט פון אירע עקזאַמענס, וואָס וויניקער אויף אָט די פאָטאָגראַפיעס קוקן... האַלב ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע הויבט זי אָן צו מישן דאָס בוך, כּדי אַריינצו־קוועטשן אין מוח אַריין דעם אינהאַלט פון פאַרשידענע וויכטיקע קאַ־פּיטלען, און פּלוצים, שוין כּמעט אינגאַנצן רויק, געפינט זי צווישן די פונדאַמענטאַלע זייטן אַ היפּש פּירעקיק צעטל, געשריבן מיט זייער גרויסע אומגעוויינלעכע בוכשטאַבן פון אַ פעסטער מענערשער האַנטשריפט. אין צעטל שטייט:

„מורע!.. מורע, דו ליב פאַרמוראַשעט הינטל, שוין דריי טעג, אַז איך האָב דיך נישט געזעען. איך ווער פאַרבערענט. איך וואַרט אויף דיר אַלע פאַרנאַכט אין פּאַרק פון „ספּאָרט־קלוב״ (רעכטס, לעבן אָרקעסטער אויף דער ערשטער באַנק). מאָרגן וועל איך ווידער וואַרטן. אויב דו וועסט נישט קומען, וועל איך, פאַרשטייט מען, אין וואַסער זיך נישט וואַרפן, נאָר משוגעתן וועל איך אָפּטאָן אַ היפּש ביסל. איך באַשווער דיך דו זאָלסט קומען, און דו מוזט פאָלגן. פאַרגעס נישט: איך בין דאָך אַלט פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפל דו״...

לייענענדיק דאָס צעטל, דערפילט פּאָליע, ווי עס הויבט ביי איר אָן שטאַרק צו קלאַפּן אין האַרץ. זי ווערט בלאַס, גלייך ווי עס האָט עפּעס זייער אַ נאָענט שייכות צו איר און צו יענעם אומזיכטבאַרן שפּילקעסטל, וואָס שפּילט ערגעץ גאַנצע טעג דעם האַרציקן ניגון פון פרילינג... פון אָנהויב געדענקט זי נאָר, אַז דער פּאַרק פון „ספּאָרטקלוב" איז אַ גרויסער, אַ געדיכטער, אַז דאָרט שפּילט אַלע פּאַרנאַכט אַ גרויסער אָרקעסטער, אַז אַרום-און-אַרום זענען פאַראַן פיל טונקעלע אַלעען און אַז אויף צו קומען אַהין מוז מען זיך אַריבערשיפן איבערן טייך אין אַ קליינעם דאַמפּערל, וואָס איז באַהאָנגען מיט פיל קליינע פענדלעך און מיט פאַפּירענע רויטע, גרינע און בלאָע לאַמטערנדלעך. דערנאָך דערמאָנט זי זיך, אַז אויף מורעס אויבערשטער נאַשער-ליפּ שפּראָצן יונגע, קוים מערקזאַמע ווייבערשע וואָנצעלעך, און אַז איר פּיסקל זעט דעריבער ווירקלעך אויס פאַרמורזשעט, ווי ביי איר, פּאָליען, אַליין, ווי ביי אַלע קינדער פון ווייבערשן געשלעכט, וואָס אין דער פאַמיליע ראַטנער. אין האַרצן טוט אַ נאָג אַ בענקשאַפט צו אָט דער אייגענער מיידלשער פאַרמורזשעטקייט און צום האַרציקן פרילינג-ניגון פונם אומזיכטבאַרן שפּילקעסטל. די פאַרשטייענדיקע טעג פון לערנען הויבן זיך אָן מיט אַמאָל אָן אויסצודאַכטן לאַנג און שווער... ביז גאָר שווער. כּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אָט דעם געפיל, טוט זי ווידער אַ טראַכט, אַז מען דאַרף אויפוועקן דעם פאָטער, מען דאַרף אויפהויבן אַ גוואַלט... באַלד אָבער דערמאָנט זי זיך, אַז זי געהערט צו דער משפּחה ראַטנערס — אַ שטילע, אינטעליגענטישע משפּחה — ביי זיי אין הויז האָט מען קיינמאָל אויף קיינעם נישט געשריגן, אפילו נישט אויף דער דינסט. אָנשטאָט צו ווײַנען אָדער צו שרייען האָט מען שטענדיק געווירקט איינער אויפן אַנדערן מיט שטילן און לאָגישן אינטעליגענטישן איינטענהן. מ'רעדט תּמיד איינער צום אַנדערן מיט עפּעס גאַנץ באַזונדערע סאַמעטענע טענער, און תּמיד, ביי יעדן מאָל, וואָס אַ קינד, צום בײַשפּיל, קערט איבער אויפן ווייסן טישטוך אַ טינטער, האָט מען עפּעס אַזעלכע שמייכלדיקע, ממש גליקלעכע פּנימער, ווי גלייך מען וויל זאָגן:

— נו, נו... נישט קיין אומגליק, נישט קיין אומגליק, נאָר פונ-

דעסטוועגן... אַ צווייט מאָל דאַרף מען אַזעלכע זאַכן נישט טאָן...

דערצו נאָך פאַרבייט זי, פאַליע, די לעצטע פאַר יאָר מורגן די מוטער. אין געגעבענעם פאַל דאַרף מען האַנדלען זייער פּאָרזיכ־טיק און מיט שכל, מען טאָר זיך נישט כאַפּן... טראַכטן, אַז די פערצניעריקע מורע איז אָנגעשטעקט מיט אַ מיאוסער קרענק, איז נישט נאָר אַ נאַרישקייט, נאָר פשוט מערדעריש. מורע איז אַ ליב, לעבנסלוסטיק און קלוג קינד:

— מורע איז אַ דורכגעטריבענע — אַזוי זאָגן אַלע.

עס איז מער נישט, וואָס מורע לערנט אין גימנאַזיע אין פינפטן קלאַס, און צווישן גימנאַזיסטקעס פון איר עלטער זענען נישט קיין פאַרליבטע גאָרנישטאָ; אַ גימנאַזיסטקע, אַז זי איז נישט פאַר־ליבט, שעמט זי זיך צו באַווייזן פאַר אירע חברטעס איר נאָז...

פאַליע איז צופרידן, וואָס זי הויבט אָן ביי אָט די געדאַנקען צו שמייכלען, און וואָס זי קומט אַריין אין יענער שטימונג, אין וועל־כער אַלע ביי זיי אין הויז געפינען זיך, בעת עמעצער פון די קינ־דער קערט אויס אויפן ווייסן טישטוך אַ טינטער... זי נעמט אויס־שטודירן פונם גראָבן בוך פאַרשידענע קאַפּיטלען מיט אַזאַ צושטאַנד, ווי גלייך זי ווייסט שוין געוויס, אַז שפּעטער, ווען מורע וועט אויפ־שטיין, וועט זי צו איר זאָגן:

— נו, נו... עס איז אָן סכנות... ווייבען איז נישטאָ וואָס, נאָר מען דאַרף אַזעלכע זאַכן נישט טאָן...

האָט זיך אָבער איצט, נאָכן איבערגעלייענטן צעטל, זייער שווער געלערנט, די וויכטיקע קאַפּיטלען פון גראָבן בוך זענען, ווי טשווע־קעס מיט אָפּגעהאַקטע שפּיצן — וויפל מען קלאַפּט זיי נישט אַריין אין מידן מוח, פאַלן זיי אַרויס צוריק און ווילן זיך דאָרט נישט האַלטן. אָנשטאָט די פאַרלערנטע פראַזן, וואָס הענגען נאָך אויף די ליפּן, חזרן זיך אין מוח אָן אויפהער די ווערטער:

— „מורע, דו ליב פאַרמורזשעט הינטל"...

— „איך ווער פאַרברענט"...

— „איך בין דאָך אַלט פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפל דו"...

פאַליע טראַכט:

— אַ פּשוטער חשבון: צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל מורע, הייסט עס... פּונקט אַכט־און־צוואָנציק.

דער חשבון „אַכט־און־צוואָנציק" וויל בשום אופן נישט שטימען מיט אַ צייטן חשבון וועגן עפּעס אַן [illegible] אַלער טעמפּעראַטור. וואָס אין בוך. דערבײַ נאָך געדענקט זיך אָן אַ יפה־פיה, אַז אין קינדערשן צימער שלאָפט מורע מיט פונאַנדערגעשאָטענע לאָקן, מיט יונג־צעבליטער ליידנשאַפטלעכער היץ אויפן פּנים, און אַז אויפן בלאַסן אָרט, וואָס נידעריקער פון מויל, געפינט זיך אַ פאַרשפּיצט און היציק ליבע־פרישטשיקל... מורע, הייסט עס, איז פאַרליבט אין אַ מאַנסביל פון אַכט־און־צוואָנציק יאָר...

— אַ פיינע מעשה...

— מער פעלט דאָ אין הויז קיינעם גאָרנישט...

פאָליע וויל פאַרטרייבן פון קאָפּ אַלע זייטיקע זאַכן און געדענקען נאָר איין זאַך:

— פלייסיק לערנען...

שטערן שטערט איר שוין איצט נישט מער, חי אָט וואָס:

— ווער קאָן עס זיין?... אַ שווינדלער, אַ הולטיי, אַן אויסוואורף... קיין לייטישער וועט דאָך נישט איינליבן אין זיך אַ פערצניעריק קינד מיט אַזעלכע פרעכע בריוועלעך און מיט „איך ווער פאַרברענט"... דאָס טוט אַ שאַרלאַטאַן, אַ זשוליק... און אפשר איז ער אויף אַן אמת אין מורען פאַרליבט... אפשר איז ער אַ לייטישער... סיי־ווי־סיי: מורע איז אַ פאַרפאַלענע...

פאָליע שפּאַנט אַרום מיט אויפגערעגטע טריט און מיט פאַרדרוס מיט זיך אַליין: זי איז שוין צוויי מאָל געווען ביים שפּיגל און האָט זיך שוין צוויי מאָל איבערגעצייגט, אַז צוליב די קליינע ווייבערשע וואָנצעלעך זעט אויס איר מויל אַביסל פאַרמורזשעט, ווי ביי מורען, און נאָר די אויגן זענען אַנדערע... אומעטיקע אויגן... פון אַן אַנדער שניט... אַ מאָדנע זאַך: וועגן אָט דער פאַרמורזשעטקייט איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אויסער „יענעם", דעם אַכט־און־צוואָנציק יעריקן, וואָס שרייבט מורען פרעכע בריוועלעך.

פאָליע טראַכט:

— מען מוז אָננעמען מיטלען... דער עיקר איז — נישט מאַכן

קיין טומל... מורע קען זיך דערשרעקן און מיינען, אַז זי איז שוין אַ פאַרפאַלענע...

דער פרימאָרגן איז שוין סיי־ווי־סיי אַ געפּטרטער. מען מוז וואַרטן ביז מורע וועט אויפשטיין. פאַליע איז מיד. זי שפּאַרט זיך דערווייל צו אויף דער קאַנאַפּע. זי הויבט אָן צו דרעמלען.

איצט איז שוין אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי. דער פּאַ־טער האָט שוין לאַנג אָפּגעפרישטיקט און איז שוין אַוועק פון שטוב, די דינסט — אויך. די אויפגעשטאַנענע קינדער שפּילן. דורך די אָפענע פענצטער הערט זיך דער האַרציקער פרילינג־ניגון פונם אומזיכטבאַרן אייביק־וואַכנדיקן שפּילקעסטל. מורע איז שוין אויך אויפגעשטאַנען. פאַליע כאַפּט זיך אויף מיטן אָנדענק וועגן דעם, וואָס עפּעס איינער אַ מאַנסביל ווערט פאַרברענט פון דעם, וואָס ער איז אַלט אַכט־און־צוואָנציק יאָר... אינם ערשטן אויגנבליק דאַכט זיך איר, אַז דאָס אַלץ האָט עפּעס זייער אַ נאָענט שייכות צו איר. זי הערט זיך איין: די אויפגעשטאַנענע מורע זינגט מיט אַ קול פון אַ מיידל, וואָס וועט זיין זייער אַ שיינע און וועט קיין שטימע נישט האָבן, נאָר אין איר זינגען פילט זיך דאָך, אַז זי איז אומגעהויער גליקלעך — זי איז פאַרליבט... פאַליע דערפילט, אַז דאָס, וואָס איי־נער אַ מאַנסביל ווערט פאַרברענט פון דעם, וואָס ער איז אַלט אַכט־און־צוואָנציק יאָר, האָט באַשטימט, באַשטימט אַ שייכות צו מורען, צו איר זינגען... זי בויגט אַרויס דעם קאָפּ דורך דער טיר פון איר צימערל און שרייט אויס מיט אַ קול פון אַן עלטערער שוועסטער, וואָס קאָן איינצייטיק דינען פאַרן קול פון אַ מוטער:

— קינדער! שיקט מיר אַריין מורען!

## II

פריש־אָפּגעוואַשן מיט אַ פריש־פּאַרפודערטע פרישטשיקל שטייט מורע ביי פאַליען אין צימער. פאַליע זיצט ביים טישל מיט זייער אַן ערנסט פּנים און מיט אַזאַ מינע, ווי גלייך פריער, איידער מורע איז צו איר אַריינגעקומען, האָט זי שוין דאָ אין צימער אָפּגעפּראַ־וועט און אָפּגעזאָגט מוסר מינדעסטנס אַזעלכע צען „זניקלעך", ווי־

מורע. זי הייבט אָן פּעדאַגאָגיש, זייער שטיל, אויסמיידנדיק מורעס בליקן; זי קלאַפּט זיך מיט אַ בליישטיפט איבער די נעגל:

— הער זיך איין, מורע: מיינעם אַ מעדיציניש בוך, וועלכן דו דאַרפסט נישט לייענען, האָב איך געפונען ביי דיר אונטערן בעט... דאָס איז העסלעך. דאָס איז דער רוח ווייסט וואָס... איך האָב דיר וויפל מאָל געזאָגט, אַז צווישן מיינע ביכער, דאָ אין צימער, זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַפילו איך, אַ מיידל פון אַכט-און-צוואַנציק יאָר, וואָלט נישט געטאָרט לייענען, ווען איך זאָל נישט שטודירן מעדיצין און וואָלט זיי נישט מוזן לערנען צו די לעצטע עקזאַמענס. איך וויל וויסן, וויאַרום קומט אָט דאָס בוך צו דיר אונטערן בעט?.. קוק מיר גלייך אין די אויגן, מורע...

נאָר מורע ווערט פּלוצים בלאַס, ווי דאָס בלאַס-געפּודערטע אָרט אַרום איר פרישטשיקל. אַנשטאָט צו קוקן צו דער שוועסטער, קוקט זי מיט דער גאַנצער גרויס פון אירע ברייט-געעפנטע אויגן צום אָפּענעם גראָבן בוך, וואָס אויפן טישל. זי איז אויסער זיך:

— דו האָסט געפונען דאָס בוך?! — פרעגט זי.

אויפגעבראַכט, מיט ביידע אויסגעצויגענע הענט וויל זי אַ כאַפּ געבן דעם בוך פונם טיש. פּאָליע פאַרצוימט איר מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט דעם וועג צום טיש. דערביי דערעסט איר פּלוצים די גאַנצע געשיכטע. ווי גלייך זי און איר פערצניעריקע שוועסטער מאַכן נאָך עפּעס אַ שטיק, וואָס מען האָט שוין טויזנטער מאָל געשפּילט אין טעאַטער.

— וואַרט — זאָגט זי אומישנע גאַנץ קאַלט, אַביסל פאַרשלאָפן, — איך האָב אין בוך געפונען אַ צעטל... עמעצער, עפּעס אַ מאַן פון אַכט-און-צוואַנציק יאָר, שרייבט דיר דו זאָלסט קומען צו אים היינט פאַרנאַכט אין פּאַרק פון ספּאָרטקלוב...

מורע האָט אין ערשטן אויגנבליק ווי נישט געגלויבט:

— וואָס?.. דו האָסט געלייענט דעם בריוו?.. אַ שווייַנעריי...

וויַיז גלייך אַהער דעם בריוו, וויַיז אַהער, זאָגט מען צו דיר.

פּאָליע דערפילט: איצט איז פּונקט די צייט צו טאָן יענעם שמייכל, וועלכן מען טוט דאָ אין הויז, בעת עמעצער קערט איבער אויפן ווייסן טישטוך אַ טיגטער.

— מורע?! — זאָגט זי, — ווי איז דיר קיין בזיון נישט?..
מיט וואָס פאַר אַ טאָן רעדסטו מיט מיר?

זי זעט: דער שמייכל, וואָס שפּילט דערביי אַרום איר מויל און אַרום די ליפּן, ווירקט ווירקלעך פיל מער איידער עס וואָלטן געקאָנט ווירקן אַלערליי געשרייען און סטראַשונקעס. פּאַליע איז צופרידן. אין אַ ווײַלע אַרום ליגט מורע אויף דער קאַנאַפּע אַ באַזיגטע, איר פּנים ברענט, פון די אויגן גיסן זיך אָן אַ שיעור טרערן. איר ברוסט כליפּעט אין גרויס נאָגעניש, ווי אויף אָן אומגעהויער גרויסן, פאַרפאַלענעם אומגליק. נאָענט לעבן איר, מיט אַרונטערגעלייגטע הענט און מיט אָן אויסזען פון אַ מענטשן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוטאָן זייער לייכט אַ שווער שטיקל אַרבעט, שטייט פּאַליע. איר קול קלינגט שוין מילדער, נאָר איר מויל הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו שיטן שטראָף-רייד:

— אָך, דו, זניקל, פּאַסקודנע, עקלהאַפטיק מיידעלע! דו דערלויבסט דיר עס זיך צו טאָן אַזעלכע זאַכן און טוסט אפילו נישט קיין טראַכט, וואָס פון דיר קען אויסוואַקסן... מיר איז אַלץ איינס. כאָטש גען און דערטרינק זיך מיט אים צוזאַמען, מיט אָט דעם שאַרלאַטאַן, וואָס וואַגט צו שרייבן פערצניעריקע קינדער אַזעלכע בריוועלעך...

— יאָ, יאָ, — באַגיסט זיך מורע מיט טרערן און כליפּעט אַרויס מיט גרויס נאָגעניש, — איך בין אַ פאַרפאַלענע... אַ פאַרפאַלענע... גלויב מיר... איך האָב קיין שום מיאוסע זאַך נישט געטאָן, נאָר איך בין פאַרפאַלן... אויף אייביק, אויף אייביק פאַרפאַלן...

— פאַרפאַלן! — פּאַליע מאַכט זיך פּלומרשט, אַז זי פאַרשטייט נישט, — פאַרוואָס? — דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז קיין שום מיאוסע זאַך האָסטו נישט געטאָן...

— ניין... נישט דאָס, נישט דאָס, — ווערט כליפּענדיק שיעור נישט צעגאַנגען פון געוויין מורע, — טראַכט נישט וועגן מיר אַזעלכע שלעכטע זאַכן...

און אַרויפפאַלנדיק צו פּאַליען אויף דער ברוסט, שיסט זי פּלוצים אויס נאָך מיט אַ פיל גרעסערן געוויין:

— איך האָב אים ליב!..

— אַך, אַזוי גאָר ?!..

פּאָליע קוקט אַרויף צום באַלקן. ווי גלייך זי וואָלט זוכן אַן עצה — זי דערפילט פּלוצים, אַז עס איז געקומען די צייט געבן מורען צו פילן, אַז זי, פּאָליע, טוט איצט דעם צווייטן שמייכל:

— אויב אַזוי, מורעטשקע... אויב אַזוי, לאָמיר דערציילן דעם פּאַפּאַ... אפשר וועט ער אייך חתונה מאַכן... „ער" איז דאָך סך־הכּל אַלט צוויי מאָל אַזויפיל ווי דו: „ער" — אַכט־און־צוואַנציק, און דו — פערצן...

— הער אויף, פּאָליע... דו האָסט קיין האַרץ נישט... דו מאַכסט פון מיר חוזק.

פּאָליע אָטעמט פריי אָפּ. אַלץ גייט ווי אויף פּוטער, און די הויפּטזאַך — אַלץ קומט אַרויס ביז גאָר פּעדאַגאָגיש — מורע אַליין איז געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט אָפּגעטאָן אַ זאַך פון חוזק און האָט זיך אַליין געמאַכט צו לייטיש געלעכטער. איצט בלייבט נישט מער, ווי דער צווייטער צד — זיך נעמען צו אָט דעם אַכט־און־צוואַנציק־יעריקן שאַרלאַטאַן און זשוליק, און זען אויף אים ווירקן, ער זאָל ערגעץ וווהין פאַרשווינדן, ער זאָל אויפהערן צו שרייבן פערצניעריקע קינדער פרעכע בריוו און זיי באַשטעלן ראַנדעוווען אין די טונקעלע אַלעען פון „ספּאָרטקלוב".

— ווער איז ער?

— אַ קינסטלער, — וויינט מורע — אַ מאָלער. ער איז נישט קיין היגער...

— גוט. ווי קומט ער אַהער?

— מען האָט אים אַרויסגערופן אַהער אין שטאָט צוליב זיין בילדער-אויסשטעלונג אין היגן מוזיי... מע האָט געשריבן וועגן אים אין אַלע צייטונגען... אַזוי גוט... אַזוי גוט.

פּאָליע שפּאַנט אַרום זייער באַשעפטיקט איבערן צימער; דער גאַנצער פּלאַן פון „אַרבעט" איז שוין ביי איר גרייט: מורע בלייבט, פאַרשטייט מען, היינט פאַרנאַכט איינגעדרעהיים — דאָס איז נומער איינס; ביי איר, פּאָליען, איז שוין היינט דער גאַנצער לערן-טאָג סיי-ווי-סיי פאַרפאַלן — דאָס איז נומער צוויי; אָנשטאָט מורען וועט היינט אין פּאַרק פון „ספּאָרטקלוב" זיך אַריבערשיפן איבער דעם

טייך זי, די עלטערע שוועסטער, און וועט דאָרט אויף דער באַנק, וואָס רעכטס לעבן אָרקעסטער אויסלאָזן צו יענעם אויסוווּרף, דעם מאָלער, אַלץ, וואָס ביי איר אויפן האַרץ... עס וועט נעמען אַ סוף. מאָרגן וועט זי, פּאָליע, ווידער לערנען אַ גאַנצן טאָג פלייסיק, פלייסיק און וועט מער נישט געדענקען, אַז איר מויל זעט אויס ווי פאַרמורזשעט... נו, און מורע... זי איז אויף אַלץ מסכּים, זי ווייַנט מיט אַ מאָדנעם האַרץ-רייסנדיקן ברוסטיקן געוויין, ווי אַ דערוואַקסענע... גוט אַזוי... מורע איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע... יעדער פערצניעריק קינד מוז טיף פון האַרצן באַוויינען דעם זעלבע, וואָס איצט באַוויינט מורע...

III

עס איז אַרום זיבן אַזייגער פאַרנאַכט. כּדי נישט צו באַגעגענען זיך אויפן וועג מיט באַקאַנטע, שיפט זיך די עלטערע שוועסטער אַריבער איבערן טייך אויף אַ שיפל גאַנץ אַליין. זי איז אָנגעטאָן אין אַ פאַראיאָריקן שמאָלן אַנצוג און אין אַ זומערדיק-ווייסן קאַסטאָרענעם הוט — אַן אַנצוג, וועלכן מען טוט אָן, ווי אַן אָפּקומעניש, בעת מען מוז אין די צייטן פון עקזאַמענס דורכגיין די גאַס. אַ געפיל איז ביי איר אַזאַ, גלייך ווי זי גייט איצט אויף אַ ראַנדעווו, אויף וועלכן קיין מיידל אין דער וועלט איז נאָך ביז איר נישט געגאַנגען — אַ ראַנדעווו, וועלכן מען מוז דורכמאַכן פונקט, ווי מען מוז דורכמאַכן די עקזאַמענס. יעדנפאַלס ליגט דער קאָפּ ערגעץ אַנדערש און מען ווייסט אַליין נישט, צי מען האָט פון דעם הנאה, צי ניין. פון אונטן, פונם שטאָטישן ברעג, פון וועלכן זי פאָרט אָפּ, שווימען איר נאָך די שטאָטישע פאַרנאַכטיקע שאָטנס. אויף די בערג ברענען דאָרט פאַר זון-אונטערגאַנג די שפּיצן פון די קלויסטערס; עס דאַכט זיך, אַז אַרום און אויפן טייך דערשפּילט שוין אויף גיך די נאַכט צי דאָס אומזיכטבאַרע קעסטל דעם לעצטן האַרציקן ניגון פון פרילינג; ער איז שוין מיד, מיד אָט דער ניגון און גיסט זיך צונויף מיט די מוזיק-כוואַליעס פון דעם אָרקעסטער, וואָס אַקעגן אין גרויסן פּאַרק פון „ספּאָרטקלוב”. אַרויסקריכנדיק

פונם שיפל און אַוועקשטעלנדיק דעם ערשטן פוס אויפן גרינעם גראָז פון פּאַרק, קוקט זי זיך אַרום צעשטרייט און דערמאַנט זיך, אַז זי האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געלערנט. איר דאַכט זיך איבער עפּעס, אַז זי האָט שוין פאַרשפּעטיקט. דער אָרקעסטער, זעט אויס, שפּילט שוין פון לאַנג. באַלד קוקט זי זיך אַרום: מענטשן אין פּאַרק דרייען זיך אַרום זייער ווייניק, און די ערשטע באַנק רעכטס לעבן אָרקעסטער איז נאָך ליידיק. איצט האָט זי חרטה, וואָס זי איז געקומען אַזוי פרי. כדי נישט צו וואַרפן זיך קיינעם אין די אויגן, זעצט זי זיך צו נישט ווייט פונם בופעט ביי איינעם פון די טישלעך. זי הייסט עפּעס דערלאַנגען. זיצנדיק אַזוי ביים טישל, פאַרגעסט זי זיך אָן אַלץ, אָן אַלץ. זי דערפילט אין זיך אַ מאָדנע רויקייט, ווי גלייך זי וואָלט אַראָפּגעקומען אַהער אויף אַ קוראָרט, וווּ קיינער קען זי נישט. מיד פון נאָך דעם חודש לאַנגן לערנען, דערפילט זי מיטאַמאָל דעם אַרומיקן פרילינג; די פרישע גרינקייט פון די ביימער איז עפּעס אַן אַנדערע, אַ נייע. די פאַרשידנפאַרביקייט פון די בלומען אין די קלומבעס, די ריינקייט פון די געפלאַסטערטע שטיינדעלעך אונטער די פיס און פון די ווייסע טישטוכער אויף די אַרומיקע קליינע טישלעך — דאָס אַלץ האָט זי, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. עס ווילט זיך אַזוי זיצן לאַנג, לאַנג, אָפּרוען אָן שום באַוועגונגען. עס איז שוין אָפּילו אַ שאָד, וואָס רעכטס אויף דער ערשטער באַנק לעבן אָרקעסטער האָט זיך באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן — נישט גאָר קיין געוויקסיקער, אַ קרעפּטיקער, אַ שוואַרצהנעוודיקער. ווייכע לאַנגע טינט-שוואַרצע האָר זעען זיך אַרויס פון אונטערן ברייטן הוט, זיין מאַנטל איז אויף גיך אַריבערגעוואָרפן איבער זיין רעכטן אַקסל און אַליין איז ער פול מיט מאָדנע צופרידענע, קאָמיש-פריילעכע באַוועגונגען, וואָס זאָגן אָן, אַז אַ מענטש איז ער זייער אַ גוטמוטיקער, אַ צוגעלאָזענער און בכלל... אַ צופרידענער... פונווייטנס דאַכט זיך, אַז זיינע שוואַרצע ברעמען זענען ביי אים צוזאַמענגעוואַקסן, ווי פון איין שטיק. דער ערשטער געדאַנק, מיט וועלכן עס טוט זיך ווי פון זיך וועגן אים אַ טראַכט, איז, אַז ער איז אַ שיינער... עפּעס אַ מער נייער, איידער אַנדערע. איצט געדענקט זי שוין ווידער, אַז איר אייגן מויל זעט אויס אַביסל פאַרמורישעט... דער-

נאָך דערמאָנט זי זיך פּלוצים זייער שנעל, אַז דאָס איז אַוודאי „ער" — יענער, אין וועמען מורע איז פאַרליבט. זי טוט אַ שמייכל, ווי מען טוט דאָס ביי זיי אין הויז, ווען עמעצער קערט איבער אַ טינטער:

— זי האָט געשמאַק — אָט די „זניקל", מורע...

דאָס שמייכל האָקט זי איבער אינגמיטן. ער קלעבט זיך נישט מיט דער לאַגע, אין וועלכער זי, די עלטערע שוועסטער, געפינט זיך...

נאָכדעם געדענקט זי. אַז זי איז צו אים צוגעגאַנגען זייער נישט זיכער, ווי פאַרבייגייענדיק. ער איז געווען מוראדיק פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דערהערט, אַז זי איז מורעס עלטערע שוועסטער. דערנאָך האָט ער פון גוטמוטיקייט זיך מוראדיק דערפרייט. די דאָזיקע פרייד זיינע האָט זי פאַרטומלט און האָט מיטאַמאָל ווי אָפּגענומען ביי איר דאָס לשון.

ער האָט פון אירע ערשטע פּאָר ווערטער פאַרשטאַנען צוליב וואָס זי איז געקומען. ער האָט געשיינט צו זיין פיזיש זייער אַ קרעפּטיקער, און אויך דאָס, וואָס ער האָט אַלץ אַזוי געשווינד פאַרשטאַנען, האָט זיך געדאַכט, נעמט זיך נישט פון זיין שכל, נאָר פון זיין פיזישער קראַפט.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, — איר זייט אינגאַנצן גערעכט.

דערנאָך האָט ער פּלוצים זיך שטאַרק פאַרלוירן און זיך שטאַרק פאַרטראַכט, אַזוי, אַז זייטיקע דורכגייער האָבן שוין אַפילו אָנגעהויבן אויף אים און אויף איר צו קוקן.

— קומט, — האָט זי דאַן צו אים געזאָגט, — מיר וועלן אַביסל גיין.

— יאָ, טאַקע, — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, — קומט.

נאָר פון דעם, וואָס זיי גיבן זיך ביידע אַ שלעפּ איבער די די אַלעען און זעצן זיך דאָרט צו אויף אַן אַנדער באַנק, קומט ווייַ דער גאָרנישט נישט אַרויס. מען דאַרף אָנהויבן רעדן צו אים פיל מער שטרענג, אים אויסזידלען, נאָר איר שטערט דאָס, וואָס לויט זיינע אַלע באַוועגונגען, לויט זיין גאַנצן אויסזען מאַכט ער אַן איינדרוק פון עפּעס אַ מאָדנע גוטהאַרציקן. עס דאַכט זיך שוין אַפילו,

אַז די גאַנצע געשיכטע מיט מורען האָט ער פאַרדרייט בלויז פון צעטראָגנקייט... זי קוקט אויף אים שטרענג, נאָר ער באַמערקט דאָס נישט.

פּלוצים הויבט ער אָן צו רעדן זייער פיל וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס ער, דער יונגער מאָלער, איז נישט לאַנג אָפּגעזעסן ביי אַכצן חדשים פאַרשפּאַרט אויף אַ בוידעם און האָט געמאָלן דאָרט זיינע בילדער — אָט די, וואָס זענען איצט אויסגעשטעלט דאָ אין שטאָט-מוזיי. זי פאַרשטייט, צי ניין? אַלע זיינע חברים, אויך מאָלער האָבן גערעדט, גערעדט, זיך געטראַכט טאָג ווי נאַכט וועגן פאַרשידענע ריכטונגען אין דער מאָלעריי, און ער האָט זיך געטראַכט: „רעדט, רעדט... איך וועל דערווייל אַרבעטן”. פאָליע פאַרשטייט כמעט נישט קיין וואָרט. זי איז גרייט בעטלען צו אים חלומות, נאָר ער רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער: — אדרבא, ער פרעגט ביי איר, מורעס שוועסטער: אַסך קומט אַרויס פון רעדן? ער איז אַ מאָלער, וואָס האָט ליב מענטשן... ער מאָלט מענטשן, נאָר מענטשן...

פּאָליע האָט זיך שוין אָנגענומען מיט כוחות און איז גרייט אָנצוהויבן, נאָר ער האָט שוין באַוויזן איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און רעדט שוין ווידער וועגן דעם, וואָס אים געפעלן מענטשן:

אָט קוקט ער איצט איר, מורעס שוועסטער, אין די אויגן, און זי געפעלט אים פונקט, ווי אים איז געפעלן מורע דענסטמאָל, אין דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זי צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע גימ-נאַזיסטקעס דערזען דאָרט אין מוזיי אַרומגיין און אויסקוקן זיינע אויסגעשטעלטע בילדער. ער געפינט, אַז אירע, מורעס שוועסטערס, אויגן זענען פונקט אַזוי ווי מורעס, נאָר אַביסעלע מער פאַרזאָרגט, און ער, אַז ער זעט פאַרזאָרגטע אויגן, איז ער גרייט זיי אָפּגעבן די נשמה אינגאַנצן... אינגאַנצן, אַזוי, אַז אים זאָל גאָרנישט נישט בלייבן. דענסטמאָל, ווען ער האָט דערזען מורען צום ערשטן מאָל, איז אויך אַזוי געווען; דענסטמאָל איז געשען אַזוי, אַז מורע איז צו אים אויף דער אויסשטעלונג צוגעגאַנגען און האָט אים געבעטן, ער זאָל איר געבן צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון איינעם אַ בילד. ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן, מיט גליק, וואָס אַזאַ אומבאַקאַנטע יונגע מורע מיט אַזעלכע אויגן איז פאַראינטערעסירט

מיט איינעם פון יענע בילדער, וועלכע ער האָט געמאָלט, בעת ער איז אָפּגעזעסן אַכצן חדשים פאַרשפּאַרט אויף אַ בוידעם. עס איז געשען אַזוי, אַז מורעס אַלע חברטעס-גימנאַזיסטקעס האָבן שוין געוואָלט פון דער אויסשטעלונג אַוועקגיין, און מורע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן פּנים צו יענעם בילד. ער האָט פון דער זייט געהערט, ווי מורע ענטפערט זיי: „לאָזט מיך צורו, גייט אייך אַליין, איך וועל נאָך דאָ בלייבן". דערנאָך האָט מען שוין די אויסשטעלונג אָנגעהויבן שליסן. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ער מיט מורען זענען אַרויסגעגאַנגען די לעצטע און האָבן זיך אין גאַס, ווי צופעליק, געהאַלטן צוזאַמען. עס איז געווען גראָד אין יענעם טאָג, ווען אין די צייטונגען האָט מען וועגן אים זייער גוט געשריבן און ער האָט פאַרקויפט זייער פיל בילדער. ער האָט דערציילט מורען, ווי אַזוי ער איז ביז אַכצן חדשים אָפּגעזעסן פאַרשפּאַרט אויף דעם בוידעם. מורע האָט דערויף געזאָגט: „איך וואָלט עס נישט געקענט", דערנאָך האָט זי אַ טראַכט געטאָן און האָט צוגעגעבן: „און אפשר וואָלט איך עס יאָ געקענט". נאָר אים האָט גערירט דווקא דאָס, וואָס זי האָט אינמיטן אַ טראַכט געטאָן, ווען זי זאָל אינמיטן נישט געווען אַ טראַכט טאָן, וואָלט אפשר גאָרנישט געווען געשען... ער איז דענסטמאָל געווען גרייט זיך פונאַנדערצווויינען דערפאַר, וואָס זי האָט אַ טראַכט געטאָן... און אפשר איז ער געווען גרייט זיך פונאַנדערצווויינען דערפאַר, וואָס מורע האָט פּונקט אַזאַ טייער פּנים, ווי זי האָט, און נישט קיין אַנדער פּנים... דאָס איז שוין אפשר דערפאַר, וואָס ער איז אַ מאָלער... ער געדענקט נישט אויף געוויס, דאַכט זיך, אַז ער האָט דענסטמאָל אָנגעזאָגט מורען זייער פיל קאָמפּלימענטן. נאָר דאָס געדענקט ער: ער איז דענסטמאָל געווען גרייט איר אָפּצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פון די אַכצן פאַרשפּאַרטע חדשים, וואָס ער איז אָפּגעזעסן אויפן בוידעם, און אויך אַלץ, וואָס ער קאָן האָבן פון אַלע חדשים, וועלכע ער וועט נאָך שפּעטער אָפּזיצן פאַרשפּאַרט. און אָט... פון דענסטמאָל אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן... ער האָט מורען שטאַרק ליב באַקומען. זי אים — אויך. ער האָט פאַרגעסן סיי וויפל מורע איז אַלט, סיי וויפל ער אַליין איז אַלט. אמת, מורע איז אַלט זעכ-

הכּל פּערצן יאָר, איז וואָס?.. ווער ווייסט דען נישט, אַז אַזעלכע קינדער, ווי מורע, דערוואַכן תּמיד יונג. אין עמעצן מוזן זיי זיך פאַרליבן, איז וואָס איז דאָ דער אומגליק, וואָס ער... ער איז געווען דער ערשטער?.. זי, מורעס עלטערע שוועסטער, פאָדערט פון אים ער זאָל איצט וואָס גיכער פון זייער שטאָט פאַרשווינדן?.. גוט, ער איז גרייט דאָס צו טאָן... מיט פאַרגעניגן... ער פילט אַליין, אַז ער דאַרף עס טאָן... נאָר אָט... זי, מורעס עלטערע שוועסטער, קוקט אויף אים די גאַנצע צייט מיט אַזאַ אומעט אין די אויגן... מיט אַזאַ אומעט...

די גאַנצע צייט, וואָס ער שיט אָט דעם מבול פון ווערטער, הערט ער נישט אויף אַלץ נענטער און נענטער זיך צו איר צוזורוקן אויף דער באַנק, וווּ זיי זיצן. ער פילט, דאַכט זיך, אַליין נישט, ווי אינמיטן ריידן נעמט ער זי אָן אַלע ביידע פאַר אַן אַנדערע האַנט. ער הויבט אָן צערטלעך צו גלעטן אירע אַ האַנט. אַרום און אַרום אין די זייטיקע אַלעען איז שוין אָוונטיק-טונקל. דער הינטןגעבליבענער אָרקעסטער האָט שוין עטלעכע מאָל אויפגעהערט צו שפּילן און עטלעכע מאָל שוין נאָך אַמאָל אָנגעהויבן, און ער רעדט נאָך אַלץ. ער כאַפּט אַלע ביידע איבער דעם אָטעם און רעדט ווידער שוין מיד, זייער מיד. עס דאַכט זיך: ער וועט קיינמאָל נישט אויפהערן.

און פּלוצים, ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, טוט ער זי געשווינד אַ כאַפּ אַריין אין זיינע געזונטע, קרעפּטיקע אָרעמס און פאַלט צו מיטן מויל שטייף, שטייף צו אירע ליפּן. דאָס אַלץ קומט פאַר אַזוי מאָדנע געשווינד, אַז זי האָט קיין צייט נישט אַ טראַכט צו געבן, צי זי דאַרף זיך ווערן אָדער ניין. פון דער אומגעריכטער פּלוצימדיקייט, מיט וועלכער זי דערפילט זיך אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, מוז זי נאָר פאַרוואַרפן אַרונטער איר קאָפּ און צושליסן ד אויגן; זי ווייסט נישט, צי זי וויל, אַז דער צושטאַנד, אין וועלכן זי געפינט זיך, זאָל זיך ציען וואָס לענגער, אָדער ער זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן. איר איז נאָר ביז גאָר איינגענעמען, וואָס ערגעץ ווייט פון דער באַנק און פון דער טונקעלער אַלעע, אויף וועלכער זי געפינט זיך, פאַרגייט זיך זייער שטיל און נאָגנדיק דער אָרקעסטער,

און דערמאָנט זייער שטאַרק אָן דעם אומזיכטבאַרן שפּילקעסטל, וואָס שפּייט די גאַנצע צייט אָן אויפהער דעם לעצטן האַרציקן ניגון פון פרילינג...

עס איז שוין שפּעט איבאָוונט, ווען די עלטערע שוועסטער קערט זיך צוריק אַהיים. אין גאַנצן הויז שלאָפט מען שוין, און נאָר אין איר קליינעם צימערל לייכט זיך נאָך. מיט פונאַנדערגעוואָרפענע לאָקן און מיט אַ בליענדיקן פרישטשיקל אויפן פאַררויטלטן, שטאַרק פאַרוויינטן פנים שלאָפט אויף דער קאַנאַפּע אין וואַרטעניש מורע.

די עלטערע שוועסטער טרעט אַהין אַריין אויף די שפּיץ-פינגער, כדי מורען נישט אויפצוּוועקן. נאָר מורע כאַפּט זיך אויף זייער פלוצים און בלייבט זיצן אויף דער קאַנאַפּע מיט גרויסע געעפנטע אויגן, וואָס זענען ווי אין שרעק געווענדט צו פאָליען.

— דו האָסט אים געזען ?.. — פרעגט זי זייער געשווינד, ווי מיט האַרץ-קלאַפּעניש — נו, וואָס ?

פאָליע קוקט נישט צו איר און הויבט אָן אַראָפּציען פון זיך דאָס קאָפּטל, זי ענטפערט קאַלט:

— גאָרנישט. ער פאָרט אַוועק... גיי שלאָפן, מורע.

מורע רירט זיך נישט פון אָרט. זי זיצט אויף דער קאַנאַפּע און קוקט מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן צום לאָמפּ. זי זיצט אַזוי לאַנג. פאָליע האָט זיך שוין אויסגעטאָן. נישט אויסרעדנדיק מער קיין וואָרט, האָט זי זיך געלייגט אין בעט.

— ווען פאָרט ער אַוועק ? אַ ?.. פאָליע.

פאָליע הויבט אָן צו ווערן אויפגערעגט.

— היינט... מאָרגן... אַלצאיינס. כ'האָב דיר געזאָגט : גיי שלאָפן, מורע.

מורע דערשרעקט זיך פלוצים פאַר אָט די ווערטער.

— פאָליטשקע, טייערע... — בעט זיך זיך, — ווייסטו וואָס ? איך וועל היינט שלאָפן דאָ ביי דיר...

פאָליע שווייגט.

— דערלויב מיר, טייערינקע.

פּאָליע:

— נו, גוט. נאָר מאַך עס גיכער. פאַרלעש דעם לאָמפּ.

איצט איז שוין שפּעט ביינאַכט. מורען איז די קליינע קאַנאַפּע קורץ. זי האָט זיך אויסגעבעט אויף דער ערד. זי שלאָפט נישט. עס איז שטיל.

— דו ווייסט, פּאָליע? „ער" איז אַ מאָדנער... עפּעס אַזאַ האַרציקער...

אַ פּויזע. פּאָליע שווייגט.

— דו ווייסט, פּאָליע? ביז אים האָט עס קיינער נישט באַמערקט... אָט דאָס, וואָס מיין מויל זעט אויס, ווי פאַרמורזשעט. ביי דיר אויך, פּאָליע... דיין מויל זעט אויך אַזוי אויס.

— שלאָף, שלאָף, — ענטפערט בייז פּאָליע.

ווידער אַ פּויזע.

— דו ווייסט, פּאָליע?... אַזעלכן, ווי „ער", באַגעגנט מען נאָר איינמאָל... איינמאָל אין לעבן...

פּאָליע ווערט פּלוצים אויסער זיך:

— וועסט נישט אַנטשוויגן ווערן, דו...

זי הויבט פּלוצים אָן צו זידלען מורען מיט אַזעלכע שאַרפע ווערטער, מיט וועלכע מען האָט דאָ אין הויז נאָך קיינעם נישט געזידלט. זי דערשרעקט זיך אַליין פאַר אָט די ווערטער. מורע וויינט, פריער — שטיל און דערנאָך אַלץ זאַפּטיקער און זאַפּטיקער. פּאָליע מוז אַראָפּקריכן פון בעט און זי איבערבעטן. זי נעמט זי אַרום און קושט זי אַזוי שטאַרק, ווי זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געקושט. זייערע נאַקעטע הענט פלעכטן זיך צונויף. דערנאָך לייגט זיך פּאָליע צוריק אין בעט און הויבט איבער עפּעס אַליין אויך אָן צו וויינען, פריער — שטיל, דערנאָך אַלץ זאַפּטיקער און זאַפּטיקער. אינדרויסן הויבט שוין אָן צו טאָגן. לעבן פּאָליען אויפן בעט זיצט מורע און מוסרט זי פּמעט מיט יענע זעלבע ווערטער, מיט וועלכע מורען האָט אינדערפרי געמוסרט פּאָליע.

— אַך דו, — מוסרט זי פּאָליען, — קליין, נאַריש מיידעלע!... אַך, דו...

---

# אין פּאַנסיאָן פון די דריי שוועסטער

# אין פּאַנסיאָן פון די דריי שוועסטער

די טיר פון פּאַנסיאָן — אַז מען קלינגט אין איר אָן — עפנט אַ דינסטמיידל, אַ שיינע, אַ צוגעפּוצט-העפלעכע, אַן אויסגעפּראַוועטע לויט אַלע אינעווייניקסטע מנהגים און געוויינהייטן פונם פּאַנסיאָן. זי טוט אַ קוק אויפן אַריינגעקומענעם מיט אַזעלכע אויגן, וואָס זעען אין אים עפּעס מער, ווי עס זעען פיל אַנדערע אויגן. זי ציט אַראָפּ פון אים דעם פּאַלטאָ מיט אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס גיבן אים צו פילן, אַז ער האָט ענדלעך זיך דערשלאָגן צו אַ געמיטלעכער היים — ער איז צוגעשווומען צו אַ ברעג; זי ענטפערט מיט אַזאַ קול, וואָס איז, אויסער אַלע פראַגן, אויסן צו ענטפערן נאָך אויף איין פראַגע — אַ פראַגע, וועלכע מען זאָגט מיט קיין ווערטער ניט אַרויס. פיס דערפילן אונטער זיך טעפּיכער און הייבן גלייך אָן צו גיין אויף זיי ווייך, ווי אַלע פּרוזשינעס. אַרום און אַרום, פון די ווענט, וואָס אין זייטיקן וואַרים-מעבלירטן אָפענעם צימער, קוקן אַראָפּ פאָטאָגראַפיעס און בילדער פון פרויען מיט פאַרדבקטע פנימער, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און מיט פאַרנעפּלט-ליידנשאַפטלעכע אויגן. עס געדענקט זיך פונם האַלב-טונקעלן קאָרידאָר איינס אַזאַ בילד, אַ צופיל נאַקעטס, מען דערפילט זיך גלייך אָן אי מיטן שטאַט, אי מאָדנע ווייט און אָפּגעזונדערט, פון אַלע אירע מיליאָנען מענטשן; מען טוט גלייך וועגן פּאַנסיאָן אַ טראַכט:

— אַן אָנשטענדיקער, געוויס.

— נאָר פון דער אַנדערער זייט...

איצט הייבט אָן צו ווערן פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער פּאַנ-

סיאָן האָט פון אַלע בערלינער גאַסן זיך צוגעזוכט דווקא אָט די גאַס, ווו אַרום און אַרום איז נישט גאָר רוישיק און נישט גאָר שטיל. ער איז אַליין אויך עפּעס אַזעלכער — ער לערנט יעדן מענטשן, וואָס קומט אין אים אַריין:

— זיי נישט גאָר רוישיק און נישט גאָר שטיל.

אַלץ, וואָס מען זעט אַרום זיך, רופט אייגנצייטיק אַרויס אין עפּעס אַ חשד אי אַ ספק, אַז אפשר האָט מען דעם גאַנצן פּאַנסיאָן אַזוי איינגעאָרדנט, ער זאָל אַרויסרופן עפּעס אַ חשד און אַז באַלד נאָך אים זאָל קומען דער געדאַנק, אַז אפשר האָט מען אַ טעות.

צו אַ נייעם פּאַנסיאָנער קומט אין אויפנאַם־צימער אַריין די עלטערע פון די דריי שיינע שוועסטער, ליובע — אַ ברוינע, אַ וווּקסיקע, אַ שטאַלטנע. זי איז שענער און ייִנגער פון איר בילד, וואָס הענגט דאָ אויף דער וואַנט. זי איז בלאַסלעך און צופיל געפּודערט. זי טוט אַ קוק אויפן פרעמדן גאַסט מיט אַזאַ בליק, ווי גלייך זי וויל באַשליסן, צי ער וועט איר פּאַסטן נישט בלויז פאַר אַ פּאַנסיאָנער, נאָר, אויב עס וועט אויסקומען — אויך פאַר אַ נאָענטן פריינט, פאַר אַ מענטש, וואָס איז נייטיק צו לעבן פריער, ווי מען לעבט אויף דער גאַנצער וועלט... עס גייט דעריבער דורך אַ קורצע פּויזע איידער זי הויבט אָן מיט אים צו רעדן. זי מאַכט צו די אויגן און זאָגט אים אָפּ מאָנאָטאָניש און אויף גיך דעם טייערן מקח, וואָס ער דאַרף דאָ צאָלן פאַר אַ צימער מיט פּאַנסיאָן. זי ענדיקט מיט אַ שמייכל, ווי גלייך ער און זי ווייסן שוין ביידע, אַז נישט אין מקח האַנדלט זיך דאָ — ס'איז בלויז אַזאַ מנהג אָנצוהויבן אויף אַזאַ אופן די קאַנטשאַפט און אָקאָרשט דערנאָך דערלאַנגט זי אים מיט אַ צווייטן שמייכל די האַנט און בעט אים זיצן. זי אָרדנט זיך מיט אים איין אין איינעם פון די געמיטלעכסטע צימער־ווינקלען, נאָר זי האָט באַלד חרטה און גייט מיט אים איבער אין אַ צווייטן ווינקל — נאָך אַ מער געמיטלעכן. זי קלינגט אָן און הייסט דערלאַנגען כיבוד — טאַקע אַהער אין ווינקל אויפן צוגערוקטן נידעריקן טישל. זי זאָגט צו אים:

— וואַרט, וואַרט, איך וועל אַליין טרעפן, וואָס איר האָט ליב־טיי צי קאַווע.

אין יעדער רגע באַשליסט מען גלייך צו צאָלן דאָ דעם גרויסן מקח פֿאַר פּאַנסיאָן. מען מעג זיין פֿון קליינערהייט אָן געוווינט צו טרינקען אי טיי אי קאַווע, נאָר אַז זי קוקט אַ רגע שמייכלדיק גלייך אין די אויגן און טוט פֿלוצלינג אַ טרעף:

— קאַווע!

דערפֿילט מען מיט אַלע חושים, אַז עס איז ווירקלעך אַזוי — דאָס ליבסטע איז קאַווע, מען חידושט זיך שוין דערביי אויף זיך אַליין, וואָס מען איז אַלע יאָרן געווען אַ נאַר און געטרונקען טיי. אויפֿן האַרצן ווערט דאַן מאָדנע פֿריילעך. מען פֿאַרגעסט, צו די אייגענע רעסורסן טראָגן אויף צו צאָלן דאָ דעם גרויסן מקח צו ניין; מען פֿאַרגעסט וויפֿל מען איז אַלט. עס קומט אַריין די צווייטע יונגע שוועסטער סימע — אַ בלאָנדע, מיט קורצע, כמעט ייִנגליש-אָפּגעשוירענע האָר. זי איז אַ היפּוך פֿון דער עלטערער, דער ברוינער. איר גאַנצער פּנים איז, ווי זי אַליין, חנעוודיק לעגגלעך. זי קאָן שמייכלען בלויז מיט איינעם אַ קנייטשעלע, וואָס אויף איר נאָז, און דאָס דאָזיקע שמייכלדיקע קנייטשעלע דערנענטערט זיך צום נייעם פּאַנסיאָנער נאָך איידער זי אַליין דערנענט זיך. זי גיט אים די האַנט און קוקט דערביי איינצייטיק אויף אים און אויף דער עלטערער שוועסטער, קוקט מיט אַזאַ צופֿרידן, פֿריילעכן באַשער-בליק, ווי גלייך זי האָט פֿריער געוווסט, אַז זיי ביידע, דער נייער פּאַנסיאָנער און די שוועסטער, וועלן זיך דאָ אין צימער איינער דעם אַנדערן געפֿעלן — ווי גלייך זי איז זיי דערויף מקנא... דער פּאַנסיאָנער הויבט דעריבער גלייך אָן צו פֿילן צו אָט דער סימע אַזעלכע געפֿילן, ווי גלייך זי קער זיך מיט אים אָן זייער נאָענטע קרובים פֿון כּלהס צד. מען הויבט נישט ווילנדיק אָן צו טראַכטן, ווער פֿון זיי איז שענער — די עלטערע צי די ייִנגערע. דערביי פֿילט מען אַן אומבאַשטימטע חרטה, ווי גלייך מען האָט זיך צוגעאײַלט, מען האָט צו-פֿרי אויסגעקליבן די עלטערע. נאָר לאַנג צו טראַכטן וועגן דעם האָט מען קיין צייט נישט... עס הערט זיך די גאַנצע צייט אַ שטיל פֿאַרדבקהט קלאַוויר-שפּילן פֿון אַ נאָענטן צימער. עס דערטראָגן זיך טענער, וואָס שטאַרבן צייטנווייז אָפּ פֿון גרויס געפֿיל, פֿון אויסגייענדיקן האַרצווייטיק-טענער, ווי פֿון אַן „אל-מלא", וואָס שחלן

און מונטערן זיך אַליין אויף מיט נייע האָפענונגען, מיט נייע פראַגן: טאָמער, אפשר... דער כּיבוד אויפן קליינעם טישל פאַרגרעסערט זיך ביז ליקער, ביז פרוכטן מיט מעטאַלענע קנאַקניסלעך. עס וואַל־גערן זיך דורכאויס אויף די טעלערלעך שאָלעכצער פון מאַראַנצן און פון מאַנדלקערן. עס איז חול־המועדיק, יום־טובדיק. דענסטמאָל ווערן די קלאַוויר־טענער אינגאַנצן פאַרשטאָרבן. עס דערנענטערט זיך אַהער די דריטע שוועסטער — אַ יונגע, אַ בויגיקע מיט אַ קערפּער פון אַ מיידל, וואָס חלשט מען זאָל פון איר מאַכן אַ טענצע־רין. זי בלייבט שטיין אין טיר מיט פאַרוואָרפענע הענט אויפן קאָפּ און מיט אַזאַ אויסזען, גלייך זי וויל זיך אויסציען, נאָר זי ווייסט אויף פריער, אַז וויפל זי וועט זיך נישט ציען — וועט דאָס איר זיין קאַרג. זי איז ווי אַ געמיש פון ביידע עלטערע שוועסטער — זי איז נישט ברוין און נישט בלאָנד. פון אירע אויגן קוקן אַרויס אין דער זעלבער צייט די פאַרגעפלטע ליידנשאַפט פון ליובען און די פריילעכע רייצעוודיקייט פון סימען.

— יוליאַ!? — זאָגן צו איר ביידע עלטערע שוועסטער מיט־אַמאָל און שטעלן מיטאַמאָל אָן אויף איר ביידע פאַרוווּנדערט די אויגן, ווי אויף אַ ליבלינג, — פאַרוואָס גייסטו נישט צו נענטער, יוליאַ?!...

דענסטמאָל הויבן אָן אויף דעם פּענסיאָנערס אויגן, ווי פון זיך, זיך אָנצושטעלן אויף יוליען זייער פאַרוווּנדערט, ווי אויף אַ ליב־לינג. טראַכטנדיק ווער פון אַלע דריי איז שענער, דערפילט ער בײ־נייס אַן אומבאַשטימטע חרטה, פאַרוואָס ער האָט זיך צוגעאיילט מיט דעם, וואָס אים זענען שטאַרק געפעלן די עלטערע צוויי — יעדנפאַלס האָט אים דאָך קיינער נישט אין האַלז און נאַקן — ער האָט נאָך צייט צו באַשליסן. איצט דערפילן ביידע שוועסטער, אַז ס'איז שוין צייט אָפּצופירן דעם נייעם פּאַנסיאָנער אין זיין צימער. סיי־ווי־סיי איז ער שוין פאַרטשאַדעט, ווי אין אַן ערשטן זוניק־שטראַלנדיקן טאָג אין פרילינג. יעדער צימער, וואָס מען וועט אים דאָ באַווייזן, וועט אים גלייך געפעלן. סיי־ווי־סיי וועט ער איבערשלאָפן אַ גליקלעך־אויפגע־רעגטע נאַכט, פול מיט פלאָנטער וועגן אַלע דריי שוועסטער צוזאַמען און וועגן יע ערער באַזונדער, פול מיט געפילן וועגן דעם, וואָס

קיינער האָט אים נישט האַלז און נאַקן; ער וועט דאָך דאָ אין פּאַנסיאָן נאָך פאַרבלייבן אויף אַ לאַנגער צייט. ער וועט אויף באַשליסן נאָך האָבן פיל צייט.

---

די עלטערע פון די דריי שוועסטער — ליובע און סימע — מאַכן דעם איינדרוק: האַלבע אַלמנות — האַלבע עגונות. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָבן זיי אויפן וועג פון רוסלאַנד פאַרלוירן זייערע מאַנען ערגעץ־ווו אין ריגע און אין ביאַליסטאָק. נאָר קיין חרטה דערויף, זעט זיך, האָבן זיי נישט.

די בריוו, וואָס זיי האָבן פונדאַנען צו די מאַנען געשריבן, זענען פון אָנהויב געווען זייער לאַנגע, בענקענדיקע, שפּעטער — קורצע, לעבלעכע, נאָך שפּעטער — נישט מער ווי קאַרטלעך, פאַרביקע, זייער האַרטע, מיט לאַנדשאַפטן; דערפאַר אָבער — מיט האַרציקע, זייער האַרציקע גרוסן.

נאָר קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפטן און מיט האַרציקע — זייער האַרציקע — גרוסן האָבן זיי אויך געשריבן צו פאַרשידענע יונגעלייט — געוועזענע פּאַנסיאָנערן, קומענדיקע פּאַנסיאָנערן. די „קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפטן", וואָס זיי שרייבן צו פרעמדע יונגעלייט, האָבן זיך אַזוי לאַנג געמישט מיט די „קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפטן", וואָס זיי שרייבן צו די מאַנען, ביז עס האָבן זיך אויך אויסגעמישט די געפילן, מיט וועלכע זיי ווערן געשריבן. די מאַנען האָבן געוואָלט קומען. די שוועסטער האָבן דאַן ביידע בשותּפות איבעראַנייס אָנגעהויבן שרייבן יעדן איינעם פון זיי לאַנגע בריוו און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס בעסטע איז זיי זאָלן זיך נישט רירן פונם אָרט און זיצן דאָרט, ווו זיי זיצן, פילנדיק דערביי, אַז ווי נאָר די מאַנען קומען, אַזוי באַלד ווערט זייער פּאַנסיאָן אַ געוויינלעך־וואָכעדיקער, ווי אַלע אַנדערע — עס וואָלטן גלייך אויפהערן צו וואַקסן די קאָנטעס, וואָס זיי האָבן אויף זייערע ביידע נעמען אין צווייי בענק. די מאַנען האָבן זיך דאַן ביידע ביז גאָר באַליידיקט און האָבן אויפגעהערטצו שרייבן, אַז די האַלבע אַלמנות — האַלבע עגונות זענען צולעצט אויף אייביק געבליבן נישט זיי, די שוועסטער, נאָר די מאַנען, וואָס זיי האָבן

פאַרלוירן אויפן וועג פון רוסלאַנד, ערגעץ-ווו אין ריגע צי אין ביאַליסטאָק.

דאָך איז איינמאָל גאַנצפרי, ווען דער גאַנצער פּאַנסיאָן איז נאָך געשלאָפן, געשען אַ גרויסער איבערשרעק מיטביידע שוועסטער. אין דער פּאַראַד-טיר האָט מען דאַן געקלונגען זייער חוצפּהדיק, ווי עס קלינגט אַ באַלעבאָס. די דינסט, וואָס האָט די פּאַראַד-טיר געעפנט, האָט זיך ווי אָנגעגומען מיט אימפּעט פון יענעם, וואָס האָט אין טיר געקלונגען — זי איז אַריין צו די שוועסטער אין די פינצטערע שלאָפצימערן און האָט געפּלאַפּלט וועגן איינעם, וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון ביאַליסטאָק — גלייך פונם באַן מיט די זאַכן איז ער אַהערגעקומען...

— גלייך פון דער באַן?.. מיט די זאַכן?..

די שוועסטער זענען דאַן אין איינע העמדער אַראָפּ פון די בעטן און געקלאַפּט האָט ביי זיי אַ צאָן אָן אַ צאָן. נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז עס איז אַ ווילד-פרעמדער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן — ער האָט נאָר געבראַכט אַ גרוס, האָט ער נאָר געבראַכט; ער האָט נאָר באַדאַרפט פרעגן אַן עצה. „האָט ער נאָר באַדאַרפט", ווייל ער איז דאָ אַ פרעמדער און קען דאָ קיינעם נישט...

די שוועסטער האָבן דאַן באַלד דעם יונגנמאַן ערגעץ-וווהין אָפּגעשיקט — זיך קוים פון אים אָפּגעקלעבט און אליין זיך צוריק אויסגעטאָן, זיך צוריק אין די נאַכט-העמדער געלייגט אין די בעטן, נאָר נישט געקאָנט מער איינשלאָפן ווערן, געוואָרפן אויפן ניכטערן האַרץ פּאַפּיראָסן און געשפּיגן קלעק:

— ספּוּ, צו אַלדי שוואַרצע רוחות!

— אַן אידיאָט קאָן!

— נאַדיר אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן.

זיי זענען נאָכדעם אַ גאַנצן טאָג געווען בלאַס, זיך געפילט אָפּגעשוואַכט, ווי מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין אָפּרו אויף אַ קורצע צייט. נאָר דער פּאַקט, וואָס דער איבערשרעק איז געווען נישט מער, ווי אַ פאַלשער, אַ פוסטער, האָט זיי איבער עפּעס ווי אויף אייביק איבערגעצייגט, אַז אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין און אַז איצט מעגן זיי שוין געוויס זיין זיכער: קיין איינער פון זייערע מאַנען וועט שוין געוויס קיינמאָל צו זיי נישט קומען.

ספּעציעל צוליב איינעם אַ רייכן פּאַנסיאָנער האָבן זיי דאַן אויסגעשריבן פונדערהיים די דריטע שוועסטער — אָט די יוליאַ, וואָס איז יינגער און שענער פון זיי ביידן און קוקט אָן די וועלט מיט אויגן פון „ליידנשאַפטלעכן אומעט אָן אַ ברעג", און האָט אַ קער־פּער, וואָס „רייסט אויף זיך מיט אומזיכטבאַרע הענט די קליידער", און באַוועגט זיך מיט בענקשאַפט מען זאָל פון איר מאַכן אַ טענ־צערין, און שפּילט קלאַוויר מיט פאַרחלשטע „אַל מלאדיקע" טענער.

— טאַרטאַקאָווער — הייסט ער דער פּאַנסיאָנער, צוליב וועמען מען האָט יוליען פונדערהיים אויסגעשריבן.

ער וווינט אין דריי צימערן און צאָלט איינער אַליין אַ פּיל גרעסערן מקח איידער עס צאָלן דאָ דריי רייכע פּאַנסיאָנערן. ער האָט געליימטע פיס. די טירן פון זיינע דריי רייך־מעבלירטע צימערן זענען דעריבער שטענדיק ברייט־געעפנט פון איינעם אין צווייטן, די פּאָדלאָגעס זענען דאָרט דורכאויס אויסגעדעקט מיט זייער ווייכע טע־פּיכער און אַליין, אויב ער דאַרף, פּאָרט ער דאָרט אַרום אין אַ וועגעלע — אַ וויגשטול. ביים ערשטן אויגנבליק דאַכט זיך: אַ שיי־נער קאַווקאַזער טאָטער אָדער אַ פּערס. ער טראָגט נאָך דערצו שטענדיק אַ קליין שוואַרץ היטעלע, אַ יאַרמאָלקעלע, ער היילט זיך דאָ ביי פּראָ־פעסאָרן, וואָס זאָגן אים, אַז ער איז נישט הילפלאָז, אַז דער־עיקר איז פאַר אים — זיך קיינמאָל פון גאָרנישט זיך אויפרעגן; דער־עיקר — אַבסאָלוטע רו. די שוועסטער האָבן דאָ אין די צימערן גע־שאַפן אַרום אים אַזאַ שטימונג, גלייך ווי צו האָבן געליימטע פיס איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן, צו וועלכן נישט אַלע מענטשן זענען זוכה. אין זייער שטילן גיין אַרום אים איז פאַראַן אַ באַזונדער האַר־ציקער ריטם, ווי אין מוזיק. יוליאַ שפּילט אים דאָ קלאַוויר און לייענט פאַר אים עטלעכע שעה אין טאָג שטילע ביכער, לייענט מיט גרויס בענקשאַפט אין איר שטימע, דענסטמאָל, ווען ער זיצט אין זיין לייכט־באַוועגלעכן שטול מיט צוגעשלאָסענע אויגן און מיט פאַר־דעקטע פיס. אירע סאַמעטענע טענער באַרויקן אים, אפשר, פיל מער איידער דער אינהאַלט פון די ביכער, וואָס זי לייענט. פון צייט צו צייט טוט ער פאַמעלעך אַן עפן די שוואַרצע פּערסיש־שלעפעריקע אויגן און טוט אַ קוק, ווי זי גלייבט אויס די ווייכע פלעדן אויף

זיינע פיס, און דענסטמאָל דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פון לאַנג באַשטימט און באַשלאָסן — אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער מיט יוליען חתונה האָבן. עס גלויבט זיך דעריבער, אַז צו אים קער שוין פון לאַנג אַלץ, וואָס יוליאַ פאַרמאָגט. אפילו דער רייכער פעלץ, וואָס זי טראָגט בעת זי גייט אין גאַס, און אַז יוליאַ אַליין איז מאָדנע אָרים — יוליאַ פאַרמאָגט גאָרנישט.

נאָר פאַראַן אַנדערע פאַנסיאָנערן, וואָס טראַכטן וועגן דעם אַלעם גאָר אַנדערש.

פאַראַן דאָ אין איינעם פון די גרעסטע רייכסטע צימערן דער שטענדיקער פאַנסיאָנער, וואָס הייסט פונדערהיים משה לעווענבערג און וואָס צוליב ווילקלאַנג רופט מען אים דאָ קורץ:

— הער מאָזעס.

ער איז אַ מאָדנער שוואַרץ־באַבערדלטער און שוואַרץ-געוואַנטע־נער גביר, וואָס שניידט קופּאָנעס און עסט אייביק מיט גרויס מבינות מאַראַנצן — פאַרשידענע: מעסינער, יפוער און אַלערליי סאָרטן אי־טאַליענישע מאַראַנצן. פון אים אַליין, פון זיינע שוואַרץ-געוואַנטענע קליידער און פון אַלץ, וואָס ביי אים אין רייך־מעבלירטן צימער איז פאַראַן, שמעקט דעריבער תמיד מיט מאַראַנצן־שאָלעכץ. ער טראָגט זיין פענסנע אויף אַ ברייט שנירל, וואָס איז פונקט אַזוי שוואַרץ, ווי זיין באָרד. און פון אלע זיינע באַוועגונגען איז צו דערקענען, אַז אין דער אַלטער רוסישער היים, ווו ער האָט אויף אייביק פאַרלאָזט זיין פאַמיליע, איז ער געווען אַ פרומער.

ער איז דער ערשטער פאַנסיאָנער, וואָס האָט זיך ביי די שוועסטער באַזעצט און האָט געוויס רעכט צו עפענען אָפּט זיין טיר מיט אַ שמאָל שפּעלטעלע אין קאָרידאָר אַריין, שטיין דאָרט מיט אַ נישט־דערעסענעם מאַראַנץ אין האַנט און קוועלנדיק צוקוקן זיך צו אַלץ, וואָס ביי די שוועסטער אין פאַנסיאָן טוט זיך.

צו אים אין גרויסן צימער קומט אָפּט אַריין זיין שכן דר. ברעמען — דער פאַנסיאָנער פון לינקס — אַ פליכיק-בלאָנדער און אַ זייער הויכער דאָקטאָר פון עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, וואָס האָט שיער, שיער געזאָלט ווערן פראָפעסאָר, נאָר געבליבן נישט מער ווי אַ דירעק־טאָר אין נישט קיין גרויסער באַנק און פטרט זיין גאַנצן באַגרענעצטן געהאַלט

אויף צעצאָלן זיך דאָ מיט די שוועסטער יעדן חודש פאַרן יקרותדיקן פּענסיאָנאַט. דאָס וואָס ביים הויכן פליכיק-בלאָנדן דאָקטאָר ברעמען איז די נאָז שטענדיק פאַרקאַטערט, קומט, דאַכט זיך, שוין אויך נאָר פונדאַנען — בלויז פון דעם, וואָס נאָכדעם, ווי ער צעצאָלט זיך מיט די שוועסטער פאַרן פּענסיאָנאַט, בלייבט אים נישט פון זיין חודש-געהאַלט קיין איינציקער גראָשן.

הער מאָזעס לאַכט צו אים ביי זיך אין צימער מיט אַ דריבנע און קוויטשנדיקן גומען-געלעכטערל און מאַכט חוזק פון אַלע פּאַנסיאָנערן, וואָס, אַז זיי פאַלן אַהער אַריין, מיינען זיי — זיי האָבן פּאָפּאַדעט גלייך אין גן-עדן... מחמדס גן-עדן!..

ער שיילט אַן עפּל מיט אַזאַ יום-טובדיקער באַגייסטערונג, ווי גלייך ער וויל אים צוטראָגן גאַנצערהייט אַ געליבטער, נאָר אַז דער עפּל איז שוין אינגאַנצן אָפּגעשיילט, שניידט ער פון אים שטיקלעך און לייגט זיי מיט דער זעלבער יום-טובדיקער באַגייסטערונג זיך אַליין אין אייגענעם מויל אַריין:

— עך על אייך זאָגן, — לאַכט ער דערביי מיט זיין קוויטשנדיקן גומען-געלעכטערל, — עס איז גאָר אַ טעות אין גאַנצן חשבון.

ער רעדט זייער פּאַמעלעך, ווייל ער איז אַ מענטש, וואָס שניידט קופּאָנעס און האָט צייט.

— עס איז גאָר אַ טעות אין גאַנצן חשבון... נעכטיקע טעג. לאָמיך אַזוי געזונט זיין, ווי איך ווייס, וואָס איך רעד. ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — קיינער האָט דאָ נישט פון די שוועסטער גאָרנישט... הערט מיך אויס, וואָס עך וועל אייך זאָגן: עך האַלט, אַז ס'איז גאָר די גאַנצע מעשה אַ ליגן... אַ סברה, אַז די שוועסטער זענען גאָר קיין שוועסטער נישט. כע-כע-כע!.. לאָמיך אַזוי געזונט זיין, ווי ס'איז דאָ עפּעס נישט גלאַט. ס'איז אומיסטן צונויפגעשטעלט אויף צו פאַרדרייען דאָ דעם עולם די קעפּ. עך בין דער ערשטער פּאַנסיאָנער בין עך און קוק דאָ די גאַנצע צייט מיט אויגן. עך בין אַ מבין אויף אַ טשאַד, בין עך... כע-כע-כע. וואָס אַרט אייך? איך, אַז איך זאָג, ווייס עך, וואָס עך זאָג... כע-כע-כע! דאָס געשעפט איז אומיסטן געבויט אַזוי ציקאַווע, כדי איר זאָלט מיינען, אַז עך האָב עפּעס פון די שוועסטער... און איך, פאַרקערט, זאָל מיינען, אַז איר האָט עפּעס

פון די שוועסטער... איר פאַרשטייט, וואָס דאָ טוט זיך? עס איז פשוט גנבים... מען שניידט פשוט פון די קעשענעס... כע—כע—כע!.. אָט דאָ, וווּ איר וווינט איצט, האָט פריער געוווינט איינער, אַ רייכער גרעק — בעת איך בין אַהער אָנגעקומען, האָט ער דאָ געוווינט — פלעגן די שוועסטער איגאָוונט אַריינקומען צו אים אין צימער און אויסאַר־בעטן דאָרט אַזעלכע שטיק, אַז איך פלעג אַראָפּשפּרינגען פונם בעט, פלעג איך אַראָפּשפּרינגען. איך פלעג שטיין אין איין העמד און זיך איינהערן, ווי עס געדויערט לאַנג — גאַנצע שעהן געדויערט עס. און ערשט נאָכדעם בין איך געוווויר געוואָרן, אַז דער גרעק איז גאָר אין יענע אָוונטן נישט געווען אינדערהיים. כע—כע—כע... ער איז גאָר ערגעץ אַוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך, איז ער אַוועקגעפאָרן... שאַט, איכל אייך דערציילן אַן אַנדערע מעשה, וועל איך אייך דערציילן. איר האָט געזען דעם נייעם פּאַנסיאָנער? — אָט דעם יונגן, דעם ליפשיצן — אַ סטודענט איז ער פון רומעניע. איז ער שוין פאַרליבט אין די שוועסטער — אין אַלע דריי... כע—כע—כע... איר האָט געזען, ווי ער גייט אַרום אַ פאַרטשאַדעטער? זיינע רייכע עלטערן שיקן אים אַהער גענוג געלט, נאָר אויף צע־צאָלן זיך אַלע וואָך פאַרן פּאַנסיאָן קלעקט אים נישט. שיקט ער אַלע מאָל טעלעגראַמעס אַהיים, אַז אויב מען וועט אים נישט שיקן קיין געלט, וועט ער זיך נעמען דאָס לעבן...

דער לאַנגער, פליכיק־בלאָנדער דאָקטאָר ברעמען קוקט פאַר־טראַכט, ווי יום־טובדיק באַגייסטערט. הער מאָזעס לייגט די אָפּגע־שיילטע שטיקלעך עפּל צו זיך אין אייגענעם מויל אַריין. ער שמאָ־דעט פאַרטראַכט מיט דער פאַרקאַטערטער נאָז און עס דאַכט זיך, אַז ער מאַכט דעם חשבון פון אַלע זיינע געהאַלט־געלטער, וואָס זענען ביז היינטיקן טאָג אומזיסט צו די שוועסטער אַריינגעפאַלן. ביי ביידן זענען די אויערן ביז גאָר פאַרשפיצט, אַלע רגע ווערט מען שטיל און מען הערט זיך צו צו יעדן מינדסטן שאָרך, וואָס דערגרייכט אַהער פון די אַרומיקע צימערן.

— איר פאַרשטייט, צי ניין — קוקט זיך הער מאָזעס איין זייער פלייסיק אינם נייעם מאַראַנץ, וואָס ער נעמט אין די הענט אַריין, — וואָס זאָל איך אייך דאָ זאָגן? עס איז אַרום און אַרום

אויעקגעשטעלט ממזריש... דריי שוועסטער — פינף פּאַנסיאָנערן — גיי חייס: ווער, וואָס... ווער מיט וועמען. כע—כע—כע!... גיי דערגיי אַן עק, אַז מען איז אין קוּצעניו-מוּצעניו מיט יעדערן באַזונדער און מיט אַלע אינאיינעם... און דאָ דער יקרות!.. עפּעס אַ קלייניקייט אָט דער יקרות!.. איידער וואָס-ווען, דערוויייל לייגסטו דאָ אַוועק די עט-לעכע פּירער. און ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — איך האָב גאָר אַן אַנדערן חשד...

הער מאָזעס גייט פּריער צו צו דער טיר און הערט זיך איין. דערנאָך קערט ער זיך אום צום אויפגעשטאַנענעם דאָקטאָר ברעמען. היינטיקן אָוונט האָט ער אים צו דערציילן אַ נייס. ער הויבט זיך אויף אויף די שפּיץ-פינגער און שעפּטשעט דעם דאָקטאָר ברעמען גלייך אין אויער אַריין:

— איך האַלט עס ביי געוווּר ווערן: ס'איז גאָר אַ סברה, אַז די שוועסטער האַלטן די מאַגען טאַקע דאָ אין בערלין, נאָר אויס-באַהאַלטן. איר פאַרשטייט, צי ניין?

— זיי לייגן אונז דאָ שלאָפן און אַליין גייען זיי אַוועק נעכ-טיקן צו די מאַגען...

איצט איז שוין שפּעט. ביידע פּאַנסיאָנערן צעשיידן זיך און לייגן זיך שלאָפן זייער אומעטיק, נאָר מיט דער פאַרבאַהאַלטענער האָפענונג, אַז אפשר... דאָך... אפשר האָט מען אַ טעות, ביידע מאַכן דעם חשבון, וויפל איבעריקע געלטער דער פּאַנסיאָן האָט זיי ביז היינטיקן טאָג אָפּגעקאָסט און ביידע טראַכטן ווער פּריער, ווער שפּעטער:

— און דאָ דער יקרות!.. עפּעס אַ קלייניקייט, אָט דער יקרות?!..

---

# די דינאַמישע רגע

## די דינאַמישע רגע

פון זיינע פרייליכע אויגן — גרויסע, כמעט מיידלשע — האָט אַרויסגעקוקט גליק און פאַרוואונדערונג — פאַרוואונדערונג, וואָס פון אַזויפיל מענטשן, פון אַ גאַנצער וועלט מיט מענטשן איז ער אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין יענער גרויסער גליקלעכער קינסטלער, אין וועמענס באַרופנקייט עס קאָנען נישט לייקענען סיי טאַלאַנטן, סיי טאַלאַנטלאָזיקייטן.

בלויז ער (און פאַרוואָס עפּעס דווקא ער?).

ער מיט די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן ביזן ניין-און-צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן, ווערן דורך אַלע מאָלער פון זיין צייט אָנערקענט אויסער די גרענעצן פון יאָ פאַרגעניגן אָדער נישט פאַרגעניגן.

ער — און פאַרוואָס עפּעס דווקא ער? — אַזאַ לייכטער, אַזאַ גליקלעכער, אַזאַ שטיפער פון דער נאַטור; אַ שטיפער אין זיינע לייכטע, רירעוודיקע באַוועגונגען און אין אַלע אייגנאַרטיקע שטריכן, מיט וועלכע ער באַמאָלט און באַפּוצט זיינע לייוונטן.

צוליב שטיפן האָט ער פון קליינערהייט אָן געצייכנט זיינע קינדערשע קאַריקאַטורן — יענע, וואָס זענען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם אמת פונם לעבן און האָבן פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ קאַריקאַטור פון זייער אמת; צוליב שטיפן האָט ער נאָכדעם אויף גרעסערע און גאָר גרויסע לייוונטן זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע פאָרמען, וואָס מאַכן בטל פיל אָנגענומענע,

פעסטגעשטעלטע געזעצן אין דער מאָלעריי פון אַלערליי שולן — בלויז צוליב גליקלעכער לייכטזיניקייט, צוליב וועלן זען, ווי אַזוי וועלן אויסקוקן די פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן און זאַכן, אויב זיי וועלן אַלע ווערן אַזעלכע שטיפער ווי ער און וועלן זיך אַלע איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

צוליב שטיפן האָט ער זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין דער געשיכטע פון קונסט און האָט דערוויזן, אַז אין דער מאָלעריי איז, פּונקט ווי אין לעבן, נישטאָ קיין שום שטאַנדהאַפטיקע פאַרהעלטענישן צווישן זאַכן און מענטשן, און אַז ווי נאָר דו רירסט זיי פון אָרט, אַזוי באַלד שאַפן זיי צווישן זיך די דינאַמישע רגע פון נייע פאַרהעלטענישן.

צוליב שטיפן איז ער פאַר יונגע קינסטלער פון דער גאַנצער וועלט געוואָרן דער רבי פון אָט דער מאָלערישער, פון אַלעם געאַכטעטער „דינאַמישער רגע״.

און צולעצט:

ער — אַ קינד פון דעם געוועזענעם צאַרישן תחום...

צוליב שטיפן האָט ער נאָך פּאַריז און נאָך לאָנדאָן זיך אַריינגעפּלאָנטערט מיט זיין חתונה־האָבן צוריק צו זיך אַהיים, אין אַ שטאָט, וואָס איז נאָענט צו יענעם שטעטל, וווּ ער איז געבוירן; זיך אַריינגעפּלאָנטערט אינעם גרויסן, ווייסן הויז פון דער פאַמיליע טאַמאַרקין, וווּ אַלע רופן אים ביי זיין אַמאָליקן היימישן נאָמען:

— פּינעק.

זיך אַריינגעפּלאָנטערט פאַר אַ יונגן, שיינעם און ביז גאָר ליבן מאַן צו אָט דעם וווקסיקן טונקל־בלאָנדן און זייער געראָטענער מיידל, וואָס טראָגט אַ מענערשן נאָמען — העלענטשיק און דריקט אים מענעריש צו איר ברוסט — קרעפּטיקער ווי אַלע פרויען קאָנען דריקן, ווייל זי איז מיט איר כאַראַקטער שטאַרקער — זי, העלענטשיק... נישט געקוקט אויף איר צאַרטער, טיפער ליבע, געוווינט זי אים דאָך צו טראַכטן, אַז פון זייער חתונה־געהאַט פּאָרל איז זי — דער מאַן, און ער — דאָס ווייב, — געוווינט אים צו דערצו אָן שום ווערטער, נאָר דאָך מיט פאַרהוילענער אומגעווייניקלעכער קראַפט,

אַזוי, אַז ער איז שוין אין דעם פון אייביק און אויף אייביק איבערצייגט און גלויבט מיט אַלע חושים:

זאָל צו אים וועלן צוטרעטן עפּעס שלעכטס, זאָל עס אַפילו זיין דער טויט, העלענטשיק וועט אים דאַן פאַרשטעלן מיט איר ברוסט, מיט איר קערפּער וועט זי פאַרצוימען די שוועל; זי וועט פונאַנדערנעמען ביידע הענט, ווי פליגל, און וועט זאָגן מיט איר באַזונדער ברוסטיקער, טיפער שטימע:

— צו אים? — איך לאָז נישט!

צוליב אַ שטיף-טאָן האָט ער זיך אַהער אַריינגעפּלאָנטערט, צוליב דעם ווילן אויך דאָ איבערצוקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און דערווייזן, אַז אָנשטאָט צו חתונה האָבן מיט אַ גרויסער זינגערין אָדער מיט אַ וועלט-באַרימטער אַקטריסע קאָן מען פּשוט אַראָפּפאָרן צו זיך אַהיים און פּשוט, ווי מען וואָלט גאָר קיין קינסטלער נישט געווען, חתונה האָבן מיט העלענטשיקן.

פון זיינע פרייליכע אויגן — גרויסע, כּמעט מיידלשע — האָט אַרויסגעקוקט גליק און פאַרוואונדערונג, וואָס ער האָט אויך דאָ גוט געטאָן. העלענטשיק! זי איז וואויל און טייער. העלענטשיק געהערט טיף אין זיך צו די ריזן-מענטשן, כאָטש אויסערלעך איז זי אַ יונגע, שטאַלטנע און זייער שיינע זעקס-און-צוואַנציק-יעריקע פרוי, פאַר וועלכע מאַנסבילן ווערן די כּפרה. העלענטשיק זויגט אויס פון אים מיט איר טריישאַפט זיין גאַנצע מענערישע קראַפט און מאַכט אים אוממעכטיק, ווייל זי האָט מוסקולן אין איר ליבע...

שלעכט איז נאָר, וואָס העלענטשיקס משפּחה, די טאַמאַרקינס, ווייסן נישט פון קיין חכמות. דו שטיפסט מיט זיי און זיי מיינען עס אויף אַן אמת. זיי באַשטייען פון פיל שוואָגערס און שוועגערינס, וואָס זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן, און האַלטן אונטער איינער דעם צווייטן אין אַלע גוטע און שלעכטע צייטן. זיי האַלטן זיך פעסט איינער אינם אַנדערן און אַז זיי נעמען אַריין צו זיך איינעם פאַר אַן איידים, ווילן זיי נישט וויסן, צי ערגעץ-ווו אויף דער גרויסער וועלט איז ער יאָ באַרימט אָדער נישט באַרימט — עס גייט זיי ווייניק אָן, וואָס פון אַלע וועלט-שטעט שיקט מען אים צו צייטונגען און זשורנאַלן, וווּ מען שרייבט וועגן אים. דער-עיקר

איז דאַן, וואָס ער איז זייערער אַן אײדים און זאָל ער נישט מײַנען, אַז ער וועט צונעמען בײַ זײַ העלענטשיקן — דאָס בעסטע, וואָס זײַ פאַרמאָגן, און אַן עק — פּטור. זײַ, די טאַמאַרקינס, זענען אָט ווי אַזוי זיך נוהג אפילו אין די ערגסטע צײַטן: אַז זײַ מאַכן חתונה אַ קינד, גיבן זײַ עס נישט אָפּ אין דער פרעמד, נאָר פאַרקערט, זײַ נעמען אַרײַן צו זיך יענעם, וואָס האָט מיט זייער קינד חתונה געהאַט און פאַרגרעסערן מיט אים זייער משפחה. איבערהויפּט נאָך אין געגעבענעם פאַל, ווען ער, דער קינסטלער, האָט בײַ זיך אויסגעקליבן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי העלענטשיקן — אויב העלענטשיק איז אויף דער צײַט און דאַרף האָבן אַ קינד, סאָ זאָל ער זיך מטריח זײַן און קומען מיט איר פון די גרויסע שטעט אַהער, אַהיים, ווײַל אין ערגעץ וועט זי נישט האָבן אַזאַ קימפּעט, ווי דאָ, אין גרויסן, ווײַסן הויז. אַזוי האָט באַשלאָסן די עלטסטע פון דער משפּחה טאַמאַרקין — די מאַנסבילש-גרויסע און מאַנסבילש-קלוגע מומע חוה, יענע, וואָס האָט אים און העלענטשיקן צו דער חתונה געוווּנטשן:

— איר זאָלט דערלעבן אויפצושטעלן אַ דור, וואָס זאָל נישט פאַרשעמען די משפּחה.

אַזוי האָבן נאָכדעם באַשלאָסן אַלע שוואָגערס און מומעס, וואָס האַלטן אונטער איינער דעם צווייטן אין אַלע גוטע און שלעכטע צײַטן; אַזוי האָט ענדלעך באַשלאָסן ער אַליין — ער מיט די גרויסע, כּמעט מיידלשע אויגן, וואָס אויסער פרייד קוקט נאָך פון זײַ אַרויס גליק און פאַרוווּנדערונג — אַזוי האָט ער באַשלאָסן, ווײַל עס איז ביז גאָר שטיפעריש-לײַכטזיניק און טשיקאַווע — עס איז מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

---

דאָס אָרט, ווו צווישן דער אויבערשטער ליפּ און צווישן דער נאָז מיט די ענערגישע לעפלעך — דאָרט ווו בײַ מאַנסבילן וואַקסן וואָנצעס — איז בײַ העלענטשיקן פונם טראָגן טאָג נאָך טאָג געוואָרן אַלץ מער אויסגעפּלעקט און געל. אַזעלכע פלעקן האָבן זיך אויך באַזעצט אונטער אירע בלוי-בלויע אויגן, באַזונדערע אויגן מיט לאַנ-

גע, טונקעלע וויעס; זייער בליק ווירקט אויף אַ מאַנסביל נישט ווייניקער, ווי ווען זי, די שיינע און שטאַלטנע, זאָל זיך אויסטאָן פאַר אים נאַקעט. זייער בליק באַהאַלט זיך דעריבער אויס פון אַ מאַנסבילשן קוק.

וואָס טיפער זי איז אַריין אין טראָגן, אַלץ טיפער איז געוואָרן איר שטימע. ברוסטיק, כמעט ווי אַ באַס, האָט אָנגעהויבן צו קלינגען איר קול, בעת זי רופט אים ביי זיין אַמאָליקן היימישן נאָמען:

— פינעק!

און אַלע מאָל, ווען זי האָט אים מיט דעם נאָמען אַ רוף געגעבן, האָט ער זיך איבעראַנייס געפילט, ווי אַ פאַרלוירן קינד, וואָס נויטיקט זיך, אַז זי, די מוטער, זאָל אים נעמען אויף די הענט.

וואָס טיפער זי איז אַריין אין טראָגן, אַלץ מער האָט ער, דער שטיפעריש-לייכטזיניקער, באַמערקט אין זיך דעם געמיש פון דרך-ארץ און מורא פאַר איר, דער ערנסטער. זיינע גרויסע, כמעט מיידלשע אויגן, האָבן דאַן אויף לאַנג געקענט פאַרגליווערט ווערן מיט אַ בליק, וואָס איז געווענדט צו איר — אַ בליק פון וואונדער, וואָס גייט איבער אין שרעק. און דעמאָלט איז זי געווען אי העלענטשיק, די שיינע טראָגנדיקע פרוי, אי פיל, פיל מער — אַ מוטערלעכע קווינט-עסענץ פון אַלע פרויען, וואָס פון דער ערשטער חווהן און ביז צו היינטיקן טאָג — זי מיט דער געלקייט פון טראָגן אויף דער אויבערשטער ליפ אונטער די אויגן — זי, וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד און דעם ערנסט פון מענטשלעכער עקזיסטענץ — זי, וואָס דאַרף געבוירן דער וועלט אַ נייעם מענטש... נאָר מיט אים רעדט זי נישט דערפון, ווי מען רעדט נישט וועגן גאָר ערנסטע זאַכן מיט אַ קינד. צו אים רעדט זי וועגן פשוטע זאַכן מיט אַ ברוסטיקער שטימע, וואָס קלינגט כמעט ווי אַ באַס:

— פינעק, טרינק, עס ווערט קאַלט דיין טיי.

ער האָט אין יענער צייט באַמערקט: העלענטשיק לאַכט כמעט קיינמאָל נישט און אַז זי טוט אַמאָל אַ שמייכל, טוט זי עס מאָדנע, ווי עס לאַכט אַ פאַרבאָרגענער הייליקער, וואָס וויל נישט, אַז דורך זיין נישט-לאַכן זאָל מען אויף אים זיין הייליקייט דערקענען.

געוווינט האָט ער ־־ן מיט העלענטשיקן אויף אַ זומער־וווינונג נישט ווייט פון יענער ש[illegible]ט, וווּ עס געפינט זיך דאָס גרויסע, ווייסע הויז. אַ יונג וו[illegible]לדל איז דאָרט געווען פול מיט אָן אַ שיעור קלעפּיקע ווידער־קולות — מיט פיל מער ווידער־קולות איידער די גאַנצע וועלט איז פול מיט קלאַנגען. זיינע שכנים פון רעכטס אין פון לינקס אינם הויז, וואָס ביים אַריינגאַנג אין יענעם וועלדל, זענען געווען: אַ לייטישער קריסט, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אומלייטישע קינדער, און אַן אומלייטישער ייד, אַ קרעמער, וואָס האָט לייטישע קינדער. און ווייל יעדער פון די שכנים האָט ביים באַגעגענען גע־פירט מיט אים איינעם און דעם זעלבן שמועס: דער דאָקטאָר וועגן זיינע אומלייטישע קינדער און דער קרעמער וועגן זיינע לייטישע, האָט ער, הערנדיק זיי, פאַרוווּנדערט געשוויגן, טראַכטנדיק דערביי וועגן דעם קינד, וואָס עס טראָגט העלענטשיק:

— עס קאָן אויך זיין לייטיש אָדער אומלייטיש.

נאָר העלענטשיק, האָט זיך געדאַכט, טראַכט נישט וועגן גאָר־נישט. איר איז געווען אַלצאיינס, וואָס וועט זיין דאָס קינד, וואָס זי טראָגט, גלייך, ווי זי ווייסט אַ סוד, אַז „לייטיש אָדער א[illegible]ליטיש" איז נישט מער ווי אַ באַגריף פאַר שפּילנדיקע קינדער און אַז דער עיקר איז דער תוך — דער פאַקט, וואָס זי געבוירט...

— אַ מענטש... זאָל ער זיין ווער ער וועט זיין...

אַזוי האָבן אָן לשון געזאָגט די אומגעענדערטע האַלב־קיילעכ־דיקע באַוועגונגען פון העלענטשיקס צעוואַקסענעם קערפּער.

— אַ מענטש... זאָל ער זיין ווער ער וועט זיין...

אַזוי האָבן אָן לשון געזאָגט די שטומע בליקן פון דער מאַנס־בילש־גרויסער מומע חוה און פון אַלע אַנדערע מומעס, וואָס קומען אַהער אַראָפּ אומיסטנע אויף אַ קוק צו טאָן און נישט געבן קיין גוט־אויג — אַ קוק צו טאָן אויף דעם וויכטיק־גרויסן נאָמענלאָזן „שותפות" — אַ קוק טאָן מיט גרויס ערנסט און מיט פיל מער אויגן, ווי מען פאַרמאָגט אַליין, מיט אויגן פון דער גאַנצער וועלט, און דערביי רעדן זייער נישט ערנסט וועגן קלייניקייטן:

— הערסטו, העלענטשיק, אינם גרויסן פּאַק מיט פינעקס ביל־דער, וואָס מען האָט נישט לאַנג צוגעשיקט פון פּאַריז, האָט זיך,

ווייזט אויס, אונטער די ראַגאָזשעס זאַנאַדעט אַ מויז — מען הערט דאָרט תמיד ווי עס קראַצט.

דעמאָלט האָט אויך ער ווי אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז זיין הויפּט-באַרוף באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז ביי העלענטשיקן אַ מאַן, ביי דער משפּחה טאַמאַרקין אַן איידים, און אַז אין פאַרגלייך מיט אָט דעם באַגריף זענען אַלע אַנדערע זאַכן, ווי צום ביישפּיל אַריינפירן נייע געזעצן אין מאָלעריי, האָבן פיל נאָכפאָלגער צווישן יונגע קינסטלער פון גאָר דער וועלט, זענען ווירקלעך נישט מער, ווי שטיפערייען-קלייניקייטן, וואָס קאָנען עמעצן אָנגיין פּונקט אַזוי ווייניק ווי די מויז, וואָס האָט זיך זאַנאַדעט אין די ראַגאָזשעס און קראַצט דאָרט זיינע בילדער.

— פינעק, — האָט צו אים, ווי צו אַ קליין קינד, אַלע פרי־מאָרגן מיט אַן אַלץ טיפער און טיפער ברוסטן־שטימע געזאָגט זי, די ביז גאָר ערנסטע העלענטשיק, — אָט האָסטו אַ לאַקן, דו וועסט זיך גיין באָדן.

און דעמאָלט האָט מען זי נישט געקענט נישט פאָלגן — אויף אַזוי פיל איז זי, וואָס דאַרף געבוירן, געווען וויכטיקער און ערנסטער פון אים, דעם ווייבעריש־שוואַכן און שטיפעריש-לייכטזיניקן.

די טעג זענען דאַן אויך געווען אַזעלכע, ווי ער — זוניק־שטראַלנדיק, דרומדיק-זומערדיקע, נאָר ווייבעריש-שוואַכע און שטיפע-ריש-לייכטזיניקע אין פאַרגלייך מיטן ערנסט פון איר, העלענטשיק — די טעג זענען דאַן ווי יאָ געווען און נישט געווען.

זוניק-שטראַלנדיקע האָבן זיי, די טעג, ווי קינדער, געשפּילט אין „קלאַסן" און ווי געשפּרונגען אויף איין פיסל — פּוסטע שטיפער אין פאַרגלייך מיט דעם ערנסטן וואַקסן פון העלענטשיקס בויך; זיי האָבן געיום־טובט מיט איינעם און דעם זעלבן זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג, געפּוסט-און-געפּאַסטעוועט, ווי די צוויטשערנדיקע פייגעלעך אין בלויען רוים. און מענטשן? — יאָ, עפּעס מענטשן פון די אַרו־מיקע דערפלעך האָבן אין פאַרגלייך מיט העלענטשיקן געטאָן אַזאַ לייכטזיניק־שטיפערישע אַרבעט, ווי צום ביישפּיל: וואַלגערן בוימער אין ווייטן עק פון וועלדל און אויסלייגן דאָרט קלאַפטער פון פריש־צעהאַקטן האָלץ...

ערגעץ דאָרט, אין גרויסן ווייסן הויז, וואָס אין אָנהויב שטאָט, האָט שוין דאַן אויף העלענטשיקן געוואַרט אַ פיל מאָל געלופּטערט צימער, אַ ליידיקס, מיט בלויז איין טישל און מיט בלויז איין בעט — געוואַרט אַזוי, אַזוי ווי גלייך דאָס צוגעגרייטע בעט האָבן דאָרט פון העלענשטיקס וועגן אַוועקגעשטעלט אַלע מענטשן פון גאָר דער וועלט. נאָר העלענטשיק האָט וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. פּינעקס גרויסע, כמעט מיידלשע אויגן האָבן דעריבער געקוקט אויף העלענ-טשיקן מיט וווּנדער און מיט שרעק. אַלע פרימאָרגן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געפּיל, אַז עס פעלט שוין ווידער אַ שטיקל צו אים, דעם פּינעקן פון נעכטן און פון איין-נעכטן. און נאָכדעם איז איינמאָל געקומען אַ פרימאָרגן, ווען פון אים, דעם נעכטיקן און פאַר-פאַר-נעכטיקן פּינעקן, איז שוין גאָרנישט נישט געבליבן — ער איז געווען „גאָרנישט”, ער איז געווען אויס שעמעוודיק, ווי גלייך דאָס טוט זי און נישט זי, האָט אים דאַן העלענטשיק מיטן גרויען זו-מערדיקן שאַריען שטיל געוועקט פון שלאָף:

— פּינעק!.. שטיי נאָר אויף... עס האָט זיך, דאַכט זיך, אָנגע-הויבן, פּינעק...

זי האָט געזאָגט „דאַכט זיך”, כאָטש זי האָט עס גיכער ווי אַלץ שוין געוווסט קלאָר.

— וואָס ?!

פּינעק האָט זיך איינצייטיק אי אויפגעכאַפּט אי אויפגעזעצט און האָט דערזען: העלענטשיק שמייכלט, ווי אַ פאַרבאָרגענער הייליקער, וואָס וויל נישט, אַז אין זיין נישט-שמייכלען זאָל מען אויף אים זיין הייליקייט דערקאָנען. ער איז, ווי אַ מענטש, וואָס געדענקט זיך לחלוטין נישט פון נעכטן און פון פאַר-נעכטן, אַרויס אינדרויסן, דערזען אין גרויען שאַריען, אַז דער טאָג וועט ווידער זיין אַ טאָג פון זומערדיקן פּוסט-און-פּאַס און האָט מער נישט געוואָלט אויף אים קוקן. ער האָט זיך באַלד אַ יאָג געגעבן ערגעץ אין אַ זייט צום נאָ-ענטסטן דערפל, אָפּגעלאָפן געשווינד אַהין אַ וויאָרסט פיר, נאָר נישט געוווסט אַז ער לויפט, און נישט געפילט צי ער איז מיד, און מיט גליק, מיט גרויסן, גרויסן בעל-עגלה מיט אַ רעסאָרנדיק-וויכן בייע-

טאָן. ער האָט נישט געדענקט, צי דאָס אַלץ האָט עפּעס געדויערט, ווייל אין יעדער רגע איז ער איבעראַנייס געבוירן געוואָרן אַ שפּאָגל־נייער, אויף וועמען די צייט מיט איר פונאַנדערטיילן זיך אויף שעהן און אויף רגעס האָט מער קיין שליטה נישט און קאָן שוין דעריבער צו זיין באַגרייפן נישט דערגרייכן. ער האָט נישט געדענקט ווען עס איז געשען, נאָר געשען איז דאָס פּאָרט — ער האָט געפירט העלענטש־קן אין שטאָט.

ער מיט העלענטשיקן זענען געזעסן איבם וויגנדיקן פייעטאָן, און לינקס פון דעם ברייטן וועג, פון יענער זייט אַ הויכן באַרג, האָט די רויטקייט פון דער אויפגייענדיקער זון געזאָגט אָן לשון, נאָר פול מיט געפיל פון אַן איבערגעגעבענער קרובה:

— אַ גוט יום־טוב!

— אַ גוט יום־טוב העלענטשיקן!

— אַ גוט יום־טוב דער וועלט!

פרישגעבוירן, אָן זינד האָט זיך געשפּרייט די ערד. טוי־באַפּייכט, ווי נאָר־וואָס באַשאַפן האָט זי געקוקט פון אַרומיקן האָריזאָנט. ווי אַ מאָך פון קינדהייט איז אויף אירע וועגן געלעגן דער שטויב. ווי מיט מאָך פון קינדהייט איז אין אַ זייט פון וועג געווען באַדעקט די אַלטע פּויערטע, וואָס טראָגט די ערשטע איר זאַך אין שטאָט. ווי צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט האָט אַרויסקריכנדיק פון דרעמל געהעלט דער פריער פרימאָרגן.

— איצט געוויס. — האָט געזאָגט העלענטשיק.

און איר שמייכל איז דערביי געווען אַ קרומער, אַ שמייכל פון ווייטיק און גליק.

— עס האָט זיך אָנגעהויבן.

— אַ גוט יום־טוב. — האָט דערויף שוין מיט פיל מער שיינענדיקן זילבער געענטפערט די אַרויסקריכנדיקע זון.

— אַ גוט יום־טוב העלענטשיקן.

— אַ גוט יום־טוב דער וועלט.

און פּלוצלינג איז דאַן ער, זיצנדיק דאָ אין פייעטאָן לעבן

העלענטשיקן, געוואָרן צוריק דער קינסטלער וואָס געווען, און נאָך מער ווי געווען — איצטיקס מאָל — אַ קינסטלער, אָן שום שטיפּע־רישער לייכטזיניקייט — ער האָט דערפילט די דינאַמישע רגע פון „מיטן קאָפּ אַרויף און מיט די פיס אַראָפּ" — די „דינאַמישע רגע" פון מענטשלעכן געבורט.

---

# דער באַריטאָן

# דער באַריטאָן

I

דער באַרימטער באַריטאָן און זינגער פון יידישע פאָלקס־לידער איז איצטיקס מאָל אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור נישט אַזוי צוליב פּאַר־דינסטן, ווי צוליב אַנדערע מער וויכטיקע סיבות: אים איז געווען אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן דערפון וואָס ער ווערט אַלט — שוין אַרי־בער עטלעכע און פערציק.

ווי גלאַטיק און צאַפּלדיק ער — דער זשוואַוועע מיט די קלוגע שהאַרצע אייגעלעך און מיטן ענערגישן, ליידנשאַפטלעך־אַרויסגערוקטן אונטערמויל — זעט נישט אויס, רוקט זיך דאָך אָן אויף אים עפּעס אַזוינס, וואָס זיין נאָמען איז צום באַדויערן אַזוי פּשוט:

— „עלטער"...

עס פאַרגנבעט זיך מיט זויערקייט אויב נישט אין די קנייטשן, וואָס אַרום זיינע אויגן, איז יעדנפאַלס אין פאַרשידענע שלעפעריקע טענער פון זיין פּראַכטפולער, מען קאָן זאָגן, וועלט־באַרימטער שטימע.

אים האָט זיך געדאַכט: עס איז גענוג ער זאָל זיך דורכלופּ־טערן, אַ זינג טאָן פאַר אַ גרויסן עולם, און אָט די אַלע זויערלעכע געפילן וועלן גלייך אַוועק ווי מיטן ווינט.

נאָר אַרומפאָרנדיק איצט מיט קאָנצערטן איבער איינעם פון די קליינע לענדער, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געהערט צו רוסלאַנד, האָט ער נאָך דערצו אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז דער עולם ווייזט אַרויס צו אים פיל ווייניקער אינטערעס, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר. דער איינדרוק איז אַזאַ:

— „גיב דעם עולם עפּעס נייערס, יינגערס״...

די טעאַטערס, וווּ ער טרעט אַרויס, זענען פול, אָבער ווייט נישט אַזוי געפּאַקט, ווי אַמאָל. עס פעלט דער סאַמע עיקר — דער „קאָפּ־אויף־קאָפּ״. ווי אַמאָל קומען אין האָטעל אים אָפּגעבן כבוד פאַרשידענע זינגענדיקע און נישט־זינגענדיקע יונגעלייט און מיידלעך, נאָר אויך זיי זענען צו אים געלאָפן פוילבלעך, עס פעלט אין זיי דער געוועזענער חסידישער ברען מיט דער געוועזענער דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס ער, אַ מענטש מיט אַ פענאָמענאַלער שטימע, האָט אין דער יוגנט פאַרלאָזט דעם פרעמדן טעאַטער און איז אַוועק צו יידי־שע פאָלקס־לידער. זיי טראָגן אין האַרצן די קעלט פון אַרומיקן קוי־טיקן אָסיען און זענען ביז גאָר ניכטער, באַלעבאַטיש־געזעצט... אים האָט פאַרדראָסן:

— פאַרוואָס זענען זיי אַזעלכע סטאַטעטשנע... אויסגעגעבענע?..

ער האָט דעריבער גערעדט צו זיי מיט אַ טאָן פון אויפגעע־רייצטקייט און גרינגשעצונג, פילנדיק דערביי אַ באַדערפעניש סיי צו איראָניזירן איבער זיי, סיי אַ ביס צו געבן:

— איך פאַר אַרום און געפין נישט די יידישע יוגנט — די יוגנט פון גליקלעכן „הוליע־קבצן״... אַלע זענען עפּעס געוואָרן ווי פאַרמעגלעך, כאָטש די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַלגעמיין איז דאָ זיי־ער אַ שלעכטע... אַ?.. איר פרעגט ביי מיר, ווי אַזוי מען רופט אייך?.. פאַרוואָס בין איך עפּעס מחויב דאָס צו געדענקען פון צו־ריק מיט זיבן יאָר?.. ווינענדיק אין איטאַליע האָב איך געקענט דריי טויזנט איטאַליענישע ווערטער, נאָר אַרויספאָרנדיק פון דער אי־טאַליענישער גרענעץ, האָב איך אָט די ווערטער אַרויסגעוואָרפן פון קאָפּ — זייער פלאַץ אין זכרון האָב איך באַדאַרפט אויף עפּעס בילכערס...

דאָס אַלץ, האָט זיך אים געדאַכט, איז קאַרג. צו אַ פאָר יונ־געלייט האָט ער געזאָגט זייער גראָב:

— איר זאָלט האָבן אַ כלל: די סאַמע קליינלעכסטע כבוד־זו־כער זענען יענע, וואָס קלעפּן אַרום „גרויסע מענטשן

די יונגעלייט האָבן אין פאַרלוירנקייט געשטשערעט די ציין, געשמייכלט צי פון טעמפּקייט, צי פון ווייטיק, און אין אים איז גע־

וואַקסן דער פּאַרדרוס. פּאַרוואָס די, וואָס קומען אים כבוד אָפּגעבן, זענען אַזעלכע קליינינטשקע — זיי באַליידיקן זיך אפילו נישט...

מער פון אַלץ האָט אָבער באַליידיקט איינער אַ פאַקט:

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געהאַט זיינע קאָנצערטן אין די צוויי גרויסע שטעט פון אָט דער קליינער מדינה, האָט אים אָן אויפהער באָמבאַרדירט מיט בריוו און מיט טעלעגראַמעס איינס אַ קליין שטעטעלע, וואָס וואַלגערט זיך איצט אין הערבסט צווישן גרויסע בלאָטעס ביי דער גרענעץ.

— אַ פאַרדריפּעט שטעטעלע, — האָט ער געקנייטשט מיט די אַקסלען, — וואָס האָט זיך עס אָנגעקלעפּט?!

פאַרמאָגט האָט עס סך-הכל ביי דריי אָדער פיר טויזנט איינוווינער, דאָך איז דאָס אַרויס פון די כלים און האָט „פאַר יעדער פּרייז" — אַזוי האָט עס געשריבן אין די בריוו און אין די טעלעגראַמעס — געוואָלט „האָבן די זכיה" צו הערן ביי זיך אינדערהיים דעם באַרימטן זינגער און באַריטאָן.

אין די טעלעגראַמעס און אין די בריוו האָט זיך געפילט אַן עזות פון אַ שטעטעלע, וואָס ליגט ערגעץ אין „עק" אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס און מיט פּוסטקייט, נאָר אין אָט דעם עזות איז געלעגן אַ טיפע באַליידיקונג פאַר אים, דעם גערימטן — פריער מיט עטלעכע יאָר וואָלט אַזאַ שטעטעלע אפילו נישט געוואַגט צו האָבן אַזאַ תאווה. יעדער נייע טעלעגראַמע האָט ווי געגעבן צו פילן, אַז ער איז אַן אָפּגעקומענער חתן-בחור און אַז מען רעדט אים עפּעס זייער אַ נידעריקן שידוך...

נאָר פון דער אַנדערער זייט:

די העזה פון שטעטעלע האָט אים געדינט, ווי אַ באַראָמעטער, אַז דער אינטערעס צו אים איז געפאַלן, ווי ער פאַלט בכלל צו אָפּגענוצטע באַרימטקייטן — פריער פלעגן זיך איבער זיינע קאָנצערטן שלאָגן גרויסע שטעט, און איצט קאָנען שוין זעטן מיט אים ווייער נייגעריקייט בלויז קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך.

ווי אַזוי האָט ער באַדאַרפט אויפן שטעטעלעס עזות ענטפערן?

— מאַכן אַ שוויג, נישט ענטפערן גאָרנישט...

נאָר פון דער אַנדערער זייט... פאַרקערט:

די גרויסע באַרימקייט טוט פּלוצלינג אַ שפּיי אויף דעם דריטן קאָנצערט, וואָס זי האָט נאָך דאָ אין דער גרויסער שטאָט צו לייענען. זיין אַנטרעפּעניאַר פּראָטעסטירט, צעקריגט ער זיך מיט אים. עס ווערט אַ סקאַנדאַל אין שטאָט, אַ סקאַנדאַל אין דער פּרעסע, נאָר ער הערט נישט קיינעם און פּאָרט אַוועק, מעשה קונדס, געבן אַ קאָנצערט אין אַ קליין שטעטל...

צוליב וועלן אַ שפּיי טאָן אויף דעם, וואָס פּעלט דער אַמאָליקער ברעגנענדיקער „קאָפּ־אויף־קאָפּ", האָט גענומען אויף זיך „אָפּרעכטן גלות" ער — דער באַרימטער באַריטאָן מיטן ליידנשאַפטלעך אַרויסגערוקטן אונטערמויל. ער איז געפאָרן מיט שלעכט־איינגעריכטעטע פּראָווינציעל־טרייסלדיקע באַנען, אין פאַרלויף פון אַ נאַכט זיך איבערגעזעצט אַמאָל דריי פון איין שלעפּ־צוגעלע אין צווייטן, ביז ענדלעך... אין אַ גאָס־רעגנדיקער בייטאָגעדיקער שעה האָט ער אין ברודיקער וויסטעניש דערגרייכט צום פאַרבלאָטיקט־הילצערנעם וואָקזאַל פון חריפות־עזותדיקן שטעטעלע. ביים ערשטן בליק, וואָס ער האָט אויף דעם געטאָן, האָט אים באַהערשט איין איינציקער ביז גאָר שטאַרקער פאַרלאַנג:

— אַנטלויפן צוריק... וואָס גיכער זיך אויסדרייען און אַנטלויפן.

## II

אין אַלכסונדיקן גאָס־רעגן, וואָס ביי דער וואָקזאַל־טיר, האָבן שווינדלדיק אונטערגעטענצלט די יונגעלייט אין די רעגן־בורקעס, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אים באַגעגענען. זיי האָבן אַלע געהאַט עפּעס מאָדנע קרומע פּנימער; זיי האָבן געקוקט אַזוי שעמעוודיק, ווי גלייך זיי ווייסן, אַז עמעצער מאַכט פון זיי לצנות און האָבן איבער עפּעס נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— מאָרטכע!

— מאָרטכע!..

דער, וועמען זיי האָבן גערופן „מאָרטכע", איז געווען דאַרער און קלענער פון זיי אַלע און איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען אין דער גרויס פון זיין גרויסער געליגענער רעגן־בורקע. ער האָט זיך

געוואָרפֿן פֿון איין זייט אין דער אַנדערער; געלאָפֿן מיט זיין בלאָנד־געלן פּנימל פֿונם בינטל פּאַרערער צום גאַסט און פֿונם גאַסט צו אַן עלטערער בכּבֿודיקער דאַמע — אַ גראָע מיט יונגע אויגן אונטערן יונגן הוט — וואָס שטייט איינזאַמיק־שטאַלטנע אין מיטן בינטל־פּאַר־ערער אונטער איר רעגנשירם — דער איינציקער רעגנשירם דאָ אין שלאַקס־רעגן, וואָס אויף דער גאַנצער פּלאַטפֿאָרם.

— וואַרט, וואַרט, — האָט ער געשריגן — לאָזט מיך אָקאָרשט צו צום גאַסט!

— אָט דאָס זייט איר?... איר אַליין? — האָט ער פֿריילעך פֿון אַלע זייטן באַקוקט דעם גאַסט, — וויי, וויי, ווי איר האָט עס אָנגעזשומעט אַ וועלט!.. מיר דאָ האָבן אויך געוואָלט אויף אייך אַ קוק טאָן... איר פֿאַרשטייט צי ניין? יצר־הרע... אַלע האָבן געוואָלט פֿאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין אייך הערן... מיר האָבן דאָ ליב פֿאָלקס־לידער... האָבן מיר זיך מישבֿ געווען: פֿאַר דעם געלט, וואָס אונדז וועט קאָסטן פֿאָרן, קאָנען מיר דאָך אייך אַראָפּברענגען צו אונדז... און נישט אַלע קאָנען דאָך פֿאָרן, אָט צום ביישפּיל איך... איך בין אַ פֿאַרנעמענער אויף אַ שטעלע... אַ בוכהאַלטער... אַ גוטע שטעלע, אָבער דאָך — אויף אַ שטעלע...

— ווער איז די דאַמע? — האָט די באַרימקייט, ווי טויב צו אָט דעם גאַנצן פּלאָדעריי, נישט אויפֿגעהערט קוקן צום מיטן פֿונם רעדל פּאַרערער — אָט די גרויע דאַמע, וואָס אונטערן שירם?

— די דאַמע? — האָט הייס זיך אַ כאַפּ געטאָן קראַצן אין נאַקן דער רירעוודיקער, וואָס הייסט מאָרטכע, — אָט דאָס איז זי דאָך... זי האָט די גאַנצע צייט נישט גערוט, געטאָן אין טויט אַריין, מען זאָל אייך אַהער למען־השם אַראָפּברענגען... זי איז די רייכסטע דאַמע ביי אונדז אין שטאָט... וואָס איז מיט איר אַזוינס געשען, ווייסן מיר נישט, נאָר זי האָט איינגעלייגט וועלטן... אַפּנים אַ חסידה אייערע, זי האָט זיך איינגעשפּאַרט שטאָל און אייזן, אַז איינשטיין זאָלט איר ביי איר. נאָר ביי איר, איז ווייסט איר גאָר וואָס? — דאָס קליינע געל־בלאָנדע פּנימל האָט צוגעמאַכט איין אייגל, און דענסטמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַז עס איז ווייט נישט קיין נאַר — ווייסט איר גאָר וואָס?.. אַז איר וועט פֿאַרפֿאָרן אין אונזעריקן אַ

האָטעל, ווען דאָך אייך געוויס בייסן די וואַנצן, איז דעריבער פאָלגט מיך און לאָזט זיך נישט בעטן. וואָס האַרט אייך, איר וועט הנאה האָבן.

איצט האָט מען אין רעגן פאַרכאַפּט פּלעצער אויף די צוגעגרייטע בעל־עגלישע פירן, זיך פריילעך אויסגעזעצט און פריילעך אַוועקגעשמיסן צום היבשן שטעטל, וואָס טוקט זיך ווייט, ווייט אין אַ בלאָטיקן טאָל. קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאַלן אויפצוזעצן אים און די עלטערע בכּבודיקע פרוי אויף איין פור, קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאַלן זיי צוצופירן איינעם צום אַנדערן און זיי באַקענען.

---

דאָס הויז ביי דער בכּבודיקער גרויער פרוי — אַן הרחבהדיקס, אַ פאַרמעגלעכס, כּמעט אַ רייכס.

וואַשנדיק זיך אין איינעם פון די געמיטלעכע צימערן ביי אַ ברייטן וואַש־קאַסטן, האָט דער באַריטאָן געפּרוווט מיט לייכטע הוסטעלעך די שטימע און געפילט, אַז מיט דעם, וואָס ער איז אַמאָל אַוועק פון טעאַטער צו פאָלקס־לידער, האָט ער ווירקלעך אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך... אַ פיינע זאַך, וואָרים אָט זעט ער דאָך: אַ שטעטעלע רוישט זיך... צי מען בלייבט אויף אייביק ביי דער שטימע, צי ניין, נאָר אַ מענטש בלייבט מען דאָך... און דאָס שטעטעלע אַליין — אַ טייער שטעטעלע... פון קיין שלעכטן טאָג זאָל עס נישט וויסן! אָט קוקט ער דורכן פענצטער און זעט:

— ווי עס רוישט זיך אַביסל!.. ממש, ווי אַ חתונה, און אַלץ צוליב אים, דעם גאַסט — ער איז דאָך אַליין אויך פון אַ שטעטל.

אין עס־צימער האָבן געוואַרט יונגעלייט און מיידלעך — זינגענדיקע און נישט קיין זינגענדיקע. אַ פאָנפעוודיקער בחור — זייער אַ געזונטער מיט קרומע אויגן — האָט געוואָלט ביי אים אַן עצה: וווּהין זאָל ער גיין — אין דראַמע צי אין אָפּערע? ווייל אין דראַמע האָט ער שוין געשפּילט, ווי אַ ליבהאָבער, נאָר ער האָט אַ שטימע און האָט געהערט: עס וועט אינגיכן ווערן אַ יידישע אָפּערע. דער בחור האָט שטאַרק גענודיעט און האָט נישט אויפגעהערט צו פאָנפען:

— איז ווי מיינט איר?... גיט אַן עצה, אדרבא...

דעם באַריטאָן האָט פון אָט דעם בחור אָנגעהויבן צוריק ווערן אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן און עס איז פּלוצלינג ווידער אַרויף דער געדאַנק, אַז ער ווערט אַלט — שוין אַריבער פערציק... ער איז דעם בחור גלייך געוואָרן אַ דם-שונא, נאָר באַלד זענען אַלע זיך שנעל פונאַנדערגעגאַנגען, ווייל מען האָט דערלאַנגט עסן מיטאָג.

ביים געגרייטן טיש זענען געבליבן נישט מער, ווי צוויי: די באַלעבאָסטע — אויבנאָן, און ער — ביי דער זייט. ער האָט גערוקט אין זיך מיט גרויס אַפּעטיט די געשמאַק-געפּרעגלטע מאכלים — עפּעס ווי פּסחדיקע מאכלים. ער האָט כמעט געפרעסן, פאַרטרונקענדיק פון מאָל צו מאָל מיטן אונטערגערוקטן פאַרפראַוועטן שנאַפּס און מיט וויין, און האָט מיט נישט גאָר קיין ריינע „באַריטאָנישע" כוונות געטראַכט וועגן דער בכבודיק-גרויער פרוי:

— זי האָט נאָך עפּעס יוגנט אין פּנים... אין די אויגן און אַרום מויל האָט זי עס נאָך...

פונם שמועס, וואָס ער האָט מיט איר געפירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין מאַן האָט זי נישט — ער איז געשטאָרבן נאָך צוויק מיט צוועלף יאָר און אַז קיין קינדער האָט זי אויך נישט — זי האָט געהאַט סך-הכל איין מיידל, אַ זעלטן מיידל... געהאַט אַ זעלטענע שטימע, דאָס מיידל... אויך געזונגען פאָלקס-לידער. נאָר „דאָמאַשנע". צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר געשטאָרבן...

— פון שקאַרלעטינע,—האָט עפּעס זייער מאָדנע שטיל, ווי הייזעריקלעך אַ זאָג געגעבן די פרוי, און ביי איר זענען געבליבן הענגען צוויי גרויסע טרערן אויף ביידע אויגן.

— פון שקאַרלעטינע?.. — האָט ער, אויפהערנדיק אַ ווײַלע צו עסן, איבערגעפרעגט מיט גרויס מיטגעפיל, און דערביי דערפילט, אַז ער, דער באַריטאָן, איז ווירקלעך אַ לייטישער מיטפילנדיקער מענטש, נישט אומזיסט איז ער אַמאָל אָנשטאָט טעאַטער אַוועק צו יידישע פאָלקס-לידער.

פול-אָנגעגעסן און האַלב-מבושמדיק איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש, אויפגעלייגט אונטערגעזונגען, בעת מען האָט אים אָפּגעפירט אין באַזונדערן צימער כאַפּן אַ בייטאָגעדיקן דרעמל. און ווייל אין דער גאַנצער וויינונג איז אויסער אים מער קיין מאַנסבילן נישט

געווען, האָט ער דעריבער דערפילט, אַז ער איז דאָ נישט בלויז דער איינציקער מאַנסביל, נאָר אויך דער איינציקער באַלעבאָס. זיין פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ קליין סעדל אַריין. דאָס צימער איז געווען נישט קיין גרויס, אַ געמיטלעכס, נאָר אַ ליידיקס, כמעט אָן שום מעבל. אויסער דעם באַקוועמען ווייכן בעט, אויף וועלכן ער איז געלעגן אַ האַלב-מבושמדיקער, אַ אינעווייניק-זינגענדיקער, זענען ביי דער זייט געשטאַנען אַ פּאָר שטולן, און פּונקט אַקעגן, אויף דער וואַנט, איז אין אַ הילצערנער רויט-פּאָליטורטער ראַם געהאַנגען אַ פאַרגרעסערטער פאָטאָגראַפישער ביוסט פון אַן אומגעווייגלעך שיין מיידל. אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ מאָדנע אָפענער איבערגעגעבנקייט און אַזוי צאַרט, ווי די דין-געאַרבעטע שפּיצן פון איר קאָפּטל, און איבער איר גאַנצן צייטיקן פּנים איז געווען צעגאָסן יענער חנעוודיק-רייצנדיקער שטריך, וואָס די בכבודיק-גרויע באַלעבאָסטע האָט אים נאָך בלויז אין די אויגן און ערגעץ-ווו אין די ווינקלען, וואָס אַרום איר מויל. דאָס איז, אַפּנים, געווען דער באַלעבאָסטעס טאָכטער — דאָס איין-און-איינציקע מיידל, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שיינע שטימע, און האָט אויך געזונגען פאָלקס-לידער און איז צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר געשטאָרבן פון שקאַרלעטינע.

ליגנדיק אַקעגן אויפן בעט אַ האַלב-מבושמדיקער, אַן אינעווייניק-זינגענדיקער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן בילד.

— אַ שטיק מיידל, וואָס?... אַ צייטיקע און אַזאַ שיינע!.. אַ זעלטן שיינע...

דערביי האָט ער מבושמדיקערהייט געפילט צו איר ליידנשאַפט, ווי צו אַ לעבעדיקער — אים איז גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען, וואָס געשטאָרבן איז זי צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר פון שקאַרלעטינע... ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ זיסן דרעמל און מיט אַ זיסער פאַנטאַזיע, אַז ער האָט מיט אָט דעם שיינעם פאַרמעגלעכן מיידל חתונה געהאַט, אַז ער איז איצט געקומען צו איר אַהיים. דערביי איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, וואָס ערגעץ-ווו ביי זיך אינדערהיים, האָט ער צו לאַנגע יאָר אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

— אַ טייער שטעטעלע, — האָט ער אַלץ געדענקט, — אַ זעלטן שטעטעלע...

נאָר מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווען ער האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט ער ביי זיך אין צימער דערזעען דעם קליינעם און רירעווודיקן געל־בלאָנדן יונגנמאַן, אָט דעם, וואָס אויפן וואָקזאַל האָבן צו אים אַלע געשריגן: „מאָרטכע, מאָרטכע!". ער האָט זיך פון אים דערוווסט, אַז דער טעאַטער, וווּ ער דאַרף איינאָוונט אַרויסטרעטן, איז אַ הילצערנער, נישט קיין געהייצטער — אייגנטלעך אַ קינאָ, נישט קיין טעאַטער, דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ בוכהאַלטעריש־אומעטיק פּנים און האָט זיך ענדלעך אויסגעקוועטשט, אַז אייגנטלעך...

— אייגנטלעך פעלט נאָך היפּש געלט צו דער צוגעזאָגטער סומע... הלוואי זאָל איך עס פאַרדינען אין צוויי חדשים... דער פּדיון ביי דער קאַסע איז עפּעס גאָר קיין פּדיון נישט... קוים וואָס עס ציקעט זיך... נאָר וואָס זשע דען? מען האָפט אַלץ, אַז אין דער לעצטער שעה פאַרן אָנהויב וועט זיך פאַרבעסערן... אַוודאי מוז זיך פאַרבעסערן, וואָרים אַז נישט?..

דער יונגערמאַן האָט אויף אים אַ קוק געגעבן מיט צוזאַמענגעצויגענע אייגעלעך פון אַ קלוג שרעטעלע, געעפנט דאָס מויל, באַוויזן אַ שאַרף צינגעלע מיט שאַרפע ציינדעלעך און האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ דריבנע געלעכטערל:

— וואָרים אַז נישט, — האָט ער אויסגעלאָזט, — אַז נישט איז דאָך טאַקע שלעכט!..

און דעם באַריטאָן האָט צום אַלעם ערשט פאַרדראָסן אָט דאָס געלעכטערל — עפּעס צו אַ היימיש... צו אַ פּאַניבראַטסקי... ער האָט פון נאָכן שלאָף געקוקט אויף אים מיט רויטלעכע, בייז־אויסגעגלאָצטע אויגן.

— איר האָט פאַרן אַריינקומען צו מיר געדאַרפט אָנקלאַפּן אין טיר,—האָט ער בייז אַ כאָרכל געטאָן אויפן יונגן מאַן, — יאָ, יאָ... וואָס קוקט איר אַזוי!.. איר זייט קליינשטעטלדיקע דריפּקעס... איר ווייסט ווען איר האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין שטעטל?!.. גייט געזונטערהייט..

דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַן איז געוואָרן פריער בלאַס און נאָכדעם רויט, און שעמעוודיק זיך אַרויסגערוקט פון צימער. דער

באַריטאָן האָט אין גרויס כּעס אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער, אַרומגעשפּאַנט לאַנג, נאָר באַרויקן זיך נישט געקאָנט און געגעבן אָן עפּעס אַ קלאַפּ מיטן פויסט, אַזוי אַז אַקעגן אויף דער וואַנט האָט זיך ווי פאַרשעמט דאָס מיידל, וואָס איז געשטאָרבן פון שקאַרלעטינע, און אין נאָענטן עס-צימער, ווו עס האָט שוין געוואַרט דער סאַמאָוואַר, האָבן זיך אַלע דערשראָקן און גענומען זיצן זייער שטיל און זיך איינהערן. אין עס-צימער האָבן אַחוץ דער בכבודיק-גרויער באַלעבאָסטע מיטן געל-בלאָנדן יונגערמאַן געוואַרט פרישע יונגעלייט מיט מיידלעך. דער פּאָנפּעוודיקער זייער געזונטער בחור איז געווען גרייט צו פרעגן נאָכאַמאָל אַן עצה. דער באַריטאָן איז אַריינגעקומען אַהין, געבליבן שטיין אינמיטן צימער, אַרומגעקוקט אַלעמען מיט בייזע אויגן און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט זיך צוגעזעצט צום טיש, נאָר פּלוצלינג אויסגעפּלאַצט אויפן גאַנצן שטיל-וואַרטנדיקן עולם:

— וואָס קריכט איר אַהער וואָס?.. ווער האָט געשיקט נאָך אייך?! ווען נישט קיין יידישער אַרטיסט קומט אַהער, ווען שאַליאַפּין קומט אַהער, וואָלט איר אויך געוואַגט צו אים צו קריכן?.. גייט אייך פונדאַנען!.. ס'אַרא עזות!..

דער דערשראָקענער עולם האָט זיך אָנגעהויבן מאָדנע פּאַמעלעך פונאַנדערגיין. די אויפגעשטאַנענע באַלעבאָסטע האָט אַ רגע אין פאַרלוירנקייט אַ בראָך געגעבן די הענט. דער באַריטאָן האָט זיך צו קיינעם נישט אומגעקוקט און ווי אויף צו-להכעיס ברייט זיך אַוועקגעזעצט טרונקען טיי, נאָר פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען און גענומען מיט גרויס כּעס צו קלאַפּן אין טיש:

— ווען גייט אַוועק פונדאַנען דער צוג?!.. אַ פור זאָל מיר זיין!.. די רגע זאָל מיר זיין אַ פור צום וואָקזאַל!

---

עס איז געווען פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך געטרייסלט איינער אַליין אויף דער פור צום וואָקזאַל. דער רעגן האָט ווידער געגאָסן אין אַלכסון און זייער געדיכט, אין שמאָלע געסלעך איז מען אַרויסגעלאָפן פון פאַרבייגעפאָרענע הייזער און געקוקט ווי אויף אַ בייז-

וואונדער, ווי ער טרייסלט זיך אײנער אַליין מיט זיינע פּעקלעך. פונאונטן ביי דער גרויסער הילצערנער געביידע האָבן מאַמעס, האַלטנדיק קינדער אויף די הענט, זיך געקריגט ביי דער קאַסע און געפּאָדערט צוריק זייער געלט. פונפאָרנט, אויפן בלאָטיקן באַרג, האָט מיט געלע קאַלטע פייערלעך זיך געלויכטן די הילצערנע געביידע פונם קליינעם ברודיקן וואָקזאַל. דער באַריטאָן האָט זיך געטרייסלט אויפן וואָגן, ווי נישט קיין היגער, ווי גלייך צווישן אים און צווישן שטעטעלע איז גאָרנישט נישט געשען. אים איז נאָר געווען ביז גאָר אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן, און געפילט האָט ער אָן אויפהער, אַז מען קען גאָרנישט נישט העלפן—ער, דער באַריטאָן, איז שוין אַריבער פערציק:

— ער ווערט אַלט... ער ווערט אַלט...

---

# דער קבצן

# דער קבצן

## 1

— רב זאַלי, איר וועט אונז אַלע איבערלעבן, אַז רב זאַלי.

זאַלי האָט פֿײַנט, אַז מען זאָגט דאָס אים; ער ענטפֿערט איבערקרימענדיק:

— טיע, טיע, טיע... איבערלעבן... טיע, טיע, טיע.

ער איז אַ שמש אין דער חברה־קדישא, ער האָט איבערגעלעבט זײַן ווײַב, זײַנע זין, זײַנע שניר, זײַנע מומעס, פֿעטערס, געשוועסטער־קינדער און דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע אייניקלעך.

ביז פֿינף־און־זיבעציק יאָר האָט ער געגלײבט, אַז ער עלטערט זיך, ווי אַלע מענטשן אין זײַן שטאָט; אַ סימן האָט איר: ער ווערט גראָלעך; אויף זײַן שטערן, אויף זײַנע באַקן און אויף זײַן שטײַפֿן רויטן האַלז באַווײַזן זיך קנײַטשן.

נאָר נאָך פֿינף־און־זיבעציק יאָר האָט זיך זײַן גראָקייט אָפּגעשטעלט און איז ווײַטער נישט געגאַנגען; זײַנע קנײַטשן — אויך: זיי האָבן זיך פֿאַרהאַרטעוועט און האָבן אויסגעזען ווי אײַנגעווייקט אין ספּירט. זאַלי האָט עס באַמערקט, אַלע האָבן דאָס באַמערקט.

— זאַלי, — האָט מען געזאָגט, — האָט אויפֿגעהערט צו ווערן אַלט.

אַ מאָדנע זאַך איז דאָס געווען. נאָר גלויביקע מענטשן האָבן דאָך געהאַט צו דערצײלן וועגן דעם אַ מעשׂה:

געווען איז דעמאָלט זאַלי נאָך אַ בחור, געוווינט אין אַ דאָרף אין אַ קרעטשמע, קומט איינמאָל אין יענעם דאָרף דער גרוי-

פער מגיד און שטעלט זיך אָפּ אין קרעטשמע דאַווענען. און אין קרעטשמע איז גראַדע קיינער חוץ זאַלין נישט געווען. אַלע זענען אַוועקגעפאָרן אויפן יאַריד. נאָכן דאַווענען פרעגט דער גרויסער מגיד ביי זאַלין:

— הער נאָר, יונגער בוים, וואָס קאָנסטו מיר געבן עסן?

זאַלי האָט געענטפערט:

— קרעפּלעך, רבי, איך קאָן קלעפּן קרעפּלעך.

— גוט, — האָט געזאָגט דער מגיד, — וויפל קרעפּלעך דו וועסט אָנקלעפּן, אַזויפיל יאָר וועסטו לעבן.

זאַלי האָט אָנגעקלעפּט קרעפּלעך אַ פולן טאָפּ, און אַז ער האָט איבערגעציילט זיין געווען פינקט הונדערט מיט אַכצן.

פונדאַנען האָט מען געדרונגען, אַז זאַלי וועט לעבן הונדערט מיט אַכצן יאָר.

— ער האָט באַצאָלט, — האָט מען געזאָגט, — פאַר יעדן יאָר — אַ קרעפּל.

נאָר זאַלי האָט פיינט געהאַט צו הערן, ווי מען דערציילט דאָס הונדערט מיט אַכצן יאָר איז אים געווען קאַרג, און אַחוץ דעם האָט ער געגלויבט, אַז יאָרן זענען ווי קרעפּלעך — אַז מען ציילט זיי נישט איז בעסער — עס קאָן אין זיי אַריין די ברכה.

אַ קרעפּטיקער איז זאַלי געווען פון תמיד אָן. אַ ייד — אַ גבר מיט אַן אייזערנעם קאַרק, מיט אייזערנע גלידער, דערצו נאָך — אַ פּויליאַק אַ גרויסער: זיינע קרעפּטן האָט ער קיינמאָל אין דער פּולער מאָס נישט אויסגענוצט און זיי קיינמאָל מיט קיינעם נישט געמאָסטן, נאָר נאָך פינף-און-זיבעציק יאָר האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז זיין פּוילקייט איז אַ באַזונדערע. אַ גאַנץ אַנדערע ווי ביי אַלע מענטשן — דאָס האָבן זיך די קרעפּטן אין אים פאַרשלאָסן, ווי אין אַ קליינער פעסטונג און ווילן פון אים נישט אַרויס, און אַט זאָל קומען דער טויט און זאָל קלאַפּן אין דער טיר, וויפל ער וויל, נעבטיקע טעג... די כוחות וועלן אים נישט אַריינלאָזן.

נאָך פינף-און-זיבעציק יאָר האָט ער דעריבער שוין אויפגעהערט צו דערציילן זייטיקע מענטשן, וויפל ער איז אַלט, נאָר אויך

פאַר זיך אַליין אויפגעהערט צו ציילן. ער האָט ווי געדרעמלט, און אין אים האָבן געדרעמלט די יאָרן.

ביסלעכווייז האָט ער אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר ראש־השנה, פאַר יום־כפור און פאַר הושענא־רבה, ווען אויפן הימל התמעגט מען אונטער זיין „קוויטל". ימים נוראים האָבן אים אויפגעהערט צו שרעקן; זיי זענען געווען פאַר אים פשוטע וואָכעדיקע טעג, ווייל פון שטאַרבן, האָט ער געפילט, האַלט ער ווייט. דערצו באָך האָבן אים די יאָרן אַליין אָנגעהויבן אויסצווזען זייער קורץ, ווי די קליינע קאַפּיטלעך אין סוף פון תהילים: אַ יאָר — אַ געגעץ; אַ יאָר אַן אָטעם; אַ יאָר אַ רויכל פון אַן אויסגעשאָסענער קויל. אויפן אָרט פון יאָרן האָט ער דעריבער די צייט פון זיין לעבן אָנגעהויבן צו ציילן לויט די דורות, וועלכע ער — דער שמש פון דער חברה־קדישא — ברענגט צו דער קבורה, און נישט אַזוי לויט די קבצנישע דורות, ווי לויט די פאַרמעגלעכע און אָנגעזעענע — לויט די „פני" פון שטאָט, ווייל אַזעלכע דורות געדענקען זיך.

פריער האָט ער געבראַכט צו קבורה די רב יוזעפס, די רב שבתיס, די רב קלמנס, די רב ישראלס און זייערע ווייבער — די האָדעלעך, די ציזעלעך מיט די יוכבדס — הייליקע ווייבער, כמעט רביצינס.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַריבערצופעקלען אויפן בית־עולם זייערע זין און איידעמס — די ליפשיצעס, די גראָסמאַנס, די קאַמינסקיס.

נאָך שפּעטער האָט ער אויפן בית־עולם געסאָרטעוועט זייערע אייניקלעך — די מאַקסעס, די איזידאָרס, די מיראָנס, די אַלעקסאַנדערס מיט די קלאַוודיעס, בערטעס, קלאַרעס און מינעס.

ער האָט שוין געהאַלטן ביי די אוראייניקלעך פון די דאָזיקע חשובע משפחות, געווען גראָלעך, געקנייטשט און אַליין די מיטות נישט געטראָגן און מיט די מתים זיך נישט געפּאָרעט. ער האָט בלויז געקאָמאַנדעוועט מיט די גרעבער, מיט די משניות־לערנער און תהילים־זאָגער און מיטן לייוונט, וואָס קהל פאַרקויפט אויף תכריכים. קיינער אין שטאָט האָט שוין נישט געוווסט, וויפל ער איז אַלט; ער אַליין — אויך נישט. ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס נישט אַנ־

דערש, ווי אונטערגעגאַרטלט, מיט זיין גראָבן אַלטן און גלאַנציק־גלאַטן שטעקן אין האַנט. און ווייל ער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דווקא דאַן, ווען אין שטאָט איז געווען אַ מת, און ווען לעבן דער שטוב, ווו דער מת ליגט, שטייט אַ גרויסער עולם; ווייל דער עולם האָט דאַמאָלס נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן, האָט מען גע־רעדט וועגן דעם, וואָס ער איז נאָך אַלץ קרעפטיק, אָט דער זאַלי:

— און זע, עס איז דאָך אַ קונץ.

— ער טראַכט גאָרנישט פון שטאַרבן, זאַלי.

— דער מלאך המות האָט אים איבערגענומען אויף זיין זייט.

— ער דינט אים געטריי.

— דער טויט האָט אויף אים קיין שליטה נישט.

— ער וועט נישט שטאַרבן, ער וועט נישט שטאַרבן.

ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן אין דעם צו גלויבן.

צוערשט האָבן אין דעם גלויבן אָנגעהויבן קליינע קינדער, חדר־יינגלעך. קינדער האָבן דערפילט, אַז ער איז אַ טייל פונם מלאך המות, ווייל ער הייסט אַוועקטראָגן פון זייער היים זייערע געשטאָר־בענע ברידערלעך און שוועסטערלעך און אַמאָל אויך דעמס אָדער יענעמס אַ געשטאָרבענעם טאַטן, צי אַ מאַמען. ער בייזערט זיך תמיד, פאַרוואָס מען וויינט צו לאַנג און פאַרוואָס מען לאָזט נישט טאָן דעם מת „זיין רעכטס". פון אַלע פנימער, וואָס שווינדלען דורך צווישן די ברענענדיקע ליכט אַרום אַ געשטאָרבענעם, האָבן קינדער בלויז געדענקט זאַליס פנים, זיין אַלטע אונטערגעגאַרטלטע פיגור. דערצו האָבן נאָך קינדער געדענקט, ווי מען שעלט זיי:

„זאַלי זאָל נאָך דיר קומען!"

קינדער האָבן דעריבער אין זיין פיגור, אין זיין פנים און אין זיין נאָמען אָנגעהויבן צו דערפילן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומ־פאַרמיידלעך און אייביק; זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן:

— זאַלי וועט נישט שטאַרבן, קיינמאָל... ק יי נ מ אָ ל...

— אַ צדיק האָט אים געבענטשט.

— ניין, נישט קיין צדיק, נאָר דער מלאך המות. איינמאָל איז דער מלאך המות געקומען נאָך זאַליס נשמה. רופט זיך אָן צו אים זאַלי: „טשעפּע מיך נישט, איך בעט דיך". זאָגט צו אים דער מלאך

המות: „ווען איך זאָל לייגן כבוד אויף יענע וואָס בעטן מיך, וואָלט קיינמאָל אין לעבן קיינער נישט געשטאָרבן". עטפערט זאַלי: „טשעפּע מיך נישט, וועל איך דיר דערפאַר העלפן. איך וועל דיר באַגראָבן אַלע דאָ אין שטאָט". „נו, גוט — האָט געזאָגט דער מלאך המות — אָבער געדענק, דו טאָרסט נישט ווערכלאָזן קיינעם; ווי נאָר דו לאָזסט דורך איינעמס אַ קבורה, אַזוי באַלד שטאַרבסטו!" דעריבער כאַפּט זיך אַזוי זאַלי, דעריבער לויפט ער דער ערשטער צו יעדערנס קבורה.

גרויסע האָבן אין דעם נישט געגלויבט. אין אַ הייסן זומערדיקן בייטאָג האָבן אין עק מאַרק, אונטערן ראָטהויז, זיך געקענט לאַנגווייליקן יונגע, אָפּגעריסענע טרעגער, געזעסן אין שאָטנדיקע ווינקלען און געוואַרט ביז מען וועט זיי רופן, איבערטראָגן אַ פּאָר זעקלעך מעל אָדער אַנדערע שווערע זאַכן. זיי האָבן זיך איינער מיט דעם צווייטן געראַנגלט, געזאָגט וויצן, און אַז זיי האָבן דערזען, ווי זאַלי איילט ערגעץ־וווהין, אַן אונטערגעגאַרטלטער מיט זיין גלאַנציק־גלאַטן שטעקן אין האַנט, האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך הויך, כדי זאַלי זאָל הערן:

— זאַלי, זאָג איך, וועט נישט שטאַרבן.

— און איך זאָג: ער וועט יאָ שטאַרבן.

— צו וויפל גייסטו אין געוועט?

— צו וויפל דו ווילסט.

— גיב דיין האַנט.

— נאַדיר מיין האַנט.

זאַלי האָט זיך דאַמאָלס אויף די טרעגער געקרימט, זיך געקרימט, פאַרביילויפנדיק:

— טיע, טיע, טיע... צו וויפל גייסטו אין געוועט... טיע, טיע, טיע.

און אַליין האָט ער זיך לעבן זיי נישט פאַרהאַלטן — ער איז אַוועק ווייטער ערגעץ־וווהין אין אַן הינטער־געסל. און אויב זאַלי איז אַוועק אין אַ הינטער־געסל, האָט מען געוווּסט, אַז ער האָט שוין עמעצן.

— געוויס איז דאָרט עמעצער געשטאָרבן.

אױן מאָדנע איז דאָך געװען צוצוקוקן, װי ער כאַפּט זיך אַהין,
כאָטש ער איז שױן אַלט, געבױגן, אינדרױסן איז שטאַרק הײס און
דער געשטאָרבענער איז זײער אַן אָרעמער — פֿון זײן קבֿורה קען
זאַלי גאָרנישט האָבן — מאָדנע איז געװען צו זען, װי ער האָט
מורא אַ געשטאָרבענעם דורכצולאָזן... נאָר מעגלעך, אַז ער האָט זיך
גלאַט אַזױ אײן דעם אײנגעגלױבט — אַ מענטש קען זיך צוגעװױ-
נען צו טאָן אַלע טאָג אײנע און די זעלבע נאַרישקײטן, און אַז
ער לאָזט נאָכדעם דורך אײנעם אַ טאָג און טוט נישט דאָס זעלבע,
װאָס אַלע טעג, קען ער אָנהױבן גלױבן, אַז דאָס איז פֿאַר
אים אַ שלעכטער סימן. װי די מעשׂה זאָל נישט זײן, נאָר זאַלי
דער קבֿרן האָט אַלץ געלעבט און קײן אײן מת אין זײן שטאָט
האָט ער קײנמאָל נישט דורכגעלאָזט.

## 11

אינם זומער פֿון דער גרױסער מגפֿה האָט זיך זאַלי פֿון זײן
געזונט אַביסל אַראָפּגערוקט. דער זומער פֿון דער גרױסער מגפֿה —
אַ זומער, װאָס ליגט אין טעם.

װו אַ הױז־געזינד — דאָרט אַ לאָך. װו אַ װױנונג — דאָרט
אַ פּוסטקײט. אין יעדער שטוב — אַ װײגעשרײ, אַ קלאָגעדיקער יאָ-
מער. אין יעדער משפּחה — אַ טעגלעך באַגראָבעניש, אַ געװײן אי-
בער אײנעם אָדער צװײ טױטע אָדער גוססדיקע גלידער. גבֿירים זע-
נען שױן לאַנג אין שטאָט נישט געװען — זײ זענען אַנטלאָפֿן. גע-
בליבן זענען אָרעמעלײט, קרעמערלעך, קבצנים, קצבֿה־נעמער, טרע-
גער, בעל־עגלות. זײ זענען געפֿאַלן שטיל אײנער נאָך אײנעם,
און אַז מען איז געפֿאַלן, איז מען מער נישט אױפֿגעשטאַנען. די
קרענק איז געװען אַ קורצע. אַז אַ מענטש האָט געלעבט אינדערפֿרי,
האָט דאָס נאָכנישט געהײסן, אַז ער װעט לעבן אינאָװנט, און אַז
אַ קינד האָט בײטאָג זיך געשפּילט אינדרױסן לעבן דער שטוב, האָט
מען געמעגט אַ װײלע לעבן דער שטוב בלײבן און קוקן, װי עס
גראָבט גריבעלעך אָדער עס מעסט מיט די פֿיסטלעך דעם זאַמדיקן
שטױב, װײל עס איז כּדאַי צוצוקוקן, װי אַ קינד שפּילט זיך צום

לעצטן מאָל... קברים אויפן בית־עולם האָט מען געגראָבן גרויסע — פּאַר אַכט, צען מענטשן אויף איין מאָל. און זאַלי דער שמש האָט נישט גערוט, אַרומגעיאָגט איבער דער שטאָט, זיך באַוויזן אין אַלע פּאָרנטיקע און הינטערשטע געסלעך, אַריינגעקוקט אין די הייזער, געפרעגט אויפן ווונק:

— אַ ?.. וואָס.. נאָכנישט ?

און אַלץ מורא געהאַט, ער זאָל חלילה עמעצנס אַ קבורה נישט דורכלאָזן. אין יעדער שטוב, ווו עס איז געשען דער אומגליק, האָט ער געמוזט אַריינלויפן כאָטש אויף אַ ווײַלע, כאָטש אויף אַ רגע, כדי אַ קוק צו געבן, כדי זיך אָנצובייזערן:

— געגוג, געגוג וויינען... לאָזט טאָן דעם מת זיין רעכטס.

עס האָט געקענט טרעפן:

אינמיטן הייסן זומער־טאָג זאָל זיך די מגפה פּלוצלינג אָפּ־שטעלן און אויף צוויי אָדער דריי שעה העגגען בלייבן אינדערלופט. די מגפה האָט דאַן ווי אָפּגערוט, זי האָט ווי געדרעמלט. און דאַן האָט אויך זאַלי דער שמש געדרעמלט, נאָר נישט ביי זיך אינדער־היים — אינדרויסן, אונטערן פרייען הימל האָט ער געדרעמלט. איינ־געהויקערט, אונטערגעגאַרטלט, מיט זיין גלאַנציקן גלאַטן שטעקן אין האַנט איז ער געזעסן אויף די טרעפּלעך פון אַ שטוב, ווו עמעצער איז זייער קראַנק, אָדער אויף די טרעפּלעך אַקעגן אַזאַ שטוב. זיין קאָפּ מיט די פאַרשמאָלטע אויגן האָט זיך געבויגן, זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געהויקערט. נאָר געדרעמלט האָט ער זייער גרינג. עס האָט זיך געדאַכט:

די גאַנצע שטאָט שטאַרבט אויס. אַלע גאַסן בלייבן פאַרלאָזט; פּוסטע הייזער וועלן שטיין דורכאויס אין לאַנגווייליקע געשלאָסענע רייען און וועלן בענקען נאָך זייערע געוועזענע געשטאָרבענע באַ־וווינער. דער לעצטער, ווער עס וועט דאַרפן שטאַרבן, וועט פאַרן טויט איבערקערן אַ שוך און אַקעגן דעם איבערגעקערטן שוך וועלן ערגעץ־ווו אַרויס דער שטאָט זייער שטאַרק בילן הינט. דער בילן וועט זיך ציען סיי ביי־טאָג און סיי ביי־נאַכט, אָן אויפהער — אַ לאַנגער און נאָגנדיקער בילן, וואָס רייסט זיך אַרויס פון פאַרקלעמטן הינטישן פּיסק. דער בילן וועט דויערן אייביק, און הערן וועט אים

בלויז איין מענטש — דאָס וועט זיין זאַלי. ער וועט זיצן ערגעץ.ווו לעבן די טרעפּלעך ביים אַריינגאַנג אין אַ פּוסטער שטוב, זיין קאָפּ מיט די פאַרשמאָלטע אויגן — פאַרלוירן אויף זיין ברוסט. די עקן פון זיין קאַפּאָטע — פאַרשטעקט אינם גאַרטל. ער וועט האַלטן זיין שטעקן אין האַנט און דרעמלען וועט ער גרינג, גרינג, כדי ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן און זאָל חלילה נישט דורכלאָזן עמעצנס אַ קבורה...

און מאָדנע איז געווען דאָס, וואָס זאַלי האָט דאָך טאַקע אויסגעלעבט און איז אַרויס פון דער מגפה גאַנץ, כאָטש ער איז שוין געווען זייער אַלט און די מגפה איז געווען זייער אַ מוראדיקע און אַלטע לייט זענען ביי איר אומגעקומען אויפן ערשטן פייער. מען האָט געגלויבט:

— זאַלין האָט דער מלאך המות נישט געטשעפּעט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אים געהאָלפן — ער האָט קיין איין מת נישט דורכגעלאָזט.

נאָר זאַלין האָט די מגפה געקאָסט פיל געזונט. פון שטענדיקן אַרומלויפן צו די קבורות, האָט ער פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון זיינע כוחות.

איצט, נאָך דער מגפה, איז ער שוין געווען געל און שוואַך. אויב אין שטאָט איז עמעצער מיט אַ נאַטירלעכן טויט געשטאָרבן, האָט ער זיך שוין קוים צוגעשלעפּט צום הויז, ווו עס געפינט זיך דער מת, זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין שטוב אַריין, זיך געשפּאַרט אין וועג אויף מענטשן, אויף שטולן און אויף טישן, און קוים אויסגעקרעכצט זיינע ביינלעכע קברנישע ווערטער:

— גענוג, אוי... אוי... גענוג ווייבען... לאָזט טאָן דעם מת זיין רעכטס.

נאָר געלעבט האָט ער דאָך נאָכדעם נאָך פיל, פיל יאָרן, געלעבט מיט שוואַכע כוחות און האָט אַלץ ווי פריער נישט דורכגעלאָזט אין שטאָט קיין איין קבורה.

עס האָט זיך אַזוי ווידער אוועקגעצויגן אַ שפּאָגל נייע צייט.

III

אינמיטן ווינטער, אין די גרויסע פרעסט איז איינמאָל אין אַן אָוונט געשטאָרבן אין שטאָט זייער אַ חשובע אלמנה. גערופן האָט מען זי:

— ראָזע פונם אָפּגעפאַרבטן הויז.

אָדער:

— ראָזי מאָניס.

זי איז געווען די לעצטע אין דער אַלטער חשובער משפחה קאַמינסקיס, וועמענס ערשטע זיידעס זענען געווען די רב שבתיס פון איין זייט און די רב קלמנס פון דער צווייטער זייט.

ראָזע פונם געפאַרבטן הויז האָט מען זי גערופן, ווייל איר הויז אינמיטן שטאָט האָט זי תמיד געהאַלטן אין איין איבערמאָלן, איז איין איבערפּוצן פון ווייס אויף גרין, פון גרין אויף בלאָ, פון בלאָ אויף רויט, און פון רויט אויף פאַרשידענע אַנדערע קאָלירן. דאָס זעלבע האָט זי אויך געטאָן מיט די פענצטער, מיט די גאַניקעס און מיט די אינעווייניקסטע צימערן. תמיד האָבן ביי איר געאַרבעט טייערע פרעמדע בעלי-מלאכות. תמיד האָט פון דאָרט געשמעקט מיט פרישע אייל-פאַרבן, מיט טערפּענטין און מיט לאַק, און די דאָזיקע פרישע פאַרבן האָבן תמיד געקיצלט אין דער נאָז — איבערהויפּט אום זומער אין אַ הייסן שבת בייטאָג, ווען אַרומיקע רויקע אויגן האָבן ליב צו קוקן אויף עפּעס נייעס, און רויקע נעזער האָבן ליב אַריינצושמעקן אין זיך עפּעס שאַרפס. דאָס דאָזיקע הויז האָט דעריבער תמיד אויסגעזען ווי ניי-פאַרטראַכט, ניי-אויסגעבויט און אויך די באַלעבאָסטע פונם הויז האָט איבער עפּעס תמיד אויסגעזען ווי ניי, כאָטש קיין יונגע איז זי שוין נישט געווען — אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אפשר פופציק — נאָר געדאַכט האָט זיך תמיד, אַז זי איז אַ נייע, ווייל אַ שיינע איז זי געווען פון שטענדיק, און איר מאַן איז איר זייער יונג אָפּגעשטאָרבן, און געהאַט האָט זי פון אים סך-הכל איין קינד — אַ מיידעלע — און טאַקע איבער דער דאָזיקער מיידעלע האָט מען זי נאָכדעם אָנגעהויבן צו רופן מיטן נאָמען „ראָזע מאָניס". געווען איז די מעשה אַזוי:

ווען דאָס מיידעלע איז אַלט געוואָרן סך־הכּל אַ יאָר צוועלף, האָט עס שוין געהאַט אַ זייער שיינעם געשטאַלט, און געווען איז דאָס אי גרויס, אי קליין; עס האָט תמיד געהאַט רויטע אויערן און האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיטן רויטלעכן פידעלע, אויף וועלכן עס האָט זיך געלערנט שפּילן — אַ ציכטיק פידעלע מיט אַ ראָזן באַנד ביי די פּלעקלעך. און אויגן האָט דאָס מיידעלע געהאַט גרויסע, לאַנגלעכע, מיט האַלב־ברוינע אַפּלען אויפן אָרט פון שוואַרצע־גאָלדענע אַפּלען, דורכזיכטיקע, ווי דורכזיכטיקער בורשטין, און אַז מאַנסבילן האָבן זיך באַגעגנט מיט אָט דער מיידעלע און מיט אָט דער מיידעלעס אויגן, זענען ביי זיי דאַמאָלס זייערע געדאַנקען געווען סיי אַזעלכע, וואָס מען האָט, ווען מען באַגעגנט אַ קינד און סיי אַזעלכע, וואָס מען האָט, ווען מען באַגעגנט אַ גרויסע.

צו יענער צייט האָט זיך איבערגעצויגן פון דאָרף אין שטאָט אַ רייך־געוואָרענער ייד. אַ פּאָסעסאָר. געהאַט האָט דער פּאָסעסאָר זייער אַ שיינעם, ווילן בחור פון אַ יאָר פיר־און־צוואָנציק, און דער דאָזיקער בחור האָט זיך פאַרליבט אין דער צוועלפיעריקער מיידעלע. ער האָט אָנגעהויבן צו ․זאָגן, אַז ער וויל איר „וואַרטן", ער וויל זי נעמען.

— אָדער זי, אָדער קיינער נישט—אַזוי האָט געזאָגט דער בחור.

קיין בייז האָט אין דעם קיינער נישט געזען. כאָטש טשיקאַווע איז די מעשה געווען: ער — אַ בחור פון אַ יאָר פיר, פינף־און־צוואָנציק; זי — אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף. נאָר ווייל דער בחור האָט אָנגעהויבן גאַנצע טעג פאַרפאַלן צו ווערן ביי דער אלמנה אין הויז און איז נאָך דאָרט תמיד פאַרזעסן ביז שפּעט אינאַווענט; ווייל די אלמנה איז פון איר יוגנט אָן געווען אַ שיינע און האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו פּוצן, און ווייל אירע אָן אָפּגעזאָגטע דינסט האָט זיך געשווירן: „איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען אַלדאָס־גוטס", האָט מען אין שטאָט אָנגעהויבן אונטערצורעדן:

— מאָני מיינט נישט אַזוי די טאָכטער, ווי ער מיינט די שוויגער.

— איידער דאָס מיידעלע וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיך דער ווייל נישט נאַרן ביי איר מאַמען.

און ווייל די שמועסן האָבן זיך וואָס אַ חודש אַלץ מער פֿאַר־בּרייטערט, האָט די אלמנה באַשלאָסן וואָס גיכער צו ברעכן טעלער און צו פּראַווען פֿאַר אַ גרויסן עולם תּנאים, כּדי אַלע זאָלן וויסן צוליב וועמען מאָני קומט אַריין צו איר און צוליב וועמען ער פֿאַר־ברענגט בײַ איר אַלע טאָג ביז שפּעט אינאַוונט. נאָר ווייל די תּנאים זײַנען אַרויס צו רעשיקע און צו מאָדנע — תּנאים צווישן אַ צוועלפֿ־יעריקע מיידעלע און אַ פֿיר־און־צוואַנציק־יעריקן שײַנעם און געזונט־סיקן בחור — האָט מען אין שטאָט נאָך אָנגעהויבן צו רעדן:

— די תּנאים זײַנען אַ פֿאַרבלענדעניש און מער גאָרנישט.

— עס איז לײַטן אויף געלעכטער.

— עס איז אויף צו פֿאַרוואַרפֿן יענעם די אויגן.

און ווייל די דאָזיקע שמועסן האָבן נישט אויפֿגעהערט, האָט די אלמנה באַשלאָסן חתונה צו מאַכן איר וואָס גיכער, כאָטש די טאָכטער איז נישט דאַמאָלס קיין גאַנצע פֿופֿצן יאָר נישט אַלט גע־ווען. די חופּה איז ווידער געווען זייער רעשיקע, מיט פֿיל מחותּנים, מיט פֿיל טאַנצנדיקע מיידלעך, און בײַם „באַדעקנס" האָט די אלמנה זייער געוויינט, זי איז געפֿאַלן אין חלשות — פֿון האַרצווייטיק, צי איבער די ביטערע רכילות, וואָס מען האָט אָן אויפֿהער וועגן איר געפּירט. נאָר ווייל די חתונה איז געווען זייער אַ רעשיקע, ווייל זי האָט שטאַרק געוויינט, האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו רעדן:

— זי באַוויינט מאָני!

— זי געזעגנט זיך מיט אים.

— זי קען אים פֿון זיך נישט אָפּלאָזן.

די אלמנה האָט דערנאָך באַלד נאָך דער חתונה באַזעצט דאָס פֿאַרפֿאָלק זייער ווייט פֿון זיך, אין צווייטן עק שטאָט. נאָר ווייל זי האָט דאָס פֿאַרפֿאָלק באַזעצט פֿון זיך צו ווייט, האָט מען אָקאָרשט איבעראַנייס אָנגעהויבן צו רעדן, אַז עס איז אומישנע:

— מען ווייסט צוליב וואָס זי טוט עס.

— ערשט פֿון הײַנט הויבט זיך אָן פֿאַר איר אַ לעבן.

— און וואָס מער די אלמנה האָט זיך פֿון פֿאַרפֿאָלק דער־ווייטערט, אַלץ מער האָט מען אין דעם געזען סימנים, אַז די שמועסן זײַנען נישט קיין אויסגעטראַכטע. און גערעדט האָט מען דערבײַער

די גאַנצע צייט, גערעדט האָבן אַלע אָן אויפהער, ביז די אַלמנה איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

---

געשטאָרבן איז ראָזע פונם געפּאַרבטן הויז אום ווינטער אַרום ניין אַזייגער אינאָוונט. די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע, אַ ברענענדיק־פראָסטיקע. און ווי נאָר אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז זי איז געשטאָרבן, אַזוי באַלד האָט זיך יעדערן אָנגעהויבן אויסצודאַכטען, אַז עס איז עפּעס מאָדנע שטיל, אומגעוויינלעך שטיל, כאָטש דער אָוונט איז אַזאַ ווי אַלע אָוונטן, און דער ווינט אינדרויסן בלאָזט און די קעלט איז גרויס, און דער פראָסט ברענט. און אין דער דאָזיקער שטילקייט איז אַלעמען אַרויף אַ געדאַנק, אַז אפשר איז גאָר די גאַנצע מעשה געווען אַן אויסגעטראַכטע, אַ רכילות פון בייזע מיילער. און ווי נאָר מען האָט אַזוי אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַזוי באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן, אַז עס איז טאַקע אַזוי; עס איז קלאָר. אַ סימן האָט מען — דאָס פּאָרפאָלק איז גליקלעך, און קיין ריכטיקע באַווייזן איז דאָך גאָר די גאַנצע צייט נישט געווען. און פון אַ דינסט, וואָס איז אויסן צו באַרעדן, איז קיין סימן נישט. יעדערער האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו דערפילן, ווי שטאַרק די אַלמנה האָט געליטן — אַלץ וואָס זי האָט געליטן, כדי אַראָפּצונעמען פון זיך די שאַנד מיט די רכילות, האָבן מענטשן אויסגעטייטשט פונקט קאַפּויר און האָבן מיט דעם נאָך מער געשאַרפט די ציינער. און ווייל גערעדט אָדער געטראַכט וועגן איר שלעכטס האָבן כמעט אַלע אין שטאָט, האָבן דעריבער כמעט אַלע אין שטאָט געפונען, אַז זיי זענען שולדיק; אַלע האָבן דערפילט, אַז זייער חוב איז איר אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד. אין דער פינצטער, לעבן דער שטוב פון דער געשטאָרבענער, האָבן דעריבער זיך אָנגעזאַמלט זייער פיל מענטשן, כמעט די גאַנצע שטאָט; מען איז לאַנג געשטאַנען אויף דער קעלט, אויפן ברענענדיקן פראָסט און מען האָט צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, ווייל רעדן האָט געהייסן — זאָגן, אַז זי איז געווען אומשולדיק, און זאָגן, אַז זי איז געווען אומשולדיק, האָט געהייסן — מודה זיין, אַז אַ חשד איז דאָך אויף איר געווען. מען האָט דערי־

בער געשוויגן. נאָר ווייל אַלע האָבן געשוויגן, האָבן אַלע געפילט, אַז דאָס שווייגן איז גלייך, ווי מען וואָלט אויף איר איצט דאָ, לעבן איר הויז, נאָכאַמאָל גערעדט, ווייל אויב נישט דאָס, פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס שווייגט מען נישט, ווען עס שטאַרבט אַן אַנדערער?

עמעצער האָט דעריבער אַ זאָג געגעבן:

— מען טאָר דעם מת נישט לאָזן איבערנעכטיקן. עס איז נישט קיין כבוד. מען דאַרף זי באַלד מקבר זיין.

און ווי מען האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „מקבר זיין", האָט זיך גלייך באַוויזן זאַלי אין זיין שווערן, ברייטן פעלץ אַן אונטער־געגאַרטלטער, מיט זיין גלאַנציקן, גלאַטן שטעקן אין האַנט.

דער עולם האָט גלייך אָנגעהויבן צו רעדן:

— עס איז נישט קיין כבוד פאַרן מת. מען דאַרף זי באַלד מקבר זיין.

און ווייל אַלע זענען געווען אין דעם אייניק, און קיינער האָט זיך נישט געפונען, וועד עס זאָל הייסן אָנלייגן די קבורה אויף מאָרגן; ווייל אַלע האָבן זיך נאָכדעם געלאָזט נאָך דער מיטה צום בית-עולם, וואָס ליגט ווייט אַרויס דער שטאָט, אויפן באַרג, האָבן אַלע מיטאַמאָל דערפילט, אַז מיט דעם אַליין איז מען ווי מודה, אַז אין משך פון איר לעבן האָט מען געהאַט אויף איר אַ גרויסן חשד, אַז די גאַנצע גרויסע לוויה, וואָס זי האָט, איז מער נישט ווי אַ שפּאָגל-נייער שטומער רכילות־רעדן, וואָרים פאַרוואָס גיט מען עפּעס פּונקט איר אָט אַזאַ כבוד?

מיט איין וואָרט:

פּונקט ווי די אַלמנה האָט זיך ביים לעבן נישט געקענט ריינ־וואַשן פונם שלעכטן שם, וואָס מען האָט איר געמאַכט, אַזוי אויך האָט איצט דער גאַנצער עולם געפילט, אַז ער קען זיך נישט ריינוואַשן פון די שלעכטע רייד און פון די שלעכטע געדאַנקען, וואָס מען האָט וועגן איר געהאַט.

און אַזוי האָט מען איבמיטן אַ ווינטיקער און פראָסטיקער ווינטער־נאַכט זיך גערוקט מיט דער שווערער לוויה צום בית-עולם, וואָס אַרויף באַרג, אַרויס שטאָט—זיך גערוקט און געשוויגן, זיך גערוקט און געשוויגן. גע־שוויגן האָט מען אויך אויפן בית־עולם ביים קברות-מאַן אין קליינעם שטיבל,

ווו מען האָט געוואָרט ביז די גרעבער וועלן פאַרטיק ווערן מיט גראָבן דעם קבר און דאַמאָלסט האָט זיך געטראָפן די באַוווסטע מעשה מיט זאַלין.

IV

אין איין האַלב פון דעם קברות-מאַנס שטיבל איז געלעגן דער מת, און אין דער צווייטער האַלב האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דער גאַנ- צער עולם. זייט ביי זייט, אין גרויס ענגשאַפט, זענען דאָרט גע- שטאַנען כמעט אַלע מענטשן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. ביי אַן איינגעדרייטן רויכערדיקן לעמפּל, ביי שוויציקע הענט און נידעריקן צעשוויצטן באַלקן האָט די נאַכט אויסגעזען פחדימדי- קער, ווי די נאַכט פון נעכטן און אייערנעכטן. די מינוטן האָבן זיך אויסגעצויגן. פונדרויסן האָט דער שטאַרקער ביינאַכטיקער פראָסט געשטופּט אין שטיבל אַריין אַלץ נייע מענטשן. פאַרפרוירענע פיס האָבן געטופּעט, אין פאַרגליווערטע פויסטן האָט מען אַריינגעבלאָזן פון אויסגעקילטע מיילער. און ערגעץ-ווו אין ווינקל, אין הענגענ- דיקן וויגעלע, וואָס איבער אַן אַלטן שמאַטעדיקן בעט, האָט אַן אויפהער געוויינט דעם קברות-מאַנס קינד. אַ שמאַטעדיק ווייבל, דעם קברות-מאַנס פאַררויכערטע ווייבל, האָט מיט פאַרשלאָפענע עלנבויגנס דאָס קינד געוויגט. פאַרשלאָפענערהייט האָט זי זיך פאַרגעסן אַן דעם פרעמדן גרויסן עולם, וואָס אַרום אים, און האָט זיי- ער נודנע און פויל צוגעברומט, צוגעקרעכצט, צוגעכריפּעט און געמיינט מיט דעם צוצוזינגען דאָס קינד. זאַלי דער שמש האָט זיך איינגעמאָסטעט לעבן דער שמאַטעדיקער ווייבל אויפן ברעג פונעם שמאַטעדיקן בעט און האָט ערגעץ טיף אין זיך ווי אונטערגעקרעכצט, ווייל שטאַרק אַלט איז ער געווען, און די לעצטע טעג האָט ער זיך געפילט נישט מיט אַלעמען, און זיין פּנים איז אים געווען אביסל פאַררויטלט, ווי פון היץ. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיין אַלטן, אונטערגעגאַרטלטן פּעלץ, זיך איינגעהויקערט און געוואָלט אָנהויבן דרעמלען, נאָר פונדרויסן, פון קעגנאיבער די דיגע ווענטלעך און קליינע שוואַרצע פענצטערלעך, האָט זיך פּלוצלינג איבערגעריס דער-

הערט אַ שווער טופּען, אַ געררודער, ווי פאַר אַ קריג. און פון צווישן דעם גערודער האָבן זיך געלאָזט הערן אומצופרידענע קולות, גראָבע ווערטער און קללות — דאָס זענען די גרעבער געקומען צוריק פונם פעלד און האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן בשום אופן ווייטער דעם קבר נישט גראָבן:

— די ערד איז דורכגעפרוירן דורך און דורך.

— ווי אייזן איז זי.

— מען מוז זי האַקן מיט העק.

— עס גליווערן די הענט.

— זאָלן גיין אַנדערע גראָבן.

— זאָל מען איבערלאָזן דעם מת און אַוועקגיין ביז אינ־דערפרי.

— בייטאָג ברענט נישט אַזוי דער פראָסט.

פונם עולם האָט זיך געלאָזט הערן קולות:

— מען וועט נישט לאָזן דאָ דעם מת!

— עס איז נאָך אַזאַ מעשה אין ערגעץ נישט געהערט געוואָרן.

און אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס וואָלט געהייסן איבעראַנייס הושד זיין זי, רעדן אויף איר שלעכטס. די גרעבער זענען ווייכער געוואָרן.

— זאָל מען ברענגען פון שטאָט אַן אָקע בראָנפן, וועט מען זיך אַביסל דערוואַרעמען; מען וועט נישט פילן אַזוי שטאַרק דעם פראָסט.

— זאַלי זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין שטאָט נאָך בראָנפן.

זאַלי האָט זיך געפילט שוואַך, ווי ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט, נאָר ווייל ער האָט זיך געפילט שוואַך, האָט ער מסכים געווען זיך אַראָפּצולאָזן אין שטאָט נאָך בראָנפן — ער האָט מורא געהאַט: מען וועט אָפּלייגן די קבורה אויף מאָרגן, און טאָמער בלייבט ער מאָרגן ליגן צובעט; ער וועט דאַן דורכלאָזן די קבורה, און אויב ער לאָזט דורך אַ קבורה, איז ער אַ פאַרטיקער, און אַחוץ דעם — זאַלי האָט געגלויבט: פון נאָך יעדער קבורה ווערט ער אַביסל שטאַרקער... קרעפטיקער, און ווער ווייסט? אפשר פילט ער זיך איצט שוואַך נאָר דערפאַר, ווייל אין שטאָט איז שוין

לאַנג קיין קבורה נישט געווען... ער האָט דעריבער אָנגעצונדן זיין לאַמטערן, זיך שטייפער איינגעצויגן אין אַלטן פעלך מיטן גאַרטל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין שכאָט אַריין. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס ביי אים נישט געווען; גיין ביינאַכט מיטן לאַמטערן פון בית-עולם אין שטאָט אַריין איז ביי אים געווען אַ קלייניקייט. ער האָט אין אַ הינטערגעסל אָנגעקלאַפּט צו אַ ווייבל, וואָס האָט בראָנפן צו פאַרקויפן, האָט זיך דאָס ווייבל פונם שלאָף זייער שטאַרק דערשראָקן, ווייל יעדער מענטש דערשרעקט זיך, אויב זאַלי קלאַפּט צו אים ביי-נאַכט אין פענצטער. פון דער גאַנצער מעשה, וואָס זאַלי האָט איר דערציילט, האָט זי פאַרשלאָפענערהייט גאָרנישט פאַרשטאַנען. געקו-מען צו זיך איז זי אָקאָרשט שפּעטער, ווען זי האָט זאַלין אין שטוב אַריינגעלאָזט און אים דאָרט געגומען אָפּמעסטן דעם בראָנפן. פּלוצים אָבער האָט זי זיך דערפילט אָן דעם אומגליק, וואָס האָט נעכטן אינ-אָווגט געטראָפן איר שכנה, וואָס וווינט אין דער צווייטער האַלב פון שטוב. זי האָט אויפגעפּליעסקעט מיט די הענט.

— אוי, ר׳ זאַלי, נאָר גאָט האָט אייך צוגעשיקט. נעכטן אינאָווגט איז ביי דער שכנה געשטאָרבן אַ פּיצל קינד, אַן עופהלע פון אַ חדשים צוויי, און די קינדער אין שטוב האָבן דאָרטן זייער מורא... איך בעט אייך, ר׳ זאַלי, איר גייט שוין אויפן „פעלד“ סיי-ווי-סיי, נעמט עס מיט זיך... איר וועט האָבן אַ גרויסע מצווה.

און ווייל דאָס ווייבל איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, און ווייל ער איז געווען איינגעגלויבט, אַז וואָס מער מיט אַ קבורה, איז אַלץ פאַר אים בעסער, איז זאַלי דערויף איינגעגאַנגען:

— אין ווייזט עס אַהער, — האָט ער געזאָגט — נאָר גיכער.

דאַמאָלסט איז דאָס ווייבל אין איילעניש אַריינגעלאָפן צו איר שכנה און האָט אים אַרויסדערלאַנגט אין פינצטערן אונטערהויז זייער אַ קליין פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַן אַלט צעריסן העמד. זאַלי האָט עס נישט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן. טראָגן דאָס אין די הענט איז אים געווען קאַלט, און ווייל עס איז געווען זייער אַ קליינס, האָט ער עס אַריינגעלייגט צו זיך אין בוזעם און האָט מיט דעם אַוועקגעשפּאַנט צוריק אויפן בית-עולם.

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווען די גרעבער האָבן אויסגעטרונקען דעם בראָנפן און זענען אַוועק צוריק אויפן „פעלד" האַקן אין דער געפראָרענער ערד דעם קבר. דעם קברות־מאַנס האַלבע שטיבל איז נאָך אַלץ געווען פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. זאַלי האָט זיך ווידער איינגעמאָסטעט אין עק פון שמאָ־טעדיקן בעט לעבן דעם הענגענדיקן וויגעלע. איצט איז דאָס קינד געשלאָפן. זאַלי האָט זיך ווידעראַמאָל איינגעהויקערט, אַן אונטערגע־גאַרטלטער אין זיין שוואַרצן פעלץ. און ווייל ער איז געווען נישט מיט אַלעמען. דערצו נאָך איז ער געווען זייער מיד פונם גאַנג אין שטאָט אַריין, האָט ער גלייך אָנגעהויבן זיצנדיק צו דרעמלען, ער האָט נישט געדענקט ווי לאַנג זיין דרעמל האָט זיך געצויגן, נאָר אַז ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער דערזען, אַז די פענצטער זענען שוין בלאָס — אינדרויסן הויבט אָן צו טאָגן. דאָס ערשטע געפיל איז ביים עפענען די אויגן געווען ביי אים דאָס, וואָס אים איז עפּעס שווערלעך — אים איז עפּעס ענגער ווי תמיד, אינם בוזעם פון זיין אונטערגעגאַרטלטן פעלץ.

— טפו! — האָט ער אויסגעשפּיגן מיט פאַרדרוס.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס נפשל ליגט נאָך אַלץ ביי אים אין בוזעם — ער האָט עס פאַרגעסן אַרויסצונעמען.

ער האָט דאָס נפשל פון בוזים אַרויסגעשלעפּט און האָט אויף דעם אַ קוק געגעבן — אַ קליין פּעקעלע, נאָר אַ נפשל איז דאָס — עס האָט אַ קעפּעלע, אַ קערפּערל מיט הענטלעך און מיט פיסלעך, עס פאָדערט קבורה, ווי אַ גרויסער.

און באַלד האָט ער באַמערקט, אַז אין שטיבל אַרום איז איז פּוסט. קיינער איז שוין נישטאָ — הייסט עס: דעם גרויסן מת האָט מען שוין לאַנג מקבר געווען און מען איז איז אַוועק, מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים — ער, זאַלי, האָט פאַרשלאָפן אַ קבורה— איצט איז ער אַ פּאַרטיקער...

אין גרויס שרעק האָט ער דאָס עופעלע געשווינד אַריינגערוקט צוריק אין בוזים — גוט, וואָס ער האָט כאָטש צו מקבר זיין אָט דאָס עופעלע... דער עיקר איז: מיט עמעצנס אַ קבורה איז ער באַ־שעפטיקט. ער קען דאָך נישט מקבר זיין צוויי מענטשן אויף איין

מאָל. קיינער קען נישט טאָן אויף איין מאָל קיין צוויי מלאכות. דער עיקר איז, וואָס מיט עמעצנס אַ קבורה איז ער באַשעפטיקט.

און ער האָט אין שרעק ווידעראַמאָל ביי זיך אין בוזים אַ טאַפּ געגעבן דאָס קליינע קערפּערל — עס האָט אַ קעפּעלע, עס האָט הענטעלעך און פיסעלעך — עס פּאָדערט קבורה ווי אַ גרויסער...

ער האָט זיך אין גרויס שוועריקייט אויפגעהויבן און זיך גע-לאָזט גיין, אין שטאָט אַריין צו זיך אַהיים. לאָזן דאָ דאָס עופּעלע האָט נישט געהאַט קיין שום זין — סיי-ווי-סיי דאַרף מען נעמען אין שטאָט אַ גרעבער און זיך אומקערן צוריק אויפן בית-עולם גראָבן אַ קבר. און חוץ דעם... ער, זאַלי, פילט זיך מאָדנע שוואַך. איז נישט מיט אַלעמען... טאָמער בלייבט ער ליגן צווּבעט, און פאַר דער צייט שטאַרבט עמעצער אין שטאָט; צו דער קבורה וועט ער נישט קע-נען גיין. טאָ זאָל יעדנפאַלס בלייבן ביי אים דאָס עופּעלע. עס איז יעדנפאַלס אַ תירוץ, ווייל אַ נפשל איז דאָס — עס האָט אַ קע-פּעלע, עס האָט הענטעלעך און פיסעלעך — עס פּאָדערט קבורה, ווי אַ גרויסער.

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זאַלי געשטאָרבן.

געשטאָרבן איז ער אינדערהיים, ביי זיך אויפן בעט, אַן אָנגע-פּלעצטער אין זיין אַלטן, שווערן פּעלץ, אַן אונטערגעגאַרטלטער, מיט זיין גלאַטן, גלאַנציקן שטעקן אין האַנט — אַ גרייטער צו לויפן צו עמעצנס אַ קבורה און דאָרט אויסצוקרעכצן:

— געגוג צו וויינען, אוי, אוי... לאָזט טאָן דעם מת זיין רעכטס.

ווען מען איז אַריין צו אים אין שטוב, כדי אים מטהר צו זיין און אים ברענגען צו קבורה, האָבן אַלע גלייך דערפילט, ווי עס פאַרכאַפּט דער אָטעם; אַלע האָבן גלייך אַ כאַפּ געגעבן די הענט און זיך פאַרשטעלט די נעזער.

אָקאָרשט שפּעטער, ווען מען האָט אים אויפגעגאַרטלט און אַראָפּ-געצויגן פון אים דעם פּעלץ, האָט מען דערזען, פונוואַנען דער שרעק-לעכער געשטאַנק קומט — ביי זאַלין אין בוזים דאָרט מען געפונען אַן עופּעלע — אַן עופּעלע, וואָס ער אַליין האָט זיך צוגעגרייט, כדי

ער זאָל תּמיד זיין באַשעפטיקט... כּדי ער זאָל תּמיד ברענגען עמעצן צו קבורה.

קיין קינדער האָט זאַלי נישט געלאָזט, געבליבן איז בלויז דער אָנדענק פון אָט דעם ריח — אַ ריח פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן באַשעפטיקט מיט קבורה...

---

# סטאַנציע קאָטליעט

# סטאַנציע קאָטליעט

פֿאַראַן אַזאַ סטאַנציע אין איינעם פֿון די לענדער, וואָס געפֿינען זיך אין שכנות מיט רוסלאַנד.

מע פֿאָרט אַרויס גאַנץ פֿרי פֿון דער הויפּטשטאָט; מע קומט אָן צו איר אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג; מע דערזעט:

אַן אַלטע הויכע וואָקזאַל־געביידע מיט אַן אָפּגעקראָכענעם זשאַווערנדיקן דאַך קוקט אויס די גרינע געגנט אַרום איר באַרג, האַלט אין אויג די ווייטע צעוואָרפֿענע דערפֿלעך, ווי אַ הירט זיינע צעוואָרפֿענע שאָף.

לעבן וואָקזאַל — אַ פּלאַצפֿאָרם, אַ ראַמפּע, עטלעכע גרינע און רויטע לאַמטערנס, אַ שלאַגבוים, אַ וואַסער־טורם — אַלץ, וואָס אַ באַן־סטאַנציע דאַרף האָבן.

און נעמען פֿאַרמאָגט זי צוויי—אַן אַלטן און אַ נייעם.

דער אַלטער נאָמען ווערט באַנוצט בלויז אין די אָפֿיציעלע פּאַפּירן, ער דערמאַנט אַביסל אָן די נעמען פֿון די „עשרת בני המן” און רעדט זיך אויס נישט גאָר גרינג:

— פֿאַרשעוועגשטאָ.

מיטן צווייטן נאָמען באַנוצן זיך די אָפּטע דורכפֿאָרער, די גאַנצע אַרומיקע באַפֿעלקערונג, און מע קאָן זאָגן, אַז ער איז אַ לייכטער נאָמען. יעדנפֿאַלס רעדט מען אים אויס זייער גלאַט:

— סטאַנציע קאָטליעט.

דער צוג לויפֿט אַהין מיט אַ געשלענגלטן וועג, וואָס זוימט אַרום די ברעגעס ביי אַ קייַלעכיקן טאָל. דורך די וואַגאָן־פֿענצטער

זעט מען: פון גרין-באַוואָקסענע דערפלעך, וואָס איןביידע זייטן, לויפן שקצימלעך צום וואָקזאַל—זיי לויפן מיט די פעלדער און מיט פאַרקירצטע וועגן; לויפן פונאַנדערגעשאָטן און געשווינד, ווי אין אַ געוועט אָנצוקומען צום וואָקזאַל פריער, איידער אַהין וועט דער־גרייכן דער צוג. וואָס נעענטער מע דערזעט זיי דורך די פענצטער, אַלץ מער באַמערקט מען, אַז זיי זענען גראָבינקע, פעטינקע, שמו־ציק-געשוואָלענע שקצימלעך. זייערע פאַררויטלטע פנימלעך זענען אָנ־געגאָסן מיט פרישער בלוטיקער זאַפט. די הענט און די פיס — פעט און אָנגעבלאָזן, ווי לאָמפּנגלעזלעך. זייערע אויגן קוקן פרייליך, ווי די אויגן פון יונגע זאָרגלאָזע פרעסערלעך.

ווען דער צוג בלייבט שטיין ביי דער סטאַנציע, וואַרטן שוין דאָרט די שקצימלעך. זיי פאַרלאַפּן פלעצער ביים אַריינגאַנג אין וואָקזאַל, אָטעמען שווער נאָכן געלויף און קוקן צו דער טיר, ווי הינט—צו דער טיר פון אַ יאַטקע; זיי שטויסן איינער דעם צווייטן, ווי חזקה-מענטשן:

— לאָז, אַנישט גיב איך דיר אין פיסק!

— טרעט אָפּ!

— דאָ בין איך געשטאַנען נעכטן.

— סע מיין אָרט! דאָ שטיי איך אַלע טאָג.

און פונם וואָקזאַל טראָגט זיך דערווייל אַ ריח פון פרישע הייסע קאָטליעטן, וואָס זענען איינגעהאַקט מיט אַסאַך ציבעלעס און ווערן געפּרעגלט אין הייסער שרייענדיקער חזיר-שמאַלץ. דער ריח שפּאַרט אַרויס פון אַלע אָפענע פענצטער און קיצלט אין דער נאָז אַזוי שטאַרק, ביז עס ווערט זייער נאַס אין מויל און עס הייבן אָן צו טרערן די אויגן...

אין וואָקזאַל, לעבן דעם לאַנגן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט גאַנצע בעקנס הייסע קאָטליעטן, שטייט דער באַלעבאָס פונם בופעט — אַ ציגיינערש-שוואַרצער גויעץ מיט בייזע אַרויסגעקראָכענע אויגן און מיט ברודיק-שוואַרצע פעטע נעגל. זיין קויטיק העמד איז צעכראָס־טעט און אויך זיין מויל מיט די גראָבע ליפּן זעט אויס, ווי צע־כראָסטעט. פונם צעכראָסטעטן העמד זעט זיך אַרויס אַ ברודיקע, שוואַרץ-באַוואָקסענע ברוסט, אַ שווייסיקע און מאַנסבילש-ווילדע, און פון זיין

צעבֿראָסטעט מויל זעען זיך אַרויס שיטערע שוואַרץ־פאַררויכֿערטע ציין. ער האַלט אין איין גיסן שנאַפּס אין די צוויי אָפּגעטרונקענע גלעזלעך, וואָס שטייען לעבן אים און לעבן דעם וואָקזאַל־זשאַנדאַרם, און רעדט דערביי וועגן זיינע געשעפטן זייער האַרציק, קלאַפּנדיק מיט אַ פויסט אין ברוסט:

— איך בין, ווייסן אַלע, אַן אָרטיקער, אַן אמתער אָרטיקער, און ווי פאַרשטייסטו?.. — פרעגט ער ביים זשאַנדאַרם. — אַז מיר האָבן זיך דערלעבט אַ שטיקל אייגן לאַנד, דאָ ווו מיר וווינען, דאַרף איך אויך דערצו עפּעס געניסן?.. זאָג: יאָ צי ניין?.. נו גוט! זאָגט מען צו מיר: דו לעקעש איינער, דו נעם אין אַרענדע דעם בופעט אויפן וואָקזאַל, וועסט פאַרדינען אַ ביטל מיט געלט, זאָגט מען מיר, וועסט ווערן רייך. נו געמאַכט, גענומען אין אַרענדע דעם בופעט — סיי־ווי־סיי האָט מיין ווייב פריער געדינט ביים פריץ, פון אירע קאָטליעטן האָבן אַלע געלעקט די פינגער. איז שוין דאַכט זיך גוט, אַ?.. זענען זיך מיישב די זשידעס און ווילן ביי מיר אין בופעט די קאָטליעטן נישט קויפן. וואָס איז? „טרייף" זאָגן זיי. אַך אַזוי גאָר? — נו איז געדענקט זשע, אין אייער מאַמעס קישקעס אַריין! איך וואַרט אַ וואָך, איך וואַרט צוויי און דריי וואָכן — מיינע קאָטליעטן קויפט מען נישט, איך דערלייג דעם קאָפּ. גיי איך אוועק „צו וועמען מען דאַרף" און רוף זיך אָן צו אים אַזוי: „הער־זשע אויס, גוטער־ברודער, האַלב אויף האַלב; מיטן גאַנצן פאַרדינסט פון די קאָטליעטן צעטיילן מיר זיך ביידע, נאָר מאַך, גוטער־ברודער, אַזוי, אַז די זשידעס זאָלן די קאָטליעטן קויפן". טוט ער אַ טראַכט, אונזערער הייסט עס, און ענטפערט מיר אַזוי: „גוט, ענטפערט ער מיר, ס'וועט זיין רעכט. דו הייס, זאָגט ער, דיין ווייב, זי זאָל צוגרייטן וואָס מער קאָטליעטן, אַזוי — זאָגט ער — אַ שטיקלעך פיר־פינף הונדערט קאָטליעטן". איצט איז שוין רעכט. וואָס גייט עס מיך אָן, צי יאָ טרייף, צי נישט טרייף — דאָס איז אייערע זשידאָווסקע מעשיות דאָרטן?.. איך ווייס מיר איין זאַך: איך האַלט דעם בופעט אין אַרענדע אויף צו פאַרדינען און נישט אויף צו דערלייגן, און איר, זשידעס, איר זענט פאַסאַזשירן — צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט נישט — איר מוזט אויסקויפן אַלע טאָג די קאָטליעטן. וועמען גייט עס אָן, צי איר עסט יאָ טרייף, צי

איר עסט נישט טרייף? נישט געועכט אפשר, וואָס?...

— לאָמיר זיין געזונט! — ענטפערט דער זשאַנדאַרם און קלאַפּט זיך מיט אים מיט די גלעזלעך.

דערבײַ שמייכלט בײַם זשאַנדאַרם בלויז די רויטע, שיכּורע נאָז. זײַנע באַטרונקענע אייגעלעך דריקן אויס לײַטישקייט — לײַטישקייט פון אַ מענטשן, וואָס כאַטש מע איז אַקעגן אים אַ חזיר און מע גיט אים קיין חלק נישט, פונדעסטוועגן האָט ער מיטגעפיל און שטערט נישט.

— לאָמיר זיין געזונט! — קערט איבער זײַן גלעזל אין צע־כראַסטעטן מויל אַריין דער באַלעבאָס פון בופעט און מאַכט אַ באַ־וועגונג אויף אָנצונעמען די רויטע שמאַטע, וואָס ליגט בײַ דער זײַט און אויף צו פאַכען מיט איר, כּדי אַראָפּצוטרײַבן פון די קאָטליעטן די מחנות שוואַרצע בײסיקע פליגן.

אינדרויסן, אויף דער פלאַצפאָרם, לאַנגווײַליקט זיך דער געקוי־מענער צוג. די וואַגאָנעס, דער לאָקאָמאָטיוו, די מענטשן און אפילו די זומערדיקע זון, וואָס באַלײַכט זיי, — אַלץ זעט אויס, ווי אין אַ צייט פון פאַרעקשנטן שטרייק, און דער פירער פונם שטרייק — אַזוי דאַכט זיך — איז דער וואָקזאַל־זייגער, זײַנע ווײַזערס רוקן זיך נישט — ער שטייט. די יעניקע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן נישט קיין פּעקלעך און האָבן נישט מורא, אַז מע וועט זיי באַגנבענען, שטייען אַלע אינדרויסן. אַרויסגערוקט מער ווי אַלע שטייט אַ פעטער ייִד מיט אַ געלער ווײַסער באָרד און קוקט צו אַ צווייטן ייִדן, אַ לאַנגן דראָנג, וואָס קומט אַרויס פון וואָקזאַל.

— משה! — שרײַט ער מיט אַ קול פון אַ ייִדענע צום לאַנגן, — נו, וואָס הערט זיך? מען וועט אַמאָל פאָרן? משה!

— ווער, וואָס, ווען — ענטפערט יענער, — ס'איז נאָך פאַר אַלע „היומס", מע האַלט נאָך גאָר פאַר „מה טובו".

— וואָס אי־דען, משה?

— הערסטאָך — ענטפערט דער לאַנגער, — די קאָטליעטן... זיי ליגן נאָך אַלע אין בופעט אויף די בעקנס.

אַ ווײַלע איז שטיל. ביידע — דער לאַנגער און דער פעטער — שטייען צווישן די פּאַסאַזשירן און קוקן אַזוי לאַנג צו איינער אַ

וואָקזאַל־טיר ביז פון איר קומט אַרויס אַ האַלב־אויסגעפּוצטער יונגער־מאַן, וואָס טראָגט אַ גומענעם קראַגן און אַ שרייענדיק־פאַרביקן בילי̈קן שניפּס:

— באַרישפּאָלסקי! — שרייען זיי צו אים, — איר האָט גערעדט מיטן נאַטשאַלניק? נו, וואָס זאָגט ער?

באַרישפּאָלסקי קוקט צו דעם גלאַנץ פון זיינע אייגענע פריש־אָפּגעפּוצטע שיך און בלייבט שטיין פונווייטנס.

— דער נאַטשאַלניק? — שמייכלט ער, — וואָס זאָל ער זאָגן?... פּכע, ער פאַרלייגט אַ קלאָץ: „דער וועג, זאָגט ער, איז אויף דער אַלטער וויאָרסט פאַרנומען״... ער מאַכט שטיק מאַלט ער. מע ווייסט דען נישט?... ער האָט אַ חלק ביים בופעטשיק אין די קאָטליעטן.

— איז וואָס־זשע וועט זיין, באַרישפּאָלסקי?

— וואָס זאָל זיין? מענטש איינער, ביז וואַנען מע וועט נישט אויסקויפן אין בופעט די קאָטליעטן וועט מען ווייטער נישט פאָרן.

— וואָס־זשע דאַרף מען טון?

— מען דאַרף אויסקויפן די קאָטליעטן.

— וואָס רעדט איר? באַרישפּאָלסקי — באַליידיקט זיך דער פעטער מיט דער ווייכער געלער באָרד, — איך וועל גיין עסן טרייפע קאָטליעטן? עפּעס גלאַט אין דער וועלט אַריין רעדט איר!

עס גייט צו אַ נייער ייד, אַן אָרטיקער, זייער אַן אומעטיקער. ער האָט קאַליע ציין, קאַליע אויגן און איז אַ קאַלטער, נאָר ער קאָן נישט ליידן, וואָס מענטשן נאַרן זיך.

— מיט צוויי טעג צוריק — דערציילט ער זייער פאַמעלעך, זייער אומעטיק און זייער קאַלט, — איז דאָ דער צוג אָפּגעשטאַנען ביז עלף ביינאַכט. וואָס איז? צווישן די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפונען אַ פּאָר היינטיקע עקשנים, גרויסע חכמים, איר זאָלט מיר מוחל זיין. זיי זענען אַרומגעלאָפן איבער די וואַגאָנעס און האָבן יעדן איינגערוימט אין אויער: „יידן! קויפט נישט קיין קאָטליעטן, לא מיט אַ ספּאָדעק! דער נאַטשאַלניק מיטן בופעטשיק זאָלן אפילו קראַפּירן, נאָר איר קויפט נישט. נישקשה, ער וועט מוזן לאָזן דעם פּאָיעזד. נאָר נישט נאָכגעבן, יידן!״ זיי זענען אַלעמאָל געלאָפן צום נאַטשאַלניק און האָבן אים געקלאַפּט אין טיש, ער זאָל לאָזן דעם פּאָיעזד. נו?

האָט ער זיי געהערט? „ביים לאָקאָמאָטיוו, האָט ער זיי געענטפערט, איז אָנגעשפּאָלטן אַן אַקס, איך קאָן נישט לאָזן דעם פּאָיעזד אויף אומקומען". וואָס-זשע, מיינט איר, איז געווען? ס׳איז געוואָרן אײַנדרויסן פינצטער, ס׳האָט אַ בלאָז געטון אַ קיל ווינטל, זענען נעבעך מיינע חכמימלעך אַליין געלאָפן אין בופעט, אַליין געציילט די קאָטליעטן, אַליין אַרומגעלאָפן איבער די וואַגאָנעס צונויפנעמען געלט ביי די פּאַסאַזשירן...

דער פעטער מיט דער געלער ווייכער באָרד טוט זיך אַ כאַפּ:

— זיי האָבן געגעסן די טרייפע קאָטליעטן?

דער אָרטיקער אומעטיקער ייד מיט די קאַליע אויגן און קאַליע ציין איז ברוגז וואָס מ׳שלאָגט אים איבער. ער קוקט, ווי פאַרביטערט.

— וואָס געגעסן?... ווער געגעסן? — בייזערט ער זיך. — איר זענט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ פּרא-אדם. געגעסן די קאָטליעטן האָבן אָט די שקצימלעך. איר זעט אָן דאָרט ביים אַרײַנגאַנג שקצימלעך, צי ניין? איר זעט, ווי זיי שטייען אויסגעשטעלט ביי דער טיר? איז צו וואָס, מיינט איר, לויפן זיי אַהער אַלע טאָג פון די דערפלעך? און פון וואָס, מיינט איר, זענען זיי אַלע אַזוי פעט? שוין אַ מעשה פון דריי וואָכן, אַז זיי עסן דאָ אויף די קאָטליעטן, עס הייסט: יידן באַצאָלן אין בופעט פאַר די קאָטליעטן און זיי עסן זיי אויף. איי, עסן זיי! איר מעגט שוין אויף חריפות אָנקוקן, ווי זיי קייען.

אַרום דעם אָרטיקן אייבוויינער וואַקסט אַ מענטשן-רעדל. צוויי יידן קומען אַרויס פונם וואָקזאַל און ביידע שרייען:

— נו, אַן עק.

— אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

— קומט אַהער! — שרייט אַ דריטער, וואָס לויפט זיי נאָך פונאונטן, — לאָמיר אָנהייבן צונויפנעמען ביי די פּאַסאַזשירן געלט אויף די קאָטליעטן. אָט-אָ דאָרט פון יענעם עק, פון וואַגאָן צווייטער קלאַס. יונגערמאַן, גיט עפעס צושטייער...

ביים וואַגאָן צווייטע קלאַס שטייט אַ געזונטער געגאָלטער בחור אין אַ ווע־ליסאָפעדן-מיצל, ער ענטפערט נישט, שווייגט, רויכערט

קאַלטבלוטיק זיין קורצע, שוואַרצע פייקע און קוקט מיט שטיכיקע אויגן אויף די יידן, וואָס ווענדן זיך צו אים, ווי דריי קהלישע גבאים.

— גיט צושטייער, — רעדן צו אים אַלע דריי מיטאַמאָל, — פאַר־האַלט נישט. מ׳קאָן דאָך דאָ אייביק נישט שטיין — מ׳מוז דאָך אויס־קויפן אין וואָקזאַל די קאָטליעטן.

דער בחור, ווייזט זיך אַרויס, האָט נישט אומזיסט די גאַנצע צייט געשוויגן—ער איז אַ שווערער שטאַמלער.

— נגנ—יין, — ענטפערט ער מער מיטן קאָפּ, ווי מיטן מויל, — איך גגגגיב נישט... איך בין פפפון אַפּפּפריקע... איך האָב אַן ענגנגלישן פפפּפּאַס.

— נו אַט, — זענען די גבאים אויסער זיך, — אחינו בני־ישראל... גיי הייב אָן מיט אונזערע...

— איר וועט מיר גלויבן? — רופט זיך אָן דער אָרטיקער, דער אומעטיקער — איך האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט נעמען אויף זיך דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט — איך מיין: אָפּמאַכן מיטן בופעטשיק פאַר די קאָטליעטן סטאַביל, אָפּדינגען, פאַרשטייט מען, ביי אים אַביסל און צו־נויפנעמען דאָס געלט ביי פּאַסאַזשירן. אַליין האָב איך, פאַרשטייט מען, אויך דערפון עפּעס געהאַט. וואָס טוט מען נישט, אַז מ׳גייט אַרום אָן פּרנסה? איך האָב שוין געפּרוווט אַזוי מאַכן עטלעכע מאָל, איז דאָס געגאַנגען ביי מיר גלאַט, ווי אַ מזמור, אָט אַזוי, לאָמיר זאָגן, ווי אויף אַ גרעגעץ — מ׳שטעלט אָפּ דעם צוג, גיי איך דורך איבער די וואַגאָנעס, נעם צונויף אויף די קאָטליעטן, מאַך עס איינס און צוויי און נישטאָ קיין שום מעשיות — דער צוג גייט ווייטער. נו, איז עס דערויף עפּעס אונזערע יידעלעך... האָט מען אָנגעהויבן צו מיינען, אַז איך ווער אָפּגעלויעט ווער איך, איך שאַר מיט לאָפּעטעס. האָט מען נישט פאַרגינען, הייסט עס, נו, איז וואָס זשע איז געוואָרן?... נו, שטייט דער צוג. איר מעגט מיר גלויבן: אַמאָל בלייבט מיר דערפון אויף ברויט, און אַמאָל — נאָר אויף וואַסער צום ברויט...

דער עולם שטייט אַרום אַ יידן, מ׳קוקט, מ׳קוקט אויף אים און מ׳זאָגט צו אים ענדלעך:

— איז נו, נעמט זיך, אפשר וועט איר עס מאַכן בעסער.

— אַט אַזוי-זשע רעדט, — ווערט דער אָרטיקער ייד ווייניקער אומעטיק, — איר זאָלט נישט געווען וועלן זיין קיין חכמים, וואָלט איר שוין לאַנג געווען אַוועקגעפאָרן.

— גיט טאַקע איר, זייט מוחל, דער ערשטער, — טרעט ער גלייך צו צו דער אַרבעט, — גיט צושטייער אויף די קאָטליעטן.

אין אַ שעה אַרום איז שוין אַלץ פאַרטיק. דער צוג גייט בשלום אָפּ פונם וואָקזאַל. אין איינעם אַ וואַגאָן, וווּ יידן זיצן אין ענגשאַפט, דערפילט מען, אַז אונטער די פלעצער רודערט עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך, מ׳דערשרעקט זיך, ווי גלייך עמעצער האָט אַלע מיטאַמאָל אַ ביס געטון אונטן די פיס. פון אונטער דער באַנק הייבט פאַמעלעך אָן אַרויסקריכן אויפן בויך אַ געזונטער ייד אין אַ קורצן גרויען לייבל און אין שטיוול. פאַמעלעך שטעלט ער זיך אויף אויף די פיס; מיט פאַרשלאָפענע באַוועגונגען טרייסלט ער אָפּ פון זיך דעם שטויב און זעט אויס, ווי אַ מענטש, וואָס קער זיך נישט אָן מיטן „כלל" און פירט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק... ער קוקט זיך אַרום זייער פאַר-זיכטיק, טוט אַ גענעץ, בויגט זיך אָן און פרעגט ביי די פּאַסאַזשירן מיט אַ האַלב מויל:

— שוין געווען סטאַנציע קאָטליעט?

— שוין געווען, — ענטפערט מען אים, — נאָר איר זייט דאָך צו-פרי אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער באַנק, קריכט, זייט מוחל, צוריק אַרונטער, דער קאָנדוקטאָר גייט איצט גראָד איבער די וואַגאָנעס.

— דער קאָנדוקטאָר? — וווּנדערט זיך דער אַרויסגעקראָכענער, — וואָס האָב איך עפּעס מורא פאַרן קאָנדוקטאָר? וואָס זשע? איך פאָר, חלילה, אָן אַ בילעט? אָט איז מיין בילעט..

ביים אַרויסגעקראָכענעם פרעגט מען:

— וואָס זשע דען זענט איר געלעגן אונטער דער באַנק?

ער קוקט אויפן עולם, ווי אויף יאָלדן, און ענטפערט:

— וואָס זשע? איך בין אַ נאַר? — איך וועל זיי גיין צאָלן פאַר טרייפענע קאָטליעטן? נישט דערלעבן וועלן זיי...

# אַ ראָמאַן

# אַ ראָמאַן

אום זומער בייטאָג, ווען עס גליט די הייסע בעסאַראַבער זון, גייט יאָסל בודיצקי אַרויס פון זיין קליינעם ירושה-שטיבל, וואָס אין איין עק שטאָט, און לאָזט זיך אַוועק צו דער פינפגאָרנדיקער מיל, וואָס טרייסלט זיך אין צווייטן עק.

אין די פאַרבייִקע פאַרמעגלעכע הייזער שטעלט מען דעמאָלט אָן די זייגערס פונקט אויף האַלב פיר. מ׳הייסט די דינסטן שטעלן די סאַמאָוואַרן. מ׳זאָגט:

— דער חתן איז שוין דורכגעגאַנגען.

דורך די אָפענע פענצטער רוקט מען די קעפּ אינדרויסן אַרויס.

אַרום-און-אַרום פוסטעוועט די בעסאַראַבער האַלב-ברוקירטע, האַלב-דאָרפישע שטאָט. ווי אין חרם חלומט די היציקע גאַס וועגן אַ לעבעדיקן דורכגייענדיקן מענטשן. אין אַלע פוסטע הייפן זעגען פון זיך גרייט צו ברענען די שטויביקע גרעזער, דער בוריאַן, די הויפנס שפענער, וואָס אין די ווינקלען. דאָ און דאָרט דורך אָפענע פענצטער הערט מען, ווי אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך לערנען זיך שפּילן פּיאַנע. אַ הינקענדיקער טאַקט פון אַ צעבראָכענעם וואַלץ מישט זיך אויס מיט די טענער פון „אייזיק מזיק״, וואָס עמעצער באַמיט זיך אויסצופּיקן מיט אַן איינציקן פינגער. יאָסל בודיצקיס אויער טוט פון זיך אַ נישטער איבער די דאָזיקע קלאַנגען און געפינט צווישן זיי דאָפּלטע — דאָס זיינע שוואַכע קינדערשע פאָרטעפּיאַנע-קלאַנגען, וואָס ווערן אין איינעם אַ הויז באַגלייט דורך דעם געניטן און פעסטן מיטשפּילן פון דער מוזיק-לערערין סאַרע בריסקין. די דאָזיקע פעסטע קלאַנגען, פילט ער, קערן דאָ אין שטאָט נישט צו קיינעם אויסער אים; זיי באַגלייטן אים אַ גוטן שטיק וועג און הערן נישט אויף אים נאָכצושרייען, ווי מיט פאַרקריצטע ציין:

— יאָסל בודיצקי, כ׳האָב אייך פיינט! כ׳האָב אייך פיינט! כ׳האָב אייך פיינט!...

בודיצקי פילט אַ גיפטיקן פאַרגעניגן פונם ענטפער, וואָס ער האָט צו געבן דער מוזיק-לערערין בריסקין:

— גם אתם! גם אתם! מ׳ווייסט נאָך נישט ווער וועמען האָט פיינט שטאַרקער.

דערביי אָטעמט ער שווערלעך מיט נקמהדיקער הנאה, גלייך ער האָט טאַקע איינדעראמתן דער לערערין בריסקין נאָר-וואָס די דאָזיקע ווערטער געזאָגט. איצט בלייבט אים נישט מער, ווי צו נעמען זיך אין די הענט אַריין און זיך היטן פון אויסלאָזן צו זייטיקע מענטשן דעם האַס, וואָס ער פילט צו דער מוזיק-לערערין. ער הייבט דערי־בער אָן צו גיין מער פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט אין יעדער רגע מורא האָבן אָנצוטרעטן עמעצן אויף אַ פוס. ער איז אין יעדער רגע גרייט צו זאָגן:

— פאַרדאָן!

פון וועלן דערוויזן זיך אַליין, אַז צו אַלע מענטשן חוץ דער מוזיק-לערערין איז ער אַ גוטער, באַקומט ער אַ לייכט לייטיש שמייכע־לע אויפן פנים. נאָר ביסלעכווייז פאַרגעסט ער זיך; זיין שמייכעלע ווערט פון רגע צו רגע אַלץ מער שטעכיק און גיפטיק. אין געדאַנק רעדט ער צו דער מוזיק-לערערין:

— נו, גוט... למשל איר זענט גערעכט, מאַדעמואַזעל בריסקין: קיין שיינער בין איך נישט, קיין דימענט—אויך נישט... וואָס אמת איז אמת. מילא, האָב איך דערפאַר אַנדערע מעלות: איך בין אַן ערנסטער מענטש, אַ געזעצטער, איך פאַרנעם אַן אָרט אין שטאָט, איך לייען אַסאַך. איר האָט אַנומלטן אַליין געזאָגט (מ׳גיט מיר, דאַנקען גאָט, איבער יעדער וואָרט): „בודיצקי, האָט איר געזאָגט, לייענט אומישנע זייער פיל, כדי ער זאָל נאָכדעם קאָנען זאָגן, אַז אַלע ביכער זענען שמאַטעס“, נו איז וואָס?.. וואָס קומט מיר, וואָס איך האָב נישט קיין ציגענעם מוח און כאַפּ נישט קיין התפעלות פון אַלערליי קליינקעפיקע מעשה-ביכלעך דאָרט?.. „פאַראַן אַ קיילעכיקער יתום — האָט איר זיך נישט לאַנג געהיצט ביים דאָקטאָר ראַכליס אין שטובּ— און בודיצקי, האָט איר געזאָגט, איז אַ קיילעכיקער בוכהאַלטער: אַ

בוכהאַלטער לויט זיין פּראָפעסיע אין מיל און אַ בוכהאַלטער לויט זיין באַטראַכטן די וועלט". אָבער, חשובע לערערין פון מוזיק, ווער האָט אייך געזאָגט, אַז צו זיין אויסגערעכנט אין לעבן איז אַ שלעכטע זאַך? איך קען אייך ווייזן אַסאַך ביישפּילן, אַז אדרבא — פון נישט-אויסגערעכנטקייט קומט קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויס. נאָר וואָס דאַרפן מיר אַסאַך ביישפּילן? נעמט, למשל, טאַקע אייער אייגענעם פאָטער, עליו-השלום, אברהם בריסקער, דעם פּאָסעסאָר פון נאָענטן דאָרף. געווען איז ער אַלע יאָרן אַ פרייליכער ייד מיט אַ בלאָנדער, ווייכער און שמעקנדיקער באָרד, ווי ביי די אַרומיקע פּריצים און מיט אַ ברייט פירעכץ. כאָטש קיין געלט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, זאָגט מען, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט... נו?... האָט ער דען נאָכדעם—איך מיין נאָך זיין אָנזעץ—נישט געמוזט עוקר זיין מיט זיין פאַמיליע אין דער גרויסער שטאָט און דאָרט זיבן מאָל אַ טאָג שטאַרבן פון הונגער אינאיינעם מיט אייך, דער געפּעסטעטער בת-יחידה זיינער?.. איר זאָגט: „בודיצקי האָט פיינט מענטשן, דעריבער קען ער זיי נישט". נו? און ווער האָט דער ערשטער דאָ אין שטאָט דערקענט אייך, מיין ליבער פריינט? ווער האָט דער ערשטער, אויב נישט איך, געזאָגט וועגן אייך: „אַ וווקסיק מיידל אין די יאָרן, אַז זי טראָגט ביי אַלע קאָפּטלעך הויכע קראַגנס, איז אַ סימן, אַז איר לאַנגער האַלז געפעלט שוין נישט אפילו איר אַליין". ווער האָט דער ערשטער געזאָגט: סאַרע בריסקין, אַז מ'דערזעט זי צום ערשטן מאָל פאַרליבט מען זיך אין איר און מ'מאַכט איר קאָמפּלימענטן; אַז מ'זעט זי צום צווייטן מאָל, האָט מען פאַרדרוס, מ'פילט זיך נישט גוט; אַז מ'זעט זי צום דריטן מאָל, איז מען אין כעס—זי גייט אויף איין טראָטואַר, גייט מען אַריבער אויפן צווייטן"... נו, יאָ... איז ביי וואָס-זשע האַלטן מיר, הויכגעשעצטע פריילין בריסקין?..

בודיצקי פילט כמעט נישט, אַז ער איז שוין אין מיל, אַז ער זיצט שוין אַ שעה דריי אין קאַנטאָר אין זיין באַזונדער צימער און אַרבעט איבער די גראָבע הויפּטביכער. פון שנאה צו דער לערערין בריסקין פליען אים איבער די שעהן פונקט ווי ביי אַ פאַרליבטן פליען איבער די שעהן דורך די געדאַנקען וועגן זיין געליבטער. דערצו נאָך

איז זיין שטעלע דאָ אין מיל (אַ שטעלע פון אַ בוכהאַלטער—אַ זעלטענער ספּעציאַליסט) אַ שטענדיקע און בראַנירטע,—נישט קיין שטעלע, נאָר אַ רענטע: די פינף-גאָרנדיקע מיל האָט אויף זיך אַ שטיק אַכט באַלעבאַטים—שותפים און בויטיקט זיך מער אין אים, איידער ער—אין איר. ווען נישט ער מיט זיין געזעצטקייט און נקי-כפּימדיקער ווירקונג, וואָלטן די באַלעבאַטים אַלע טאָג זיך געפּאַטשט און געריסן צווישן זיך, און ווען נישט ער, וואָס זידלט זיי יעדערן באַזונדער און אַלע אינאיינעם און מאַכט צווישן זיי שלום, וואָלט די מיל שוין לאַנג געגאַנגען צוגרונט! יעדערער פון די באַלעבאַטים חנפעט אים דעריבער, ווי אַן אָנגעשטעלטער—דעם באַלעבאָס, און ער איז צו יעדן פון זיי שטרענג, ווי אַ באַלעבאָס צו אַן אָנגעשטעלטן.

— לאָזט מיך צורו, — ענטפערט ער אַ באַלעבאָס, וואָס שטייט צו אים צו, — כ'האָב היינט קיין צייט נישט.

און דערביי טוט אים באַנג, אַלמאַי ביי דער זייט שטייט נישט זיין גרעסטער שונא דאָ אין שטאָט—די מוזיק-לערערין בריסקין—און הערט נישט מיט וואָס פאַראַ אייגנווירדע ער פירט זיך דאָ:

— קוקט זיך צו, באַרישניע בריסקין, — פאַר מיר האָבן אַלע אי מורא אי אָפּשיי—אפילו מיינע באַלעבאַטים...

און ער באַמערקט כמעט נישט ווי זיין טאָג-אַרבעט איז געענדיקט.

איצט, נאָכדעם ווי ער האָט אין געדאַנק אָפּגעלאָזט דער מוזיק-לערערין אָן אַ שיעור שטעכווערטער, קערט ער זיך אום באַפרידיקט צו זיך אַהיים—ער גייט ווידער איבער דער גאַנצער לענג פון שטאָט.

איצט איז אַרום זיבן אַזייגער פאַרנאַכט. די גאַס בעט זיך איבער מיט מענטשן און ווערט לעבעדיק. דורך אָפענע פענצטער קומען שוין נאָר איינציקע מידע קלאַוויר-טענער; זיי שטאַרבן אָפּ איינער נאָך איינעם און עס בלייבן בלויז די לעצטע דאָפּלטע אַקאָרדן, וואָס זוכן אָפּ אין גאַס בודיצקיס אויערן און דערציילן אים וועגן זייער האַס צו אים—דאָס פאַרענדיקט די לערערין בריסקין אין איינעם אַ הויז איר לעצטע לעקציע. די טענער זענען מיד, ווי נאָך אַ טאָג פון שווערן אַקערן. נאָר בודיצקין ציט צו אָט די טענער,

ווי עס ציט אַ מענטשן צו גיין צו זיין שונא און זיך אויף אים אַרויפוואַרפן. ער גייט ווי אומישנע זייער נאָענט לעבן יענעם הויז, ווו סאַרע בריסקין געפינט זיך. ער קוקט נישט צום הויז און פילט נאָך שטאַרקער ווי תמיד, אַז ער איז ביי זיך מסוכן שטאָלץ.

נישט איינמאָל האָט שוין געטראָפן, אַז פונקט אין דער רגע, ווען ער איז אַזוי געגאַנגען פאַרביי, האָבן זיך די קלאַוויר-טענער געענדיקט. מיט אַ נאָטן-טעקע אין איין האַנט און מיט אַ שירם אין דער צווייטער האַנט איז פונם הויז אַרויסגעקומען סאַרע בריסקין — אַ וווקסיק און שוואַך מיידל, און דערזעענדיק בודיצקין פאַרבייגיין אַ ציטער געטון מיט איר גאַנצן קערפער און געבליבן שטיין, ווי פאַר-גליווערט. מיט אַ בלאַס פנים און מיט פלאָנטערדיקע פיס האָט זי זיך געמוזט אומקערן צוריק אין הויז, פונוואַנען זי איז נאָר-וואָס אַרויסגעגאַנגען, זיך אַראָפּלאָזן ווי אין חלשות אויף אַ שטול און ווי אין חלשות צומאַכן די אויגן.

— גאָט מיינער, — האָט זי שטיל געשעפטשעט, האַלטנדיק זיך פאַרן האַרץ — איך וועל שוין ווידער זיין קראַנק מאָרגן אַ גאַנצן טאָג... און נאָר פון באַגעגענען אים... בלויז פון אַ קוק טון אויף אָט דער צורה...

---

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט יאָסל בודיצקי דערגרייכט צו יע-נער עלטער, ווען מען זאָגט זיך אַליין:

— אָדער חתונה האָבן באַלד, אָדער קיינמאָל נישט.

געשען איז דאָס פלוצים, ווען מען האָט אים אין איינעם אַ טאָג ביים פאַבריקמאַכער אונטערגעשוירן די וואָנצעס און ער האָט צופעליק אַ קוק געטון אויף זיך אין שפּיגל.

און ווי נאָר ער האָט עס צו זיך אַ זאָג געגעבן, אַזוי באַלד האָבן זיך זיינע יאָרן ווי אָפּגעשטעלט, און ער האָט זיך אויפגעהערט צו עלטערן.

ער איז געוואָרן אויסערלעך מער רויק, מער געזעצט, נאָר אי-נעווייניק—מער קאַפּריז און מער איבערקלויבעריש. ער האָט אָנגעהויבן שלאָפן בייטאָג, צונעמען קערפּערלעך מער וואָג און קאַרגן געלט. און

פונקט צו יענער צייט איז אַהער אַראָפּגעקומען סאַרע בריסקין — די בת־יחידה פון יענעם אַברהם בריסקין, וואָס האָט אַמאָל איבער אַן אָנזעץ געמוזט פונדאַנען אַנטלויפן. און ווי נאָר זי איז אַהער אַראָפּגעקומען און אָנגעהויבן געבן מוזיק־שטונדן, אַזוי באַלד האָבן דאָ אַלע באַקומען צו איר גרויס מיטלייד, איר צוגעשאַרט תּלמידעסטעס, געזוכט פון אירעטוועגן אַ צימער, געקוקט אין איר פּנים אַזוי ליבלעך, ווי זי וואָלט אָנקערן אַ בת־יחידה דער גאַנצער שטאָט. מ'האָט זיך געזאָרגט פאַר איר תּכלית, זיך געזאַמלט אַרום איר אַלע אָוונט ביים אָרטיקן דאָקטאָר ראַכליס אין הויז. געזוכט פאַר איר אַ פּאַסיקן שידוך און נישט אָן אַ געוויסן „מיין" זי גלייך באַקענט מיט יאָסל בודיצקי. נאָר בודיצקי, וואָס איז צו אַלע מענטשן גאַנץ קאָרעקט און מענטשלעך, האָט ביים ערשטן שמועס מיט סאַרע בריסקין זיך מיט איר צעקריגט, שיער נישט צעפּאַטשט. ער האָט צום ערשטן מאָל אָן מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אָנגעהויבן אויסצולאַכן יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט, זיין צו איר שטרענג, שלעכט, כמעט גראָב, געקוקט אויף איר, ווי מיט אכזריות אין די אויגן; געדאַכט האָט זיך, אַז אָט־אָט וועט ער צו איר אַ זאָג געבן:

— אַבי זי איז כלומרשט געוואַקסן אַ בת־יחידה ביי אַ רייכן טאַטן... אויף וואָסער סמך... און כמעט דאָס זעלבע האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו באַמערקן אויף סאַרע בריסקין — זי מיידט אויס אַ קוק צו געבן בודיצקין אין פּנים; זי וויל נישט הערן זיין קול; אַז בודיצקי הייבט אָן מיט אַן ערנסט פּנים צו רעדן און אַלע אַרומיקע הויבן אָן ערנסט צו הערן, דרייט זי זיך אַוועק אין אַ זייט, זעצט זיך צו צום קלאַוויר און הייבט פּלוצים אָן נעמען שטילע איינציקע אַקאָרדן, וואָס גייען באַלד איבער אין דאָפּלטע זייער שטאַרקע—טאַקע דענטסמאָל האָט בודיצקי גלייך דערפילט, אַז די דאָפּלטע אַקאָרדן שרייען צו אים, ווי מיט פאַרקריצטע ציין:

— כ'האָב אייך פיינט! כ'האָב אייך פיינט!..

נאָר אין שטאָט האָט מען דאָך מיט אַן עקשנותדיקער זיכערקייט באַשלאָסן, אַז פאַר יאָסל בודיצקי קאָן נישט זיין קיין בעסערער שידוך, ווי סאַרע בריסקין, און פאַר סאַרע בריסקין קאָן נישט זיין קיין בעסערער, ווי—יאָסל בודיצקי.

— ס'עט זיי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.
— זיי'ן זיך נעמען?..
— אַ וואָפּראָס!..

און ווייל דער באַשלוס האָט געשטאַמט פון דער גאַנצער שטאָט און פון קיינעם נישט; ווייל אַלע האָבן וועגן דעם געטראַכט און צו קיינעם פון זיי—בודיצקין און בריסקין—איז דאָך קיינער נישט גע־קומען מיט קיין פאָרשלאָג, זיי זאָלן זיך נעמען, האָט זיי די גאַנצע מעשה נאָך מער פאַרדראָסן און זיי האָבן אָנגעהויבן נאָך מער פיינט צו האָבן איינער דעם צווייטן. און טאַקע ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצובאַווייזן איינער צום צווייטן אַזאַ שטאַרקע שנאה, האָט מען אין שטאָט געקריגן אַ באַזונדער אינטערעס צו יעדערער פון זייערע באַגעגענישן און אַ באַזונדער נייגיריקן חשק זיי צונויפצופירן. מע האָט מיט אַ באַזונדער פרייד אין הארצן אָנגעהויבן איבערצוגעבן איינער דעם אַנדערן:

— היינט אויפדערנאַכט וועלן „זיי" זיך טרעפן ביים דאָקטאָר ראַכליס.
— געוויס?
— ווי מיר האָבן היינט שבת אויף דער וועלט.

מ'האָט זיי אָנגעהויבן אַליין אונטערגרייטן די דאָזיקע באַגעגע־נישן; מ'האָט זיי אָנגעהויבן נאָכשפּירן מיט יענער זעלבער נייגירי־קייט, מיט וועלכער אַ קליינע פּראָווינציעלע שטאָט קוקט נאָך דעם היימישן פּראָווינציעלן ראָמאַן פון אַ היימיש פאַרליבט פּאָרל—אַ ראָמאַן, וואָס האָט אויף זיין וועג זייער פיל שטרויכלונגען און מ'ווייסט נאָך נישט, צי ער וועט זיך ענדיקן מיט אַ גוטן סוף, אָדער פאַרקערט—זיינע העלדן וועלן מוזן זיך שיידן אויף אייביק און בענקען איינער נאָכן צווייטן ביזן גרוב. אין שטאָט האָט מען זיי דענסטמאָל אַ נאָמען געגעבן:

צוער ט:
— „די ס פּאָרל".
שפּעט ר:
— „די חתן־כלה".
נאָך שפּעטער—פּשוט:

— „דער ראָמאַן“.

מ׳האָט מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן געטראָגן איינער צום אַנדערן די נייסן:

— דער „ראָמאַן“ האָט זיך טאַקע באַגעגנט נעכטן ביים דאָקטאָר ראַכליס.

— נו ?

— פרעגט שוין נישט—מ׳האָט זיך געריסן, ווי די קעץ.

## II

אַ גליק, וואָס יאָסל בודיצקי איז טאָג-טעגלעך באַשעפטיקט אַ שעה דריי-פיר אין מיל און אַ שעה אַנדערהאַלבן מיט מאַכן שלום צווישן די מיל-באַלעבאַטים, וואָס רופן פשוט איינער דעם אַנדערן „גנב“.

אַ גליק, וואָס ער איז נאָך חוץ דעם אַ מענטש אַן ערנסטער, אַ דענקענדיקער, אַ באַלעזענער.

אַז נישט, וואָלט אים אויסגעקומען צו טראַכטן גאַנצע טעג אָן אויפהער וועגן זיין שרעקלעכן שונא דאָ אין שטאָט—וועגן סאַרע בריסקין:

—וואָס פאַר אַ נאַרישן סאָרט לעבן אָט דאָס מיידל האָט פאַר זיך צוגעטראַכט!

פאַרוויינט בת-יחידיש נאָך פון אַמאָליקע צייטן, שטייט זי אויף אַלע טאָג שפעטלעך אַרום האַלב צען, צען.

יאָסל בודיצקי פילט עס, ווייל ער אַליין שטייט אויף אַרום זעקס אַזייגער גאַנץ פרי—ער פילט, אַז זי שלאָפט נאָך.

ער לאָזט זיך דענסטמאָל שפאַצירן, און ביי איר זענען דאַן די לאָדן נאָך ביינאַכטיק צוגעמאַכט.

יאָסלען אַרט עס ניט. פאַרקערט—עס טוט אים נאָך הנאה, וואָס זי האָט קיין שכל ניט—דער בעסטער טייל פרימאָרגן גייט פאַר איר פאַרלוירן.

אַ צימער האָט זי דאָ אין שטאָט אינם ערגסטן הויז—מע קאָן זאָגן: אין ערגסטן פון אַלע שטאָט-הייזער; זי וווינט ביי דער פרו-

מער אלמנה קיילע שאַפּיראָ, אַ רבנישע יידענע, וואָס דאַוונט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן, ווי אַ מאַנסביל אין איר גראָבן קרבן-מנחה און האָט צוויי עלטערע מיידלעך מיט רויטע פּופּע-פּנימער און נאַרישע איבערגעשראָקענע אויגן—אַ יידענע, וואָס דאַרף מאַכן חניפֿהדיקע חנדלעך סך הכּל דריי-פֿיר פֿאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, ביי וועלכע זי האָט איגעלט אויף ציטעריקן פּראָצענט, נאָר כּדי אירס זאָל איבערגיין, מאַכט זי שוין איינוועגס חניפֿהדיקע חנדלעך דער גאַנצער שטאָט, אַלע באַלעבאַטים, וועמען מע שאַצט אין מזומן. ווען סאַרע בריסקין זאָל נישט האָבן קיין אַנדערע חסרונות, וואָלט פֿאַר בודיצקין גענוג געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך דאָ אין שטאָט צוגעזוכט אַזאַ „זעלטענע" ווינונג.

— אידיאָטקע,—טראַכט ער וועגן איר,—קיין ערגער צימער האָט זי שוין גאָרנישט געקאָנט צוזוכן... ווינען אין אַזאַ סאָרט הויז איז גאָר ביי איר אַן אידעאַל...

בודיצקין איז מציל פֿון אַזעלכע מינים ערגערנישן זיין רגילות צו לייענען ביכער פֿון אַלערליי געביטן.

— בע!—טראַכט ער אויף צוזעצעניש דער לערערין בריסקין, — זאָל זיין, אַז איך האַלט: „ביכער זענען מערסטנס שמאַטעס", אָבער לייענען לייען איך.

חוץ דעם איז ער אַ מענטש פֿון ריינעם געוויסן — וואָס ער טראַכט, דאָס זאָגט ער. זיין מיינונג איז:

— ליבע איז איינע פֿון די נאַרישסטע זאַכן אין לעבן.

נאָך מער:

— ליב האָבן אַ מענטשן,—דערטראַכט ער זיך,—הייסט אין דער אמתן: זיין צו אים בלינד, נישט זען זיינע חסרונות, יעדנפֿאַלס — ווערן גלייכגילטיק צו זיינע חסרונות. איך באַקום ליב אַ מענטשן... וואָס הייסט עס, ווען מע קלערט זיך אין דעם איין? אַ געוויינלעכער מענטש, מיט געוויינלעכע מענטשלעכע חסרונות ווערט פּלוצלינג אין מיינע אויגן העכער, פֿיינער, בעסער, שענער פֿון אַלע אַרומיקע, און בלויז נאָר אין מיינע אויגן, וואָס הייסט עס? דאָס הייסט, אַז אין באַצוג צו איינעם אַ מענטשן בין איך געוואָרן קורצזיכטיק, גלייכגילטיק, איך האָב אים אויפֿגעהערט ווי געהעריק צו פֿילן און צו זען, קורץ — איך האָב זיך פֿון אים דערווייטערט, ווייל אַנדערע, וואָס האָבן אים נישט „ליב", זעען

דאָך יאָ זיינע חסרונות. און דאָס אייגענע פאַרקערט: פיינט האָבן אַ מענטשן הייסט: זעען קלאָר זיינע פעלערן, אַנדערש געזאָגט—זיך דער־נענטערן צו אים, זיך ערגערן, וואָס ער האָט פעלערן, פונדאַנען איז געדרונגען: דאָס וואָס מען רופט געוויינטלעך „ליבע" איז אין אמתן—גלייכגילטיקייט, שטיין אין אַ זייט פון עמעצן; דאָס וואָס איר רופט אָן גרויסע ליבע איז גאָר, אַזוי־אַרום, די העכסטע שטופע פון פיינט האָבן, און פאַרקערט: דאָס, וואָס איר רופט געוויינטלעך אָן „פיינט האָבן", איז גאָר די העכסטע מדרגה פון ליבהאָבן, פון נעמען אַ מענטשן נאָענט צום האַרצן. די גרעסטע מענטשן פון דער וועלט, ווי ניטשע און דאָסטאָיעווסקי, האָבן פיינט געהאַט, דאָס הייסט: זיי האָבן געקוקט אויף מענטשן מיט אָפענע אויגן, און אין דעם איז באַשטאַנען זייער גרויסקייט — דערפאַר זענען זיי געווען פאָרגעשריטענע מענטשן.

אין אָוונט, אין אַ שעה פון הייסער חקירה, זאָגט יאָסל בודיצקי אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק ביים דאָקטאָר ראַכליס אין שטוב:

— אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט,—זאָגט ער,—וועט דעריבער ליבע נישט שפילן קיין מינדסטע ראָלע, ווייל מענטשן וועלן קוקן איינער אויפן צווייטן מיט אָפענע אויגן.

אַרום טיש זיצן דער דאָקטאָר ראַכליס, זיין ווייב, אירער אַ ברודער אַ סטודענט, סאָרע בריסקין און נאָך אַנדערע היימישע מענ־טשן, וואָס קוקן בודיצקין אין פנים אַריין, כאַפּן פון דער זייט אַ בליק אויף סאָרען און וואַרטן מיט נייגיריקייט: מיט וואָס וועט זיך עס אויסלאָזן? סאָרע בריסקין, זעען זיי, זיצט, ווי נישט ווילנדיק, קוקט נישט צו קיינעם, אירע פינגער, וואָס צרייסן דערביי אַ פאַ־פּירל אויף פיל קליינע שטיקלעך, ווינקען אָן אויפהער:

— כ'האָב אים פיינט... ער איז מיר מיאוס, ווי אַ שפּין...

אירע אויגן גלאַנצן און ציטערן, בעת זיי טוען אויף בודיצקין אַ קוק פון דער זייט.

— אַ בוכהאַלטער—טוט זי ענדלעך אַ שעפּטשע דער דאָקטאָרשע אין אויער — ער מאַכט אַ חשבון... פירט די בוכהאַלטעריע פון דער וועלט... ליבע און בוכהאַלטעריע... הערט, איך בעט אייך... הערט נאָר צו!..

— „די קומענדיקע געזעלשאַפט"...—שעפּטשעט זי ווידער איבער־

קרומענדיק!.. ער דאַרף עס בכלל האָבן אַ געזעלשאַפט... אָן קיין געזעלשאַפט קאָן ער זיך גאָרנישט באַדרייען.

אין יעדער רגע איז זי גרייט זיך אויפצוהייבן און פאַרשווינדן; אויב זי טוט עס נישט, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איבער „אים" אַוועקגיין, וואָלט געווען פאַר „אים" צו אַ גרויסער כבוד.

די דאָקטאָרשע האַלט דענסטמאָל איר קליין מיידעלע אויף די הענט, זי האָדעוועט עס מיט זייער אַ געדיכטער קאַשע און אונטערן טיש שטויסט זי דערביי איר מאַן מיט אַ קני, ער זאָל זיך איינהערן, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך היינט ענדיקן.

נאָר דער דאָקטאָר איז קאַלט צו דער גאַנצער געשיכטע; ער ער איז מיד; ער שמייכלט און וויל שלאָפן.

— דעריבער, — זאָגט יאָסל בודיצקי, — דעריבער וועט מען אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט גאָר אַנדערש אָפּשאַצן מענטשן.

— אויף כפרות! — קאָן זיך סאַרע בריסקין שוין מער נישט איינהאַלטן און טוט מיט כעס אַ שאַר פון זיך די פיל אָנגעריסענע שטיקלעך פאַפּיר, — אויף כפרות אייער קומענדיקע געזעלשאַפט.

איר פנים פלאַמט.

יאָסל בודיצקי טוט אויף איר אַ קוק, באַגעגנט זיך מיט אירע אויגן — בייזע אויגן, דם-שונאים.

— מיין ליבער פריינט, טוט ער צו איר אַ מאַך גאַנץ רויק.

אָבער ווי רויק ער זאָגט עס נישט, קומט דאָך אַרויס אַ רייסעניש.

בודיצקי זאָגט:

— מיין ליבער פריינט, — אויף צו פאַרשטיין אַ ענין איז ווייניק צו האָבן אַ קאָפּ; אין קאָפּ מוז מען נאָך דערצו האָבן שכל אויך.

נאָר סאַרע בריסקין קאָן שוין מער נישט איינזיצן ביים טיש. זי לויפט אַוועק אינם דאָקטאָרס דערבייִיקן אויפנעם-צימער, עפנט דאָרט אין דער פינצטער מיט גרויס רעש דעם קלאַוויר און הייבט אָן שפּילן, פון אָנהייב פליסן דאָרט די טענער מיט אַקאָרדן גאַנץ רויק, געלאָשן, פלוצים הערן די טענער אויף: עס הערט זיך, ווי זי ברעכט אויס אין פינצטערן צימער מיט אַ היסטעריש געוויין, און עס לויפן אַהין דער דאָקטאָר, די דאָקטאָרשע און אַלע געסט.

— וואָס וויל ער פון מיר,—פאַרגייט זיך דאָרט סאַרע מיט גע־וויין און מיט פרישע כליפּענדיקע כוואַליעס,—וואָס האָט ער צו מיר?!.. איך פרעג: וואָס האָט ער צו מיר?..

בודיצקי בלייבט איינער אַליין אין עס־צימער, שפּאַנט אַרום הין און צוריק מיט אַ ביטערן שמייכל פון אַ מענטשן, וואָס פילט זיך בלויז אויסערלעך נישט גוט, פאַרקערט, אינעווייניק איז ער ביי זיך גאַנץ „דאָסיק״:

— אָט האָסטו דיר,—טראַכט ער וועגן דעם ווייַנענדיקן מיידל,—היסטעריקע... אויך אַ קאַמף־מיטל...

דערנאָך כאַפּט ער פּלוצים אין פינצטערן קאָרידאָרל זיין היטל און גייט אַוועק אַהיים בייז, אָן אַ „גוטער נאַכט״.

---

אויף מאָרגן רעדט מען וועגן דעם איבער דער גאַנצער שטאָט:

— נעכטן אויפדערנאַכט האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט...

— טאַקע דאָרט, ביים דאָקטאָר ראַכליס אין שטוב.

— נאָך איין רגע, וואָלט מען שוין געוועזן געשריבן תנאים און געבראָכן טעלער.

— די דאָקטאָרשע איז שולדיק... זי איז קיין מענטש נישט...

— זי האָט געזעען, אַז עס האַלט שוין אַזוי נאָענט, איז נאָך וואָס־זשע האָט זי אים אָפּגעלאָזט.

— דער דאָקטאָר אַליין איז אויך אַ רעכטע לעמעשקע... פאַר־וואָס האָט ער אַליין גאָרנישט נישט געטון?..

— איר הערט דאָך: „איך בין געוועזן מיד, זאָגט ער, איך האָב מסופּק געוואָלט שלאָפן״... אַ תירוץ...

דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג גייען צום דאָקטאָר און צו דער דאָקטאָרשע היימישע מענטשן און טענהן, אַז דער דאָקטאָר מיט דער דאָקטאָרשע זענען ביידע פאַרברעכערס:

— איר האָט געזעען, אַז עס האַלט שוין אַזוי נאָענט, איז וואָס־זשע זייט איר געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט?

— מע זעט דען נישט, אַז זיי פּגרן איינער נאָכן אַנדערן?

— מ׳דאַרף זײַן בלינד, מען זאָל נישט זען, אַז עס איז אַזאַ סאָרט ליבע.

— עס ציט זיי איינער צום אַנדערן, ווי אַ מאַגנעט.

— איר געדענקט נישט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען פּאַראַיאָרן, ווען זי איז אַוועקגעפאָרן אויף דריי חדשים אין קאָנסערוואַטאָריע? כ׳מיין: יאָסל בודיצקי—אַ טויטער מענטש איז ער געווען... אַרומגעגאַנגען אַ בלאַסער, מיט אַ פאַרבינדענעם האַלז, מיט עפּעס אַ מין שאַלעכל אויף די אַקסלען, מיט וואַטע אין די אויערן און נישט אויסגערעדט צו קיינעם קיין וואָרט... מע האָט נישט געזען, אַז ער בענקט?—ער צאַנקט ווי אַ ליכט.

— און טאַקע סאַרע בריסקין אויך...

— ס׳אַ משל! יענע האָט אין אַלע בריוו זיך געבעטן רחמים, מע זאָל איר שרייבן „וואָס הערט זיך... אין שטאָט", „וואָס הערט זיך" מיט פינטעלעך!..

איצט בלייבט, מע זאָל זיי נאָך אַמאָל צונויפפירן ביים דאָקטאָר ראַבלים אין שטוב. די סיבה אויף זיי צונויפפירן איז דער געבורטטאָג ביים דאָקטאָר ראַבליסעס מיידעלע, וואָס ווערט געהאָדעוועט מיט געדיכטע קאַשקעס. אין שטאָט לייגט מען אויף אָט דעם געבורטטאָג גרויסע האָפענונגען. נאָר פון דער אַנדערער זייט איז מען זיכער:

— אויב נישט דאָס מאָל, וועט זײַן אַן אַנדערס מאָל.

— סיי־ווי־סיי וועלן זיי מוזן חתונה האָבן.

— עס וועט זיי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.

# מיט איין נאַכט ווייניקער

# מיט איין נאַכט ווייניקער

**I**

ביי דער נשמה נאָגט דער בערלינער צען אַזייגערדיקע אָוונט־שעה.

זי איז אַ נעפּלדיק־עלעקטרישע.

אַ דערוואָרגענע.

שטום און פאַרעקשנט מאָנט זי, מ׳זאָל זיך מיט איר באַהעפטן דורך אַ ווונק, דורך אַ בליק, דורך אַרומפירן דעם עצירותדיקן הונט אויפן טראָטואַר — אַרומפירן הין־און־צוריק און שווייגן.

נאַכט־ביי־נאַכט אַזוי — ווען אין ווייט־פאַרוואָרפענע אַרבעטער־פערטלען לייגט מען זיך פרי שלאָפן.

מאַקס ווענצל טראַכט דאַן:

— ווי אין קאַזעמאַטן.

— ווי אין קאַזעמאַטן.

נאַכט־ביי־נאַכט אַזוי, ווען אין רייך־באַלויכטענע שטאָט־צענטרען פאַרהוליעט מען זיך ביז אין גרויען טאָג.

מאַקס ווענצל טראַכט דאַן:

— אויף צו ברעכן!

— אויף צו ברעכן!

און אין מיטן — צווישן דרעמלדיקע אַרבעטער־פערטלען און הוליענדיקע צענטרען — שמעקן נישט־אָרעמע און נישט־רייכע בערלינער מיט זייער אָנשטענדיקן ירושהדיקן גערויך:

— אַ געריך פון גוטאַפּערטש און פון פיל, פיל ליידיקע פּע־סער ביר.

זיי שמעקן אַזוי מיט זייערע מיילער און לייבער, מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט אַלע זייערע לאַנגע נישט־אָרעמע און נישט־רייכע קוים־באַלויכטענע גאַסן — זיי טרינקען ביר און רויך פון העל־באַלויכטענע ביר־האַלעס און לאַכן, לאַכן, ווי ערב־מענטשן.

נאַכט־ביי־נאַכט אַזוי — ווען קנעלט און האָרן טיילן זיך אָפּ אויף שלאָפן און אויף הוליען.

---

נאַכט־ביי־נאַכט, ווען אין ווערדינג *) טרייבט אָט די שעה אַרויס אַלערליי איינזאַמע טשודאַקעס אין גאַס, טרייבט זי דאָרט אויך אַרויס אין דרויסן דעם צעפּאַטלטן יונגנמאַן אָנם פּאַלטאָ, וואָס האָט אַ טבע צו שטיפן זיינע לאַנגע הענט טיף אין די ליידיקע הויזן־טאַשן.

איצט, אין אָט דער שעה, געדענקט ער שטאַרקער, ווי תּמיד, ווער ער איז:

— דיכטער מאַקס ווענצל.

ער שטייט אין עק טראָטואַר און טראַכט:

— וווהין גיין?

וויסן ווייסט ער גוט:

און אָט דעם ציכטיק־טרוקענעם אומגעהוירען כּרך שליסט מען פּינקטלעך אַכט אַזייגער אַלע פּאַראַד־טירן — אַ שלעכטע געוויינהייט.

— נאָר פּאַרפאַלן!

— סדום...

פּרווו מאַך איבער די געוויינהייט ביי אַן אַלטער קאַרגער שוויגער.

און פּאַר ווענצלען איז אָט די שטאָט פון אייביק אָן אַזאַ:

אַ קאַלטע, תּמיד־קייענדיקע שוויגער, וואָס איר טאָכטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן און אַליין איז זי אין כּעס אויף אים, ווענצ־לען — דעם געוועזענעם איידעם:

— וואָס האַלט ער נאָך אין איין קריכן אַהער מיט וויזיטן?

---

*) אַ ארבעטער־פּערטל.

אויב די „קײַענדיקע שוויגער" האַלט ביז שפּעט בײַנאַכט העל־באַלויכטן אירע קאַפּעס און ביר־הײַזער, טאָ זאָל איר דערפֿאַר גאָט געבן אַ נײַע נשמה — אַזוי ווינטשט איר דערפֿאַר פֿון טיפֿן האַרצן מאַקס ווענצל — צאָל דאָרט פֿאַר קאַווע, צאָל פֿאַר ביר; טו דאָס, וואָס מאַקס ווענצל האָט נישט די מינדסטע מעגלעכקייט צו טון.

לעבן זאָל דערימעך דער לאָקאָל פֿון אנקל פּריצס ביליקע מיטאָגן און ביליקע אָוונט־ברויטן, וואָס אויף דער הערינג־שמעקנדיקער אַוגוסט־שטראַסע.

אַ מענטש ווי ווענצל דאַרף עס שטענדיק האָבן אין זכּרון:

— ביים אָנקל פּריץ קאָן מען אָפּזיצן האַלב־הונגעריק צוויי און דריי שעה און דערפֿאַר גאָרנישט באַצאָלן.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער אַרײַנגאַנג אַהין איז קײנמאָל נישט באַלויכטן.

די פּאַראַד־טיר איז דאָך ברכהדיק־אָפֿן.

דער אַספֿאַלט דאָרט אין פֿינצטערן טיף־גריבלדיקן קאָרידאָר גיט גלײַך ביים אַרײַנקומען אַן התראה:

— כאַפּ נישט... אויף מיר דאַרף מען קענען גיין.

מ׳טוט דאָרט ווי ווענצל:

מ׳רוקט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך מיט איין זײַט, מ׳טאַפּט אײַנ־דערפֿינצטער די וואַנט ביז מ׳טאַפּט אָן אַ טיר; מ׳קומט אַרײַן אין אַ לאַנג צימער מיט לאַנגע טישן און מיט לאַנגע בענק; מ׳געפֿינט זיך אין עפּעס אַ מאָדנע־הפקרדיקן בײַנאַכטיק־טונקעלן וואָקזאַל, ווו אין איינעם פֿון די ווינקלען — אַזוי דאַכט זיך — האַלט אָנקל פּריץ דעם בופֿעט, מעלה־גרהט ווי אַ קו און גיט גוט אַכטונג, מען זאָל ביי אים פֿונם טיש גאָרנישט אַראָפּגנבֿענען. אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין די אַנדערע ווינקלען, גייט אים דערפֿאַר נישט אָן אפֿילו אין דער לינקער פּיאַטע.

עס מאַכט זיך:

אויף די ווײַטע אָדער נאָענטע בענק גיט מען איינער דעם אַנדערן קלעפּ; עס בלוטיקן פֿאַרױשעטע פּנימער, צעגראַבלטע נעז. אָנקל פּריץ — אַ לאַנגער מיט אַ צעקנייטשט פּנים פֿון אַן אַלטן קסאָנדז שטייט דאַן מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף יענער זײַט בופֿעט; זײַן ברייט

מיל הערט אַ ווײלע אויף צו מעלה-גרהן און זײַנע קלײנע פאַרפריעטע אײגעלעך קוקן, װער װעמען װעט בעסער שלאָגן. פּאָליצײ רופן גײט ער קײנמאָל נישט — ס'איז נישט זײַן עסק.

אַהין בענקט אַלע אָװנט דאָס האַרץ בײ װענצלען; אַהין ציט עס.

נאָר איצטיקס מאָל האָט מיט װענצלען געטראָפן דאָס, װאָס טרעפט אָפט מיט װײט נישט קײן אויסגערעכנטע און װײט נישט קײן אָנערקענטע דיכטער פון זײַן גראַד:

ער איז פאַרנאַכט אַנדרעמלט געװאָרן מיט גרויס צער, מיט גרויס בענקשאַפט צו עפּעס אַן אומבאַשײדן האַרציק ליד, װאָס זאָל מיט זיך אויסגיסן דעם גאַנצן צער און די גאַנצע בענקשאַפט פונם דיכטער מאַקס װענצל; — אײנמאָל פאַרנאַכט בײ זון־אונטערגאַנג, װען פון צװישן די זײַלן, װאָס אונטערן היכל בראַנדעבורגער טויער זענען אין פיל רײען אײנס נאָך אײנס, װי אויסגעשאָסענע, געלאָפן די יום־טובדיקע אַװטאָמאָבילן, האָט ער דאָרט בײם ערשטן גרויסן דענקמאָל געזען, װי אַ בלאַס מײדל שטײט צוגעטוליעט צום קאַלטן מאַרמאָר און ברעכט פון נאָך טרינקען אָדער פון נאָך אַ גרעסערער עברה, װאָס װאַקסט בײ איר אינעװײניק אונטערן האַרצן — זי ברעכט, װי פאַר דער גאַנצער אומגעהויער־גרויסער שטאָט בערלין...

איז אָט:

...מיט דעם, אײגנטלעך, זאָלן זיך אָנהײבן די ערשטע פערזן פון זײַן ליד...

װען װענצל איז מיט אַ געפיל פון פאַרשפּעטיקונג נאָך אָט דעם דיכטערישן דרעמל אַרויס אין דרויסן, האָט ער דערזען, װי אין היץ:

די אומגעהויער־גרויסע שטאָט איז פאַרשלאָפן און שטום, װי די נעפּלדיק-עלעקטרישע שעה.

דער שטאָט איז קאַלט, װי אָט דער שעה, אין װעלכער קנעכט און האַרן טײלן זיך אָפּ אויף שלאָפן און אויף הוליען.

דער שטאָט איז קאַלט, װי אים, װענצלען — דעם דיכטער אָנם פּאַלטאָ מיט די פאַררוקטע הענט אין די לײדיקע הויזן־טאַשן.

אַלץ, װאָס אין שטאָט װעט בײַנאַכט פאָרקומען, איז אים צוגעטרעטן נאָענט צום האַרצן, און ער האָט דערפילט:

— עס קומט, ווירקלעך, אַז עמעצער זאָל זי מוציא זיין און זיך פּאַר איר גוט, גוט אויסברעכן.

זיינע פּיס האָבן אים דערבײַ פון זיך גענומען טראָגן צו אָנקל פּריצס לאָקאַל — אַהין, וווּ ער לעבט איבער זיינע בעסטע דיכטערישע שעהן.

אין שמאָלן לאַנגן אַריינגאַנג האָט ער זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף אַ סטאַטעטשנע פּאָרל, וואָס האַלט זיך שטייף אַרומגענומען און בעט זיך בײַ אים זייער שטיל מיט אַ פאַרטשאַדעט-שלעפעריק קול:

— פאַרצייונג...

אינם שטילן אַרומנעמען זיך, אינם שטילן געבעט פון אָט דעם פאַרטשאַדעטן זכר־ונקבה־פּאָרל, האָט ווענצל גלייך דערפילט, אַז ער איז דאָס מאָל אַריינגעשלאָפן אין אָוונט אַריין פיל מער, ווי אַ דיכ־טער פון זיין גראַד קאָן זיך דערלויבן, און אַז די שעה איז שוין פיל שפּעטער, ווי עלף.

די טיר פון אָנקל פּריצס לאָקאַל איז דווקא נאָך געווען אָפן, נאָר דער לאָקאַל אַליין — אויסגעלאָשן און פּוסט, ווי דער דריטער קלאַס אין אַ וואָקזאַל, נאָכדעם ווי עס זענען שוין דורכגעגאַנגען אַלע צוגן. שיין איז אַהין געפאַלן דורך די אומעטיק־אומריינע שויבן פון דער טיר, וואָס פירט אין אָנקל פּריצס שלאָף-קאַמער.

ווענצל איז געשטאַנען אין אַריינגאַנג מיט גרויס באַדויערונג, מיט גרויס פאַרדרוס אויף זיך אַליין, אלמאי ער איז פאַרשלאָפן.

זיינע געפילן:

— פאַרשפּעטיקט...

— אָנגעוווירן דעם לעצטן צוג.

ער האָט אַליין נישט געדענקט, וועגן וואָס ער האָט, שטייענ־דיק אין אָנהייב לאָקאַל, זיך פאַרטראַכט. ער האָט אַראָפּקוקנדיק צו זיינע פּיס דערזען בײַ דער טיר די פּאָר קאַלאָשן, וואָס אָנקל פּריץ טראָגט בײַ יעדן פּייכטן וועטער צוליב זיין עלטער געוויינהייט און צוליב זיין רעוומאַטיזם. די קאַלאָשן האָבן צו זיך געצויגן זיין אויג פשוט, ווייל פּונקט אַזעלכע פלעגט בײַ אים אינדערהיים טראָגן זיין פאָטער. קינדווייז פלעגט ער, ווענצל, ליב האָבן צו שטופּן די קליי־נע פיסלעך אינם פאָטערס גרויסע קאַלאָשן און אים פלעגט דאַן אויפן

האָרצן זיין אַזוי גרינג, גרינג... אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער שטופּט איצט אַריין זיינע פיס אין אָט די קאַלאָשן, וואָס געהערן צום אָנקל פריץ, וואָלט ער זיך באַלד צוריק דערפילט אַזוי גוט און גרינג, ווי אַמאָל, בעת ער איז נאָך געווען אַ קינד. פאַרטראַכטערהייט האָט ער ווירקלעך די פיס אין די קאַלאָשן אַריינגעשטעלט, און ווייל פון יענער זייט אומעטיק־באַלויכטענע שויבן האָבן זיך פונקט אין יענער רגע דערהערט טריט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, מ׳זאָל אים דאָ טרעפן איינעם אַליין מיט פרעמדע קאַלאָשן אויף די פיס און ווייל קיין פיל צייט איז שוין נישט געווען — איז ער געשווינד מיט די קאַלאָשן אויף די פיס אַרויס אין פינצטערן קאָרידאָר. דאָרט איז ער באַלד געקומען צו זיך, און זיך באַלד דערמאָנט, אַז די קאַלאָשן זענען דעם אָנקל פריצעס, נאָר אָפּשטעלן זיך איז שוין געווען שפּעט — פון אונטן איז מיט אַ ליכט אין האַנט שוין געגאַנגען דער אָנקל פריץ. — אָפּשטעלן זיך האָט געהייסן: אַריינפאַלן, ווי אַ גנב, אין די הענט פון אָנקל פריץ — אַ צו פּשוטן מענטשן אויף צו פאַרשטיין דעם קאָמפּליצירט־פּסיכישן צושטאַנד פון אַ דיכטער, וואָס דורך אַריינשטעקן די פיס אין פרעמדע קאַלאָשן איז ער אויסן געווען נישט מער, ווי אומקערן זיך אויף איין רגע צו זיינע אַמאָליקע, קינדערשע געפילן.

ווענצל האָט דעריבער אין געלויף אַ שליידער געטון פון די פיס ביידע קאַלאָשן און איז אַ באַפרייטער אַרויס אין דרויסן.

מאַקס ווענצל האָט אַ געבענטשטע נאַטור:

ווי נאָר ער באַפרייט זיך פון אַן אומגליק, אַזוי גלייך פאַרגעסט ער אָן אים.

ווי נאָר ער איז ביים אָראַניענבורגער טויער גאַנץ מיטן לעבן אַריין אינם מענטשן־פלאָנטער, וואָס ציט זיך צו די באַנען פון „שטאָט״־, „הויך״־ און „אונטערגרונד״־, אַזוי באַלד איז פאַר אים דער אָנקל פריץ מיט זיינע קאַלאָשן געוואָרן נישט מער ווי אַ נעפּלדיק־ווייטער חלום, ווי עפּעס אַן אומגליק, וואָס האָט אַמאָל, אַמאָל געטראָפן מיט זיינעם אַן עלטער־עלטער־זיידן. ווענצל אַליין — זיין קאָפּ, זיין האַרץ און אפילו זיינע הענט, די טיף־פאַררוקטע אין די הויזנטאַשן — אַלץ, וואָס אין אים, איז איצט געווען פול מיט פאַרדרוס

אויף זיך אַליין, אלמאי ער האָט איצט, צו נאַכט־צו, זיך נישט פאַר־זאָרגט מיט אַ וועלכן נישט איז באַגער — באַגערן קאָסטן דאָך קיין געלט נישט. וואָלט זיך אים איצט גלוסטן, כאָטש לאָמיר זאָגן:

— עסן.

— שלאָפן

— אָדער אפילו — צו מיידלעך.

שרעקלעך!

אַזאַ לאַנגע קאַלטע אָסיען-נאַכט, און ער — איינער אַליין אין אָט דער נאַכט — אַליין, אָן איין אייגציקן באַגער.

— נו גוט.

— זאָל זיין, אַז ער, ווענצל, איז דאָס ביליקסטע באַשעפעניש אין דער וועלט.

— דער סאַמע פוסטער צווישן אַלע מיליאָנען בריאים, וואָס האָבן דאָ אין שטאָט אָפּגעהאָרעוועט אָדער אָפּגעפוסטעוועט אַ טאָג און זיך צעטיילט אויף שלאָפן און אויף הוליען.

—פונדעסטוועגן בלייבט ער דאָך ווענצל — אַ דיכטער...

— נו, געפועלט!

— זאָל זיין, אַז גערעכט זענען אַלע, אַלע — גערעכט זענען סיי די אָרעמע, סיי די רייכע, וואָס דאַרפן אים נישט.

— גערעכט זענען צווישן די „הוליענדיקע" אַלע קריטיקער, וואָס אָנערקענען אים נישט; גערעכט זענען אַלע צייטונגען און זשור־נאַלן, וואָס קערן אים אום צוריק זיינע לידער.

— נו גוט.

זאָל זיין, אַז ער איז קיין דיכטער אויך נישט. ער, ווענצל אַליין, איז גרייט אין דעם מודה צו זיין אַלע פרימאָרגן, בעת ער כאַפּט זיך אויף פונם שלאָף, נאָר אַלע פרימאָרגן פאַלן אים ביינייס אַריין אין די הענט פרישע צייטונגען און זשורנאַלן, און ער זעט: די לידער, וואָס מ'דרוקט אין זיי, זענען הונדערט מאָל ערגער פון זיינע, טויזנט מאָל ערגער פון זיינע. אין אַלע רעדאַקציעס זיצן שווינדלער, גראָבע קעפּ, אונטערגעקויפטע מענטשן. בלויז צוויי מענטשן האָבן זיך געקאָנט פאַר־גינען דעם לוקסוס צו זיין אָרנטלעך און פאַרשטענדלעך—איינער פון זיי איז דער האָריקער מאָלער באַבאַ, וואָס וווינט אין זיין שטויביקער

אַטעליע אינם זעלבן הויז, ווו נידעריקער מיט אַ פּאָר גאָרן וווינט ווענצל, און דער צווייטער — דער קריטיקער דאָקטאָר מער — דער איינציקער פון אַלע קריטיקער, וואָס האָט ווענצלען געזאָגט, אַז אין זיינע לידער איז ער גרויס:

— „איך האָב מורא צו זאָגן: גאוניש".

נאָר דער האָריקער מאָלער באַבאָ איז אַליין אויך, פּונקט ווי ווענצל, נישט אָנערקענט נישט פון קאָלעגן מאָלער און נישט פון קריטיקער; ער האָט קיינמאָל גאָרנישט אויסגעשטעלט און גאָרנישט פאַרקויפט. אַלע זיינע בילדער הענגען אויף זיין בוידעם, ווי מתים, וואָס ווילן נאָכן טויט עסן... אָנשטאָט צו געבן זיי עסן, שמירט זיי באַבאָ אַלע מאָל איבער מיט נייע פאַרבן.

און דער קריטיקער, דאָקטאָר מער, איז נאָך צוריק מיט אַ יאָר דריי געשטאָרבן פון אַ פּאָפּלעקציע. אַחוץ דעם, וואָס ער האָט זיך פון צייט צו צייט באַשעפטיקט מיט קריטיק, האָט ער נאָך געהאַט אַ באַקטעריאָלאָגישן קאַבינעט און איז אין לעבן געווען אַ פילאָסאָף.

— איז אַלץ איינס,—האָט ער געלערנט ווענצלען, — ס'איז אַלץ איינס, צי די וועלט אָנערקענט דיך פאַר אַ גאון, אָדער דו אָנערקענסט זי פאַר אַ טויגנישט — די דיסטאַנץ בלייבט די זעלבע...

איצט איז שוין ווענצל טיף אין יענעם צושטאַנד, ווען ער גייט לאַנגע שעהן איבער די גאַסן און ווייסט נישט, אַז ער גייט איבער זיי; זיינע אַראָפּגעלאָזטע בייז־אויסגעגלאָצטע אויגן זעען נישט, ווי בייז און פעסט עס שפּאַנען זיינע פיס. זיין פּנים איז פאַרקרומט פון עקל צו אַלע גראָבע קעפּ — קריטיקער. ער איז פול מיט פאַר־דרוס און באַמערקט נישט, אַז ער גייט שוין לאַנג.

— צום רוח!—שעלט ער אָן לשון און פאַרקוועטשט שטאַרק די ציין, — צום רוח.

ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַריבערגעשפּאַנט איבער יום־טובדיק־באַלויכטענע קייטן־בריקן; ער, ווענצל, דאַרף אָט די בריקן אויף כּפּרות. אונטער די בריקן דרעמלט רויק די וואָלעדיק־בייזע שפּרעע— אַ טייך, וואָס די אומגעהויער־גרויסע שטאָט דאַרף אים האָבן אויף אָפּצושפּיגלען אין אים אירע יום־טובדיקע ליכט און כּדי עס זאָלן אין יאושדיקע שעהן האָבן וווהין זיך אַריינוואַרפן אַזעלכע מענטשן, ווי ער — ווענצל.

— צום רוח,—שעלט ווענצל, און אים איז אַלצאיינס, וועמען זיין קללה זאָל אָנגיין.

פזן מיטן אַ נייער גאַס שיינט אַ נייע אומענדלעכע שורה הענגענדיקע לאַמטערנס. אין אַ צווייטער און אין א דריטער גאַס שיינען ווידער אַזעלכע—ווייסע, ווי גרויסע לייכטנדיקע אייער. רויטע גאָלדענע רעקלאַמע־פייערלעך האָבן אין זינען וויכטיקערע מענטשן, ווי ווענצל, און ווינקען צו אים צופיל גרינגשעציק:

— נישט זיך מיינט מען...

אַ פאַרמעט־געלער דראָשקער אין אַ הויקערדיקער פעלערינע איז אַלט, ווי זיין ציילינדער און ווי זיין פערד, וואָס קאָן צוויי זאַכן: קייען און פאַסקודען דאָ אין עק ראָג, וווּ עס שטייט שעהן־לאַנג איינגעשפּאַנט אָן שום נוצן. דער אַלטער דראָשקער דראַפּעט זיך שווער אויף די הויכע קאָזלעס און שעלט די אַרומיקע אומרייק־לויפנדיקע אויטאָמאָבילן:

— אין לאָנדאָן,—רעדט ער צו זיך אַליין,—אין לאָנדאָן וועט קיין שום לייטישער מענטש מיט אָט דעם שטינקעכץ נישט פאָרן. דאָרט איז—נאָר מיט פערד, נאָר מיט פערד...

רווישיקע אייזערנע רעדער פאַרטויבן ביי ווענצלען איין אויער, און דער אַנדערער אויער הערט נאָך אַלץ, ווי דער אַלטער דראָשקער שעלט זיך. ווענצלס פיס ווערן עפּעס מיט אַמאָל זייער דינע, ווי דרעטלעך, און טוען אין שרעק אַ יאָג הין־און־צוריק. אַרום אים— אַ פלאָנטער, אַ געווירבל פון אויטאָמאָבילן, טראַמווייען, וועליסאָפּעדן, משא־וואָגנס און פיסגייער. אַלץ יאָגט אַהער, ווי צו איין פינטל פון פיר גאַסן. אויף אַ רגע ווערט צווישן זיי פאַרלוירן די מאַנעקענישע־אייזערנע קעפּקע פונם אויסגעצויגענעם פּאָליציימאַן. הויך אויף אַ בלינדער וואַנט בלענדן קרומע רעקלאַמע־אותיות און אין אַ בעכער פון עלעקטרישע לעמפּלעך גיסט זיך אָן אויפהער ווין פון אַן עלעקטרישער פלאַש, גיסט זיך און גיסט זיך, און דער בעכער איז אַלץ ליידיק.

— ווי דאָס גאַנצע לעבן דאָ אין שטאָט,—טראַכט ווענצל,— ווי דאָס גאַנצע לעבן...

פונם ראָג טוט אַ בליק דאָס בלאַסע פּנים פון אַ זונה; נאָך

איר געבן אַ שפּאַציר די פּיס פון אַ צווייטער, פון אַ דריטער, פון צענטליקער, וואָס שלעפּן זיך אַרום איינציקווייז און פּאָרלעכווייז רעכטס און לינקס אויף די טראָטואַרן. אין איין אויגנבליק דערקענט ווענצל סיי די שפּעטקייט פון דער שעה, סיי די גאַס.

אַך יאָ, אויף באַזונדערע כאַראַקטערן און טיפּן טיילן זיך אין אָט דער גוואַלדאָוונער שטאָט נישט די מענטשן, נאָר די גאַסן. די הויכע בלינדע רעקלאַמע-וואַנט, וואָס האָט אין איר שכנות אַ דאַך פון אַ קליין צווייגאָרנדיק מויערל, מאַכט די גאַנצע גאַס העסלעך, ווי אַ מיאוסע נאָז—דאָס פּנים פון אַ מענטשן. ווענצל דערקענט די גאַס אין אָט דער מיאוסער נאָז אירער—ער איז אויף דער אינוואַלידן־שטראַסע, ער געפינט זיך צווישן אומצאָליקע ביינאַכטיקע גאַסנ־מיידלעך, וואָס שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן, אויסקוקנדיק און פאַר־טשעפּענדיק יעדן מאַנסביל.

מיט אָט די מיידלעך האָט ער אַלטע פריינטלעכע באַציונגען. די מיידלעך ווייסן: אַזאַ יונגערמאַן אָן אַ פּאַלטאָ, וואָס האַלט די הענט אין די הויזן-טאַשן, וועט זיי פיל גרינגער אָפּגעבן די לעצטע עטלעכע גראָשנס איידער פאַרשידענע זאָרגלאָזע און רייכע יונגע־לייט—זיי טוען זיך צו אים ליבלעך אַ לאָז פון אַלע זייטן.

נאָר ווענצל איז אַ מענטש אַן אָרנטלעכער און זאָגט זיי גלייך אויס דעם אמת: די לעצטע עטלעכע גראָשנס האָט ער שוין לאַנג אָפּגעגעבן איינער פון זיי; ער געדענקט נאָר נישט פּינקטלעך, וועלכער; ער קוקט זיי אין די פּנימער, בעת זיי רינגלען אים אַרום און ווייזט אָן מיט אַ פינגער:

— אפשר אָט דער, אַ?...

— און אפשר דיר... אַ?... נישט דיר?

פאַראַן צווישן זיי בייזע, וואָס טרעטן גלייך אָפּ פון אים, איינע פרעגט מיט גאַל:

— ננאַ!... וואָס-זשע ביסטו אַהער געקומען? אָנקוקן אַ כלה?

נאָר פאַראַן אַנדערע, וואָס איילן נישט פון אים אַוועקצוגיין. געווען דאָ אַמאָל צווישן זיי איינע אַ קליינוווקסיקע מיט אַ פאַרריסן נעזל, וואָס האָט אים פון רחמנות פאַרבעטן צו זיך אַהיים:

— גיט אים קאַווע! — האָט זי דאָרט אַ געשריי געטון צו דער באַלעבאָסטע, — אויף מיין חשבון!

און אַליין איז זי געשווינד אַוועקגעלאָפן צוריק אין גאַס אויס־קוקן מאַנסבילן.

אויך איצט שטייט לעבן אים, לענגער ווי אַלע, איינע אַ וואָק־סיקע, אַ בלאַסע; ערגעץ טיף אין זיך גלויבט זי אָפּנים נישט, אַז ער מיינט עס באמת — אָט דאָס, וואָס ער זאָגט: „די לעצטע עט־לעכע גראָשן האָב איך שוין לאַנג עמעצן פון אייך אָפּגעגעבן", זי האָט אַ חשד, אַז ער זאָגט עס צוליב חכמענען זיך.

— קום, — זאָגט זי צו אים, — קום אַביסל שפּאַצירן.

זי איז אָבער פון דער אַנדערער זייט נישט זיכער, אַז ער פאַרמאָגט נאָך יאָ אַ פּאָר גראָשן; איר איז לאַנגווייליק און, בעת זי גייט מיט אים, לאָזט זי דעריבער נישט אַדורך קיין איין פאַר־ביייגייענדיקן מאַנסביל, זי זאָל אים נישט פאַרטשעפּען.

— איך וואָלט, פאַרשטייט מען, — הייבט װענצל אָן צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס, — איך וואָלט, פאַרשטייט מען, איצט געקאָנט זיצן אינדערהיים און שרייבן לידער, נאָר אַרומגיין אָט דאָ מיט דיר איז אויך נישט קיין שלעכטע זאַך...

דאָס מיידל קוקט צו צווי ביינאַכטיק־לוסטיקע יונגעלייט, וואָס גייען אַהער פון אַקעגנדיקן ראָג, און הערט ווענצלען נישט מער, ווי מיט איין אויער. ווענצל קוקט אויף איר מיט מורא, אַז אָט־אָט ווערט ער איר לאַנגווייליק.

— אָט אַזאַ מיידל, ווי דו, — זאָגט ער צו איר, — וועל איך איצט מאָלן אין מיין גרויסער פּאָעמע „בערלין". איך האָב איינמאָל פאַר־נאַכט, ביי זון־אונטערגאַנג געזען פּונקט אַזאַ בלאַס מיידל, ווי דו. זי איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום ערשטן גרויסן דענקמאָל, וואָס צווישן זיגעס־אַלעע און בראַנדעבורגער טויער, און האָט געבראָכן מיט נשמה, מיט האַרץ, געבראָכן פאַר גאַנץ בערלין... אָט אַזוי וועט זיך אָנהייבן מיין פּאָעמע...

נאָר דאָס מיידל האָט זיך שוין אַנטוישט אָן די צוויי פאַר־ביייגעגאַנגענע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך מיט איר בלויז אַ וויצל געטון; זי קוקט זיי נאָך, ווי פריילעך זיי שטויסן איינער דעם

אַנדערן, איינער רוקט אָן דעם צווייטן דעם הוט איבער די אויערן. ווענצלס פּאָמפּע נעמט זי נישט. זי טוט אַ זיפץ:

— איז וואָס וועט זיין דער סוף? — פרעגט זי ביי אים.

— דער סוף?...

ווענצל טוט זיך אַ פּאָמפּע, כדי אַ שיט צו געבן מיט אַפּאָריזמען און מיט אַמאָל פאַראינטערעסירן מיט זיך דאָס מיידל:

— דער סוף, — טוט ער אַ קייע, — דער סוף איז נישט אינטערעסאַנט, עקלהאַפט, מיאוס. ווי דער סוף פון אַ מענטשן, ווי דער סוף פון אונזער פּלאַנעטע, אויף וועלכער איך מיט דיר לעבן איצט; דער סוף איז קיינמאָל נישטאָ און דעריבער איז ער אַן אויסגעטראַכטער, אַ ליגן. מיינע לידער, זאָגט מען מיר, טויגן נישט, ווייל זיי האָבן קיין סוף נישט. מ'וויל, איך זאָל זאָגן ליגן, וועט מען מיך אָנערקענען. נאָר ווענצל זאָגט קיין ליגן נישט פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט, אפילו נישט פאַר אָנערקענונג. ווענצל איז דער אמת, דער ריינער אמת; דו פאַרשרייב עס ביי זיך: אין אַזאַ און אַזאַ אָסיען-נאַכט, אַרום דריי אַזייגער האָסטו באַגעגנט דעם „אמת" פון דער שטאָט בערלין — אָט אַזוי האָט ער אויסגעזען: אָן אַ פּאַלטאָ, מיט הענט פאַררוקטע אין די ליידיקע הויזן-טאַשן, ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצע נאַכט אין גאַס, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וואַרט אויף אים אינדערהיים דער באַלעבאָס פון זיין צימער — דער מענטש, וואָס האַלט, אַז יעדער זאַך מוז האָבן אַ סוף — און וועט ביי אים מאָנען דירה-געלט...

איצט האָרט אים שוין מער נישט, וואָס דאָס מיידל הערט אים נישט, וואָס זי האָט אים געלאָזט איינעם אַליין, וואָס זי האָט אין עק קוואַרטאַל געפּאַקט עפּעס איינעם אַ שיכור און איז מיט אים באַשעפּטיקט אַוועק צו זיך אַהיים. ער אַליין איז פול מיט התפּעלות פון דעם, וואָס ער האָט דעם מיידל נאָר-וואָס געזאָגט און פון דעם, וואָס ער האָט נאָך צו זאָגן און צו זאָגן:

— ער אַליין, ווענצל, אָנם פּאַלטאָ, מיט די הענט פאַררוקט אין די הויזן-טאַשן איז דער אמת פון בערלין — ער אַליין איז יענץ מיידל, וואָס ברעכט אויס דעם ליגן פון אָט דער שטאָט לעבן דענקמאָל, וואָס פאַרן בראַנדעבורגער טויער. ער איז די אייביקייט, ער איז

דער קאָסמאָס, ער איז גאוניש, זיינע פּאָעמען, זיינע לידער פאַר־שטייט נישט קיינער פון אָט די פערד, וואָס זיצן אין די רעדאַק־ציעס. „זיי״ שאַצן דאָס לידער!... משכנות שאַצן אין אַ לאָמבאַרד וואָלט מען זיי באַדאַרפט אַוועקזעצן, אָט די גראָבע קעפּ און פאַר־שטאָפּטע הערצער. בלויז איין מענטש האָט פאַרשטאַנען צו שעצן: דאָס איז געווען דער דאָקטאָר מער, וואָס איז פּלוצים געשטאָרבן פון אַ פּאָפּלעקציע און וואָס אַחוץ זיין באַשעפטיקונג מיט קריטיק האָט ער נאָך געהאַט אַ באַקטעריאָלאָגישן קאַבינעט און איז אין לעבן גע־ווען אַ פילאָסאָף.

איצט געפינט זיך שוין ווענצל ווידער אין יענעם צושטאַנד, ווען ער גייט לאַנגע שעהן און באַמערקט נישט, ווי לעבעדיק און פעסט עס שפּאַנען זיינע פיס. זיין פנים איז פאַרקרומט. ביי יעדן אויסגליטש קלעמט ער די ציין און איז גרייט מכבד זיין מיט אַ קללה דווקא דעם געשטאָרבענעם דאָקטאָר מער:

— עס זאָל אים כאָטש איבערקערן דאָרט אין קבר!

ווען אָט דער קריטיקער זאָל אים נישט געווען זאָגן, אַז אין זיינע לידער איז ער גרויס, ער האָט מורא צו זאָגן „גאוניש״, וואָלט ער, ווענצל, איצט געווען אַ שוסטער, אַ שניידער. יעדנפאַלס קומט אים אָט די קללה, — אַזוי מיינט ווענצל — זי קומט אים, ווייל ווען נישט ער, דער דאָקטאָר מער, וואָס האָט זיך זיינס אָפּגעזאָגט און איז געשטאָרבן, וואָלט ער, ווענצל, זיך איצט געוויס נישט געווען אַזוי שטאַרק געמאַטערט אויף דער וועלט.

מיטן גרויען שאַריען דרייט ער זיך אַרום אַ מידער לעבן דעם אַלטן אָפּגעליפּעטן הויז, וווּ ער וווינט. אַ שליסל צו דער טיר האָט ער, נאָר ער האָט מורא אַריינצוגיין, טאָמער וועט דערהערן דער באַ־לעבאָס און וועט צושטיין צו אים מיט די שטענדיקע טענות:

— אָדער נאָך היינט אַרויסקלייבן זיך, אָדער צאָלן דירה־געלט.

פון אַקעגנדיקן טראָטואַר קוקט ער אַרויף צום הויכן בוידעם־פענצטערל, וווּ עס וווינט דער צווייטער אמת פון בערלין, דער האָ־ריקער, פון קיינעם נישט אָנערקענטער מאָלער באַבאַ. צולעצט הייבט ער זייער שטיל זיך אויף מיט די טרעפּ ביזן סאַמע בוידעם און גע־פינט דאָרט אויפן אָפּגעשמועסטן אָרט דאָס שליסעלע צו באַבאָס טיר.

באַבאָ איז נישטאָ אינדערהיים. פון אומעטום, פון די באַנטעס, פון אַלע אַרומיקע בוידעם־שיפּועים קוקן אויף אים אַראָפּ, ווי מתים, וואָס מאָנען נאָכן טויט עסן, באַבאָס הונדערט מאָל איבערגעשמירטע קאַרטאָ־נען און לייוונטן. ווענצל שאַרט צונויף אין הינקל אַריין אַלע מעגלעכע שמאַטעס און לייגט זיך דאָרט אַוועק צונויפגעקוצערובעט, מיטן פּנים צו דער שטויביקער וואַנט און מיט אַ האַלב־צופרידענעם זיפץ, וואָס פון אַלע נעכט, וואָס ער האָט אין בערלין אָפּצוקומען, איז אים שוין געבליבן מיט איין נאָכט ווייניקער.

מאָרגן וועט דאָך ווידער זיין אַזאַ נאַכט.

צווישן דרעמלדיקע אַרבעטער־פּערטלען און הוליענדיקע צענטרען, וועלן נישט־אָרעמע און נישט־רייכע בערלינער שמעקן מיט אַ ריח פון גוטאַפּערטש און פון פיל אויסגעטרונקענע פעסער ביר, זיי וועלן אַזוי שמעקן מיט זייערע מיידלער און לייבער, מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט אַלע זייערע וויאָרסטן־לאַנגע נישט־אָרעמע און נישט־רייכע גאַסן, זיי וועלן טרינקען ביר אין רויך פון העל־באַלויכטענע ביר־האַלעס און וועלן לאַכן. לאַכן, ווי ערב־מענטשן.

איצט שלאָפט ווענצל.

אין חלום קומט צו אים דער געשטאָרבענער קריטיקער דאָק־טאָר מער, אָט דער, וואָס אַחוץ זיינע אַלע באַשעפטיקונגען איז ער אין לעבן געווען אַ פילאָסאָף; ער זיצט איבער ווענצלען אָנגעבויגן, ער פאַרזיכערט אים, אַז אין זיינע לידער, איז ער גרויס, ער האָט מורא צו זאָגן „גאוניש", נאָר אויפגערעגט איז נישטאָ פון וואָס צו זיין.

— עס איז אַלצאיינס,—לערנט ער אים,—עס איז אַלצאיינס, צי די וועלט אָנערקענט דיך פאַר אַ גאון, אָדער דו אָנערקענסט זי פאַר אַ טויגנישט—די דיסטאַנץ בלייבט די זעלבע!

# צוויי רוצחים

# צוויי רוצחים

אויף קאָטבוסער־דאַם, ביי דער פֿרוי הילדע גינטער אין קיך ליגט אויף אַ קליינעם געשטריקטן טעפּיכל דער האָריקער טעל — אַ גרויסער וואָלפֿישער הונט מיט אַ שאַרפֿן פֿאַרשפּיצטן פּיסק און האַלט דעם קאָפּ פֿעסט אויף די פֿעדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס. טעל מאַכט זיך, ווי ער דרעמלט. אין דער אמתן איז ער וואַך. זיינע קליינע, כמעט מענטשלעכע אויגן שליסן זיך מיט ברוגזער און פֿוילער פֿאַרגלאָצטקייט אַלעמאָל, ווען עמעצער וויל אין זיי אַריינקוקן.

און אויף אַריינצוקוקן אין טעלס אויגן זיינען געווען בעלנים אַסאַך, אַסאַך — טעל איז דער סאַמע באַרימסטער צווישן אַלע זעקס הונדערט טויזנט הינט, וואָס די שטאָט בערלין פֿאַרמאָגט. וועגן אים האָט מען איינמאָל געשריבן אין די צייטונגען און פֿונאַנדערגעשיקט דעפּעשן אין אַלע לענדער; וועגן אים האָט געזאָלט פֿאָרקומען אַ געריכט מיט אַן אויספֿאָרשער, מיט אַ באַשולדיקער און מיט אַ פּאַרטייִדיקער. אויב דער געריכט איז ניט פֿאָרגעקומען, איז דאָס בלויז דערפֿאַר, וואָס דער מערדער און רוצח טעל איז סוף־כּל־סוף ניט מער, ווי אַ הונט — פֿון זיין רציחה האָט ער נאָר באַקומען אַ נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט און מער גאָר.

די פֿרוי הילדע גינטער, צו וועמען טעל קער, איז אַ קריגס־אלמנה. איר מאַן, דער פֿאָטאָגראַף הערבערט גינטער, איז אומגעקומען אין וועלט־קריג — קאָן מען זאָגן העלדיש, ווי אַ בין ביים מאַכן האָניק. די פֿרוי הילדע גינטער איז אַ מיטלוווקסיקע, פֿעט־געוואָרענע דייטשקע מיט פֿאַרשווומענע שוואַרצע אייגעלעך, מיט אַ בכּבֿודיקן בוזעם און

מיט אַסאַך גוידערס אונטערן מויל. זי איז אַ גוטמוטיקע, ווי אַ זאַטע גבירישע קעכין איז גוטמוטיק אין דער צייט, ווען אירע באַלעבאַטים זייַנען אויף לאַנג אַוועקגעפאָרן און האָבן איר קיין אַרבעט ניט גע-לאָזט. זי זאָגט „יוט" אָנשטאָט „גוט" און נאָך יעדע פּאָר ווערטער, וואָס זי רעדט אויס, גיט זי צו מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך באמת געוואָלט מיט אייך אַן עצה האַלטן:

—ניכט?

—ניכט וואַר?

די לעבט פון דער פּענסיע, וואָס זי באַקומט, ווי אַ פרוי פון אַן אומגעקומענעם לייטענאַנט, און אויסער דעם פאַרדינגט זי דאָס גרעסטע און טונקלסטע פון אירע דריי צימערן—קיין קינדער האָט זי ניט.

איצט וווינט ביי איר אין צימער דער אוקראַינישער עמיגראַנט אַנטאָן זאַרעמבאָ—אַ געוועזענער וואָלאָסט-שרייבער, אַן אַנטלאָפענער אַטאַמאַן פון אַ קליינער באַנדע, וואָס האָט באַראַבעוועט און געקוילעט יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע. זאַרעמבאָ איז תּמיד אויסגעפּוצט אין אוקראַיניש-פאַבריקע אויסגענייטע נאַציאָנאַלע קליידער, ווייל ער גע-הערט צו אַן אוקראַינישער קאָמפּאַניע באַלאַלייקע-שפּילער, וואָס שפּילן אַ גאַנצע נאַכט שיכּורעהייט ערגעץ אין אַ ביינאַכטיקן רעסטאָראַן-קאַבאַ-רעט. זיין געשטיפּלט פּנים איז פול מיט דרעמל, ווייל ער איז די פריערדיקע נאַכט ניט געשלאָפן און ווייל אויך אין דער היינטיקער נאַכט שטייט אים פאָר צו זיין וואַך און מיט זיין שיכּורן הוליען אָנשטעקן אין רעסטאָראַן די געסט. אין בערלין געפינט ער זיך שוין אַ יאָר פינף און זיך אויסגעלערנט קוים-קוים צו פאַרשטיין און צו בעלעמעטשן אַ ביסל דייטש. ביי דער פרוי גינטער וווינט ער ערשט דעם דריטן טאָג. איצט זיצט ער א שפּעט אויפגעשטאַנענער ביי דער דייטשקע אין קיך און די דייטשקע טוט מיט אים דאָס, וואָס זי טוט אין דער ערשטער צייט מיט אַלע אירע נייע קוואַרטיראַנטן—זי פויעט אים דערווייל נאָך מיט אמתער קאַווע און דערציילט אים די געשיכ-טע פון איר וועלט-באַרימטן, קלוגן און פאַרברעכערשן הונט:

—אַ הונט,—זאָגט פרוי גינטער,—איז ווי אַ מענטש, ניכט? דאָס ווייסן אַלע, ניכט וואַר? נאָר אַז אַ הונט זאָל זיין אייפערזיכטיק, ווי

אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש, זאָגן מיר, ווי אַ מאַן און נאָך מער, ווי אַ מאַן—וועגן דעם האָט זיך קיינעם אפילו קיינמאָל ניט געחלומט, ניט וואָר?

זי קוקט אויף טעלן מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דעם הונט זאָגן: „ביסטו אַ ממזר!״ און פֿאַרשנורעוועט דעם פעטן פּיסק, ווי אויף אַ קוש צו טון:

— און אייפערזיכטיק איז טעל בלויז צו מיר, נאָר צו מיר און ווייטער צו קיינעם נישט.

זי שטרעקט אויס זאַרעמבאָן אַ קורצע רויטע האַנט מיט אַ ווייך־פֿאַרשוואומען פּויסטל, ווי ביי אַ קצבטע, און זאָגט צו אים, אַוועקקוקנדיק כלומרשט אָן אַ זייט:

— אַנו, פּרוווט, ווילט מיך אָנרירן ביי דער האַנט...

דער געשטופּלטער זאַרעמבאָ טוט עס זייער פּאַמעלעך, זייער פֿויל, נאָר מיט פֿאַרגעניגן. אים געפֿעלט די ווייכע זעקס־פֿודיקע און גוטמוטיקע באַלעבאָסטע. איר טשיקאַווער אַרט גרעגערן אויף דייטש דערמאָנט אים אָן דעם היימישן אַרט גרעגערן פֿון די יידישע ווייבער אין יענע קליינע אוקראַינישע שטעטלעך, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט זיין באַנדע געראַבעוועט און געקוילעט; עס רופט אַרויס אין אים אַ בענקשאַפֿט צו זיין אייגן דאָרף.

נאָר איידער ער באַוויזט נאָך ווי געהעריק אָנצונעמען פֿרוי גינ־טער פֿאַר דער האַנט, מאַכט טעל אויף די דרעמלדיקע אויגן, די ווייכע ליפּן, וואָס אַרום זיין שאַרפֿן פּיסק, באַווייזן זייער אינעווייניק־סטע בלוטיקע און פֿייכ.ע רויטקייט, און טיף פֿון זיין גאָרגל און פֿון זיינע געדערים דערהערט זיך אַזאַ בייזער כאָרכל, ווי אַ גאַנצער מניין מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל גענומען שווענקען די העלזער:

— כעררררר... כעררררר, — בייזערט ער זיך, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פֿון זיינע פֿאָדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס, און קוקט מיט פֿאַרגלאָצטע רציחהדיקע אויגן אויף זאַרעמבאָן. — כעררררר...

— איר זעט? — זאָגט די גראָבע דייטשקע,—איר זעט צי ניין?...

און אין דעם, ווי אַזוי אירע שוואַרצע, פֿאַרשוואומענע אייגעלעך שמייכלען, איז צו זען, אַז זי איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס דער הונט איז אין איר פֿאַרליבט, און איז צו איר אַזוי שטאַרק אייפערזיכטיק.

— ער וועט צו מיר ניט צולאָזן. — זאָגט זי. — אין קיין פאַל.

זאַרעמבאָן איז אַ שאָד, וואָס דער הונט שטערט אים די געלעגנ-הייט צו ווערן מיט דער באַלעבאָסטע היימיש. ער מוז זיך אָפּזאָגן פון אָננעמען זי ביי דער האַנט. פון זיין אַלטער, יאָרן-לאַנגער פּראַקטיק געדענקט ער, אַז אַלע גוטע זאַכן הויבן זיך אָן פון „אָננעמען ביי דער האַנט".

דער גרויסער און האָריקער וואָלפעשער הונט וואַרפט אָן אויף אים אַ שרעק. דערצו נאָך האָט ביי זיך פרוי גינטער אַ גאַנצן פּאַק מיט צייטונג-אויסשניטן — גאַנצע פּעק מיט באַווייזן, אַז די שרעקלעכע זאַך, וואָס זי דערציילט וועגן איר פאַרברעכערישן הונט, איז אַן אמת; קורץ: פון אייפערזיכטיקייט צו דער פרוי גינטער האָט טעל איבערגע-ריסן דעם האַלז פון אַן אַכט-חדשימדיק קינד.

דער פרוי גינטער האָט שוין איינמאָל אפילו שיער נישט געהאַט דערעסן צו דערציילן דאָס יעדערן באַזונדער. צו איר פלעגן דאַן פון פרימאָרגן ביז נאַכט לויפן צייטונגס-לייט, און פאַר יעדן פון זיי פלעגט זי מוזן אויסלייגן די מעשה פונם אָנהייב ביזן סוף. אַלע פלעגן שליי-גען אירע ווערטער און זיי פאַרשרייבן אין גרויס כאַפּעניש.

נאָר פון דאַן אָן זענען שוין אַריבער פיל טעג. אָן טעלן, וועלכן מע האָט דעגנטסמאָל געמאָלט און פאָטאָגראַפירט אין פאַרשידענע פּאָ-זעס, האָבן אומדאַנקבאַרע מענטשן פאַרגעסן, ווי זיי פאַרגעסן בכלל אָן אַלערליי גרויסע זעלטנהייטן.

טעל, זעט אויס, איז אויף אָט די מענטשן באַליידיקט, פרוי גינ-טער—אויך, און מיט אַ באַזונדערע הנאה דערציילט זי איצט ביינייס די געשיכטע איר נייעם קוואַרטיראַנט. ווער איז טעל געווען, בשעת ער איז אַריינגעפאַלן צו איר אין די הענט?—אַ גאָרנישט איז ער גע-ווען; אַ באַשעפעניש, וואָס איז קוים אַלט אַ יאָר און צייכנט זיך אויס בלויז מיט דעם, וואָס ער איז אַ קלוג נייגיריק הינטל — אַ קאָמיקער. ער האָט ליב געהאַט אומעטום אַריינצושטעקן די נאָז, זיך שאַרן אַרום איר, דער פרוי גינטער, און אָן אויפהער לעקן, לעקן אירע הענט.

געקויפט האָט זי אים אין יענער צייט. ווען איר מאַן איז גע-פאַלן אין קריג, און זי איז געבליבן איינע אַליין. אַלע מאָל, ווען זי פלעגט טעלן איבערלאָזן אַליין אין דער געשלאָסענער וווינונג און

נאָכדעם זיך אומקערן, פלעגט ער זיך וואַרפן אויף איר מיט גרויס פרייד, און דאָס קאָן בלויז פאַרשאַפן פיל שפאַס, ניכט וואַר?..

אָט אַזוי איז טעל ביי איר אין וווינונג אָפּגעווען גאַנצע דריי יאָר. נאָר איינמאָל אין אַ זונטיק איז פרוי גינטער געגאַנגען מיט אירע שכנות אָנקוקן אַ יתומים־הויז און האָט דאָרט דערזען אייניקע ביי־געבוירענע קינדער, וואָס האָבן אויך פאַרשאַפט פיל שפאַס, ניכט וואַר?.. איבערהויפט איז איר דאָרט געפעלן איינס אַ קליינינקס פון אַ חדשים זיבן. דאָס קליינע האָט, ליגנדיק אין די קישעלעך, געשליור־נעט, געשטופּט אַ פויסטל אין מייל און האָט גערעדט אַזוי פריי־לעך, אַז די שכנות האָבן זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צוצורעדן, זי זאָל עס נעמען אויף אויפציִען צו זיך אַהיים. זי האָט דעמאָלט אפילו צו אירע שכנות געזאָגט, אַז זי האָט שוין טעלן, נאָר די שכנות האָבן זי דאָך צוגערעדט צום קליינעם, ווייל עס איז זייער „קנאָרקע" (טשיקאַווע), ניכט וואַר?.. אויסער דעם האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אויב מען נעמט פון יתומים־הויז אַ קליין קינד צו זיך אַהיים, באַ־קומט מען נאָך דערפאַר צוגעצאָלט פאַר אַלע אויסגאַבן. זי האָט דע־ריבער דאָס קינד צו זיך גענומען. זי האָט עס געבראַכט צו זיך אַהיים אין די קישעלעך און האָט עס באַוויזן טעלן. פון אָנהויב האָט עס טעל מער אָדער ווייניקער רויק אַרומגעשמעקט, נאָר נאָכדעם, אַז ער האָט צווישן די פונאַנדערגעוויקלטע קישעלעך דערזען אַ לעבעדיק קינדעלע, האָט ער אָנגעהויבן דערויף זייער שטאַרק צו בילן, בילן און שפרינגען, אַזוי, אַז זי האָט געמוזט אויף טעלן זיך אָנבייזערן, טופּען אויף אים מיט די פיס און שרייען:

— פוי!.. פוי!..

נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. טעל האָט זיך באַרויִקט, ווען זי האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט, און האָט איבער אַ נייעס געשפרונגען און געמאַכט גרויסע גוואַלדן אַלעמאָל, ווען זי האָט דאָס קינד צוריק־גענומען אויף אירע הענט.

אָט אַזוי איז אַוועק אַ וואָך און מער, — אַ וואָך פון גרויסע גוואַלדן, אַזוי אַז די שכנים פון די נאָענטע וווינונגען האָבן זיך אָנ־געהויבן קלאָגן אויף איר אין פאָליציי. דענסטמאָל איז איר, פרוי גינטער, געבליבן נישט מער, ווי קויפן צו טעלן אַ רעכטע לעדערן־

געפלאָכטענע בייטש, ווייל אין יתומים־הויז האָט זי זיך פונאַנדערגע־שריבן, אַז פריער איידער דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, וועט זי עס נישט אָפּבּרענגען, און אַז מען שרייבט זיך פונאַנדער, דאַרף מען אויספילן, ניט? ניט וואָר?.. מיט דער בייטש האָט זי אָנגעג־הויבן שלאָגן טעלן יעדעס מאָל וואָס ער הויבט אויף אַ גוואַלד, פאַר־וואָס זי נעמט דאָס קינד אויף די הענט. פון אָנהויב האָט זי אים געשלאָגן זייער לייכט, נאָר וואָס מער טעל האָט געבילט, אַלץ מער איז אין איר געוואַקסן די איינגעשפּאַרטקייט אים אויסצולערנען, אַז אים זאָל נישט אַרן, וואָס זי האַלט דאָס קינד אויף די הענט. זי האָט אים וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער מיט דער בייטש געשלאָגן, ביז זי האָט אים אויסגעלערנט: בעת זי נעמט דאָס קינד אויף די הענט, זאָל ער וויסן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין אין קיך און זיך דאָרט אַוועקלייגן אונטערן טיש אויפן טעפּיכל. די ערשטע צייט האָט ער, ליגנדיק דאָרט אויפן טעפּיכל, איר נאָך אַלץ נאָכגעקוקט מיט די אויגן און אַלעמאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, האָט ער דאָרט געמאַכט ררררר... כררררר!... ווי ער האָט עס געמאַכט איצט, ווען ער—זאַרעמבאָ—האָט זי געוואָלט אָננעמען פאַר דער האַנט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער אויך דאָס אויפגעהערט צו מאַכן. ער איז גע־וואָרן אַ נאַכלעסיקער, שטילער הונט. ער איז שטענדיק געלעגן אין קיך אונטערן טיש מיט אַן אַוועקגעלייגטן קאָפּ אויף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס און מיט צוגעשלאָסענע דרעמלדיקע אויגן, אַזוי אַז אַלע שכנות האָבן דאָס באַמערקט. אַלע שכנות האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ פוילער. „פוי, טעל,—פלעגן זיי צו אים זאָגן,—פאַאולפּעלצע”. טעל פלעגט זיך צו זיי נישט אומקוקן. נאָר אַמאָל פלעגט זי, די פרוי גינטער, אין דעם שאָקלען פון זיין לאַנגן עק באַמערקן, אַז ער בענקט... ער בענקט זייער שטאַרק... זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין מיט אים פאַרטיק. נאָר איינמאָל, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דאָס קינד געלעגן אויפן בעט אין די קישעלעך און געשפּילט מיט זיין אייגענעם פויסטל, געשטופּט דאָס פויסטל צו זיך אין שליונעדיקן מיילכל. זי, די פרוי גינטער, האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פעלן איר נאָך איניקע זאַכן צום מיטאָג און

אַז עס איז שוין באַלד צען אַזייגער, באַלד וועט מען די שפּייז־קראָמען שליסן. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון שלאָפצימער, וווּ דאָס קינד איז געלעגן, און אַליין איז זי געשווינד אַראָפּגעלאָפן אין קרעמל.

איז אָט... דענסטמאָל איז דאָס געשען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז שוין געווען נאָך אַלעמען: טעל איז געלעגן, ווי תּמיד, אויפן טעפּיכל, וואָס אונטערן קיך־טיש, נאָר די טיר אין שלאָף־צימער איז געווען אָפן, און אויפן דיל איז געלעגן דאָס קינד טויט, פאַרבלוטיקט, מיט אַן איבערגעביסן העלזל... זי האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד. עס זענען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. פּאָליציי איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. מען האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. טעלן האָט מען אויף אַ פּאָר טעג צוגענומען אין פּאָליציי, נאָר נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעבראַכט צוריק — דער וועטערנאַר האָט אויסגעפונען, אַז טעל איז אַ געזונטער הונט — ער איז נישט משוגע.

די פרוי גינטער דערציילט, ווי זי האָט געוואַרט עס זאָל זיין אַ געריכט; זי וואַרט נאָך איצט אויך—זי קלאָגט זיך:

— קיין געריכט איז נישט געווען...

---

אַנטאָן זאַרעמבאָס געשטיפּלט פּנים איז פול מיט אומעט און מיט בענקשאַפט — אומעט פון די פיל פאַרגאַנגענע שיכּורע נעכט, אומעט פון די שיכּורע נעכט, וואָס שטייען אים פאָר. זיינע אויגן האָבן אַרום זיך געשוואָלענע זעקעלעך און קוקן אויף טעלן. די געשיכטע מיטן פאַרבלוטיקטן קינד, וואָס איז דאָ אין צימער געליגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַן איבערגעביסן העלזל, דערמאָנט אים אין פיל ענלעכע געשיכטעס אין יענע יידישע שטעטלעך אויף אוקראַינע, וווּ ער מיט זיין באַנדע האָט געקוילעט און געראַבעוועט. בלוט... בלוט אין אַלע יידישע הייזער געדענקט זיך אים, בלוט אויף דער גאַס, וווּ צווישן צעבראָכן גלאָז און צווישן אַלערליי אַנדערע שמאַטעס און יידישע בעבעכעס וואַלגערן זיך פאַרבלוטיקטע קערפּערס מיט עפּעס אַן

אָפּגעהאַקטן קאָפּ — אַ קאָפּ מיט אַ גראָלעך־שוואַרצער באָרד, און אַליין איז מען אַלע צוזאַמען שיכּור אָדער ניכטער — ער מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע, און סיי ווען מען איז ניכטער, סיי ווען מען איז שיכּור, הערט מען נישט אויף צו זינגען דאָס דעמאָלדיק־ניי־מאָדנע לידל:

„עפּעלע, עפּעלע!
וווּהין דו קול־ליעסט־זיך...“

פון גרויס אומעט און בענקשאַפט פאַרגלוסט זיך אים דערציילן דער באַריידעוודיקער באַלעבאָסטע, ווי אַזוי איז די געשיכטע געווען:

— ניכט? — פרעגט ער ביי איר אַלע מאָל איבער, צופּאַסנדיק זיך צו איר אַרט רעדן, — ניכט וואַר?

די גוטמוטיקע און פלייסיקע דייטשקע פאַרשטייט זייער שלעכט זיין צעבראָכענעם דייטש. איר זענען אַסאַך זאַכן נישט פאַרשטענדלעך, איבערהויפּט איז איר נישט פאַרשטענדלעך, ווער איז שולדיק און פאַר וואָס האָט מען פאַרגאָסן בלוט. קלאָר איז פאַר איר בלויז איין זאַך: אויך דאָרט, אינם לאַנד פונוואַנען דער געשטיפלטער זאַרעמבאַ שטאַמט, האָבן זיך אויף דער פּאָדלאָגע געוואַלגערט פאַרבלוטיקטע קינדער — אַסאַך, אַסאַך פאַרבלוטיקטע קינדער מיט איבערגעריסענע העלזלעך.

— נו, און אַ געריכט, — פרעגט זי מיט גרויס אינטערעס ביי זאַרעמבאַן — אַ געריכט איז געווען?

— ניין,—שאָקלט צו איר זאַרעמבאַ מיטן קאָפּ,—קיין געריכט.

פרוי גינטער קוקט זיך איין אין זיין געשטופּלטן פּנים. זי פאַרטראַכט זיך און זאָגט מיט גרויס באַדויערונג:

— אַרמער, אַרמער! זאָ גענאַו, ווי ביי מיין אַרמען טעל...

און זי כאַפּט זיך ערגעץ אַוועקגיין.

איצט בלייבן זיי ביידע אַליין אין קיך — זאַרעמבאַ און טעל. איינער זיצט אויף אַ שטול לעבן טיש, דער צווייטער ליגט אויפן קורצן טעפּעכל און האַלט דעם קאָפּ אויף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס. אַרום איז שטיל. ביידע קוקן זיך אין די אויגן מיט גרויס אומעט, מיט בענקשאַפט.

# ש ו נ א י ם

# שונאים

אַ שוואַרצער וואָכעדיקער רויך זעצט אין איין עק-שטאָט דורכן הויכן קוימען פון דער מיל און אין צווייטן עק-שטאָט — דורכן הויכן קוימען פון דער צוקער-פאַבריק.

דער טאָג איז אַ סוף-זומערדיקער, אַ זוניקער, אַ הייסער — אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער דאָנערשטיק.

נאָך דעם לאַנגן און דאַרן יאָסל באָמפּעלדן (אַ געוועזענער סוחר, איצט אַ קוסטאַר אַ קנעפּלמאַכער) ווייזט זיך אויס, אַז היינט איז תשעה-באב; ווי ער וועט זיך נישט בריהן און זיך נישט דרייען, וועט עס אים דאָך העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס און צו פּאַרנאַכט-צו וועט ער מוזן אויסטאָן די שיך אַרומשפּאַנען אין די זאָקן און זיך פּילן, ווי מען פּילט זיך בעת מען זעצט זיך צו קינות (כאָטש תשעה-באב איז שוין גאָר געווען צוריק מיט אַ חודש און ער, יאָסל באָמ-פּעלד, האָט שוין אוודאי אַ יאָר-זיבן קיין קינות נישט געזאָגט).

די דאָזיקע תשעה-באב-געפילן נעמען זיך ביי אים דערפון, וואָס פּונקט אַקעגן, אין דער זעלבער גאַס, וווּ ער וווינט (אַמאָל — קו-פּעטשעסקע, איצט — קראַסנאַאַרמייסקע), איז אַ שמחה ביי זיין עלטערן ברודער אריה באָמפּעלד, מיט וועמען ער, יאָסל, זיין ווייב און קינדער זענען צעקריגט אויף טויט און ריידן נישט שוין איאָר זיינע ניינצן-צוואָנציק, — ביי אריה באָמפּעלדן (אויך אַ געוועזענער סוחר, איצט — אַ קוסטאַר, אַ צוקערניק) מאַכט מען חתונה דאָס יינגסטע מיידל אַליען מיטן לערער פון דער אַרטיקער זיבן-יאָריקער שול אַרקע זיידמאַן.

— אַ מזל פון אַ גוי — קאָן יאָסל פון גאַנץ-פרי-אָן נישט פאַר-געסן, — אַ קרענק אים אין דער טרייפענער קישקע... ער האָט נאָך אין זיין לעבן גאָר פון קיין שלעכטן טאָג נישט געוווסט... ער מאַכט שוין כאָסליערע די מעזינקע...

יאָסלס פּנים — תמיד אַ לאַנגס, תמיד פאַרדאגהטס, מיט אַ פאַרב פון געבייטלט קאָרן-מעל, מיט שיטערע וואָנצעלעך און מיט גלאַנציקע באַקן, אויף וועלכע עס וואַקסט קיין באָרד נישט — זעט איצט אויס שוואַרצער ווי אַלע מאָל און איז געראָטן אין אַ רעטשעניק. די ליפּן זענען אים בלאָס, אַרום די אויגן איז אים טרוקן ווי נאָך אַ לאַנגן געוויין; ער קאָן זיך צו קיין אַרבעט נישט נעמען, דרייט ער זיך אַרום זייער פאַמעלעך לעבן זיין שטוב און לעבן זיין גאַניק, האַלט די הענט טיף-פאַררוקט אין די אַרבל, און די געדאַנקען, וואָס קומען אים אַרויף אויפן זינען, זענען איינער טרויעריקער פונם אַנדערן.

— דאָס גאַנצע קוסטאַרנע געשעפט מיט די קנעפּלעך — געדענקט ער, — טויג אויף סים-סאָט-טעשטשע כּפּרות... ס'איז נישט קיין פּרנסה — ס'איז אַ פּיבער...

אַרבעטסט אָפּ איין וואָך, איז אָט... דריי זיך איצט אַ גאַנצע וואָך אַרום אין זיך ווענען צו פאַרקויפן די סחורה...

— נאָך אַ שטיק גליק, וואָס מען איז דיד-טאַי-באַבע...

די צוויי קינדער, וואָס מען פאַרמאָגט — צוויי איבערגעוואָקסענע מיידלעך — זענען ביידע „זובאָדראַלקעס" ערגעץ אַרום איוואַנאָוואַ-וואָז-ניעסענסק, פאַרדינען צום לעבן און שיקן נאָך אַמאָל צו אַ קערבל אַהיים. נאָר וואָס קומט אַרויס?.. אַז צו היינטיקע צייטן טויגן זיי ביידע נישט...

— היינטיקע צייטן, — געדענקט יאָסל באָמפעלד, — אַז איר זייט מיידלעך און דערצו נאָך — נישט קיין איבעריקע פאַרשוינען, איז אַז איר פאַרטשעפּעט שוין דאָרט אַ יונגנמאַן, צי אַ בחור, טאָ האַלט אים פעסט... געדענקט! לאָזט אים נישט אַרויס... פאַרציט נישט אין אלף השישי... איז דערויף האָט מען ביידע קיין שכל נישט... אַבי מען הייסט כאָטש מיט קנאַקעדיקע נעמען... יעווגעניע און קאַטיע הייסט מען... פאַלט שוין יאָ אַמאָל אַריין עמעצער צו זיי אין די הענט, הייבט מען אָן מיט אים צו פילעסיפּסטעווען... זיך דורכשרייבן מיט אָט די שיינע בריוו. פילעסיפּסטעוועט מען אַזוי אָפּ אַ יאָר און אַנדערט-האַלבן און צוויי, ביז מען דערוווסט זיך: פיף-פוף-פאַף! דער פויגל האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער... גייט, שיט אים אָן זאַלץ דאָרטן... און אָט דער-אָ, „דער ליוואַנט" (אַזוי רופן ער און זיין

ווייב דעם ברודער אריהן זינט זיי האָבן זיך מיט אים צעקריגט; אַזוי רופן זיי אים פֿאַר זיין געפּאַקטקייט, פֿאַר זיין קיילעכדיקער באָרד און פֿאַר זיין פּריש-רויטן, תּמיד שמייכלדיקן פּנים), דער „ליוו-ראַנט" מאַכט שוין אַזוי פֿאַמעלעך חתונה די מעזינקע... אַ בראָך צו אים דאָרטן... אין משך פֿון די לעצטע צוויי יאָר האָט מען ביי אים אין איין שמיי-דריי געגעבן אַ כאַפּ-צו אַלע דריי מיידן.

— איז מילא, — קאָן יאָסל נישט פֿאַרגעסן, — די ערשטע צוויי האָבן כאָטש כאַסליערע געהאַט אונטער די אויגן — ערגעץ אין אָדעס, ווו זיי זענען אויפֿזועריגס אין אַ קינדער-הויז?.. עפּעס בובעס זענען זיי דאָרטן... אָבער אָט דאָס דאָזיקע-אָ, דאָס זניקל זיינס... ס'איז נאָך גאָר אפשר קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר נישט אַלט... אין דער טעלעפאָן-סטאַנציע דינט עס... די מילך אויף די ליפּן נאָך אפילו נישט אָפּגעטרוקנט...

באַמפּעלדן וואָלט אפשר די גאַנצע מעשה נישט אַזוי פֿאַר-דראָסן, ווען עס זאָל נישט זיין אין די אויגן, אין דער אייגענער גאַס, ווו ער וווינט, ווען דער לערער אַרקע זיידמאַן, וואָס האָט מיט איר חתונה, זאָל נישט זיין אַזאַ יונגער, אַזאַ ציכטיקער, אַזאַ ריינינקער און ווען ער, יאָסל אַליין, זאָל נישט געווען האָבן פֿיל מאָל געזאָגט וועגן אים זייטיקע מענטשן און אפילו זיין ווייב:

— זעסטו? אַ לייטישס דערקענט מען באַלד אין פּנים... אפילו צווישן „זיי" — די קאָמוניסטלעך... וואָס גייט מיך אָן, ווער ער איז און וואָס ער איז? אַבי איך זע; דער שטאָף איז אַ רעכטער, אַ פּערוואָסאָרטנע...

ער פֿילט זיך דעריבער שטאַרק געטראָפֿן. ווי ער אַליין וואָלט נאָך האָבן ביי אָט דער חתונה צוגעשדכנט, און היט זיך אַ גאַנצן טאָג צו פֿאַרפֿירן אַוועלכן נישט איז שמועס מיט אַ זייטיקן מענטשן און אפילו מיט זיין ווייב.

— יאָסל! — שרייט צו אים זיין ווייב פֿון שטוב אַרויס, — קום נאָר אַריין, יאָסל!..

זי האָט אַ שמאָל פּנים, זייער אַ לאַנגע נאָז און זייער אַ קורצן קין אונטערן ברייטן מויל, איר קול קלינגט פּונקט אַזוי מרה-שחורה-דיק, ווי מרה-שחורהדיק עס קוקן אירע תּמיד-שלעפּעריקע אויגן. זי

האָט אַ שטיקל פעלער, וואָס איז איר פאַרבליבן פון די אַמאָליקע סוחרישע צייטן: עס מלויעט זי שטענדיק אויפן האַרצן און איר מויל געגעצט פון זיך מיט אָפטע קורצע געגעצלעך. ווי אויף צו־להכעיס דער שמחה, וואָס וועט היינט פאָרקומען ביי איר שונא „דעם ליוואַנט" אין שטוב, טוט זי פון אינדערפרי־אָן זייער אַ וואָכעדיקע אַרבעט — זי שמירט די קיך, פאַצקעט מיט ווייסע ליים די ווענט, די סטעליע, דעם אויוון און נאָך מער ווי די קיך פאַצקעט זי מיט ווייסע ליים זיך אַליין — אויף צעזעצעניש דעם „ליוואַנט" פאַראומ־ריינט זי די לופט מיט אַ ריח פון קאַלך און פון פערדישע קיזיקעס:

— יאָסל! — הערט זי נישט אויף צו רופן מיט אַ זינגענדיק־אויסגעצויגן אומעטיק קול, — קום העלף מיר איבערטראָגן דעם טאַפּטשאַן.

יאָסל גייט אַהין אָן חשק; ער האָט מורא — ווי נאָר ער וועט אַריינקומען אין קיך, וועט אים זיין ווייב זאָגן:

— וואָס זאָגסטו שוין אויף דעם ליוואַנטס מזל?.. עס טרעפט זיך איינמאָל אין טויזנט יאָר...

— עס וועט היינט גיין אַ רעגן — טוט ער אַ באָרטשע באַלד ביים אַריינקומען אין קיך.

און ווי גלייך עמעצער זאָגט אים אָקעגן, טוט ער אַ מאַך נאָך מער ביין:

— איך זאָג: ס'וועט היינט גיסן, זאָג איך...

ער טוט אַ כאַפּ דעם טאַפּטשאַן, ווי א רוח אַ מלמד, און איז קאָנטעט פונם אַרומיקן ערב־פסחדיקן גערודער און פונם שלעכטן ריח אין שטוב.

דערנאָך שווייגט ער, קוקט אויף דער קאַץ, וואָס זשמורעט זיך און פוצט זיך די מאָרדעטשקע, ווי אויף אַ יום־טוב, און דער־לאַנגט איר פּלוצים מיטן פוס אין בויך אַריין.

דערנאָך עסן מאַן־און־ווייב מיטאָג און האָבן הנאה, וואָס אין דרויסן איז ווירקלעך אויף אַ ווײַלע פאַרגאַנגען די זון און עס הייבט זיך אָן כמאַרען, דורך די אָפענע פענצטער, וואָס צו דער גאַס, זעען זיי, ווי זייער שונא — „דער ליוואַנט" — יאָגט זיך איילִיק פון קאַאָ־פּעראַטיוו; פון זיינע טאַשן, פון זיין בוזעם און פון זיין שויס שטעקן

יום-טיבדיק אַרויס די פּאַרקאַרקעוועטע קעפּלעך פון פלעשער-ווײַן. זײַן קײַלעכיקע באָרד איז ווי פריש אויסגעצוואָגן; זײַן געפּאַקט פּנים איז פאַרשוויצט און שטאַרק רויט, ווי באַלד נאָך אַ געשמאַקער שוויץ-באָד; זײַנע אויגן שמייכלען צו די דורכגייער, שמייכלען מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זיי, און קוקן אַזוי פריילעך, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— מיר גייט עס, ווי איך בין אַ ייד.. אַ?..

— כ'האָב גליק אומעטום, אפילו אין קאָאָפּעראַטיוו...

— מיר לאָזט מען אָפּ סחורה בכבוד גדול — מען האָט נאָך דערבײַ הנאה...

יאָסל באָמפּעלד פאַרגעסט, אַז ער האָט שוין יאָרן-לאַנג נישט-געבענשט. זײַנע ליפּן מאַכן פון זיך אַ באַוועגונג אויף אַוועקצולאָזן זיך אין אַ שאָקלערײַ, זײַן גאַנצער קערפּער טוט זיך דערבײַ אויך אַ שאָקל. ער טוט אַ זיפץ, קוקנדיק אויפן ווײַב, און אים פאַרווילט זיך אָנהייבן מיט אַ ניגון פון קינות:

— ובנה ירושלים עיר הקודש...

— איך וועל זיך צוליגן שלאָפן, — זאָגט ער צום ווײַב, — עפּעס האָט מיר געדרייט אַ פּוס... אַ גאַנצע נאַכט...

דאָס ווײַב ענטפערט נישט. איר לאַנגע נאָז קוקט אַ מעטיק אין אויסגעליידיקטן טעלער אַרײַן, און אָן אויסזעען איז בײַ איר אַזאַ, ווי עס מלויעט זי אויפן האַרצן — אָט-אָט וועט זי אָנהייבן געגעצן מיט אָפּטע קורצע געגעצלעך.

---

אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט איז שוין דער הימל דורכאויס פאַרוואָלקנט.

דער רויך פון דער מיל און פון דער צוקער-פאַבריק, וואָס אין בײַדע עקן שטאָט, זעט אויס פיל שוואַרצער, ווי געוויינטלעך, און קוליעט זיך דאָרט נידעריק בײַ דער ערד.

נאָר קיין רעגן גייט נישט, ווי דורך אַ נס, ווי בלויז צוליב דער שמחה, וואָס מען גרייט בײַ אריה באָמפּעלד אין שטוב.

אין גאַס פילט זיך אַ ריח פון פריש געבעקס, וואָס זיצט נאָך אין אויוון — דאָס האָט איינער פון די קאָנדיטערײַ-אַרבעטער אויף-

גיך זיך אַ נעם געטון ביי אריה באַמפעלד אין קיך באַקן לעקעכער און פאַרשידענע קונציקע טאָרטן.

— איר וואָלט שוין געמעגט אָנקוקן אַ ״יף חידושים מיט וואָסער אַ שמחה ער טוט עס — שרייט איין שכנה אַריבער צו דער אַנדע־רער, — איר הערטעך: ער א״ז, זאָגט ער, פון דער גרופע אין קלוב. דער לערער אַרקע זיידמאַן, זאָגט ער, לייענט אונז אַ קורס.

מיט אַ גאַנצע שעה פ״יער, ווי אַלע טאָג, טראָגט זיך דורך פון דער טעלעפאָן־סטאַנציע אָליע באַמפעלד — אַ מיטלוווקסיק, לעבעדיק און שטאַלטנע מיידל, צו וועמען אַלע אין שטאָט האָבן אַזעלכע גע־פילן, ווי צו אַ געשוועסטער־קינד, אין וועלכער מען איז פאַרליבט און וועלכע האָט צופעליק חתונה מיט אַן אַנדערן. זי זעט אויס אַ ביטל עלטער פון אירע ניינצן מיט אַ האַלבן יאָר, זי שמייכלט און שעמט זיך צו קוקן אין די ז״כן, ווייל פון אַלע פאַרבייזיקע הייזער קוקט מען אויף איר און מען מאַכט צו איר פריילעך מיט די הענט, און ווייל איר אינטים לעבן מיטן לערער אַרקע זיידמאַן וועט פון היינט אָן זיין דורכזיכטיק און אַלע וועלן קענען אין דעם אַריינקוקן. ווי אין אַ לייכטנדיקן לאָמטערן.

— אָליע! — שרייט מען צו איר פון גאַנעקעס און פון פּי־דאַשקעס, — אָליע, קוק ז״ך אום!

אָליע דערזעט, ווי יאָסל באַמפעלד — איר פעטער, וואָס האָט אויפגעהערט צו ריידן מיט איר טאַטן איידער זי איז געבוירן גע־וואָרן — דרייט זיך אַרום מיט פאַרלייגטע הענט אין די אַרבל לעבן זיין גאַניק. זי בלייבט שטיין, ווי איינגעוואָרצלט, הערט אויף צו שמייכלען און מאַכט אַ באַוועגונג, ווי אויף צוצוגיין צו אים און אים בעטן אויף איר שמחה. זי איז בלאַס. אירע ליפּן זענען גרייט אַ זאָג צו געבן די ווערטע״, וואָס איר מויל האָט זעלטן־ווען אויסגערעדט:

— פעטער יאָסל...

נאָר דער לאַנגער יאָסל באַמפעלד האָט זיך שוין אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און זיך אָנגעבויגן צו איינעם אַ ברעטל, וואָס האַלט זיך שלאַבעריק ביי זיי״ן גאַניק. ער קוועטשט מיט אַלע כוחות אויף יענעם עק, וווּ דאָס ברעטל שטייט אָפּ, פאַרקרומט דערביי שטאַרק זיין צורה און האָט איינצייטיק אין זינען סיי דעם „ליוואַנט",

פיי דעם געזוינטן און גראָבן טשוואָק, וואָס האָט זיך אָוועקגעבויגן פון ברעטל אָן אַ זייט. ער וויל אַרויסרייסן דעם טשוואָק מיט די הוילע הענט, און קריצט מיט די ציין:

— צו אַלדי רוחות!.. אַ קרענק אים... באַגראָבן... באַגראָבן...

ער ווייסט נאָך דערווייל אַליין נישט וועמען ער שעלט.

— פייגע! — שרייט ער צום ווייב אין שטוב-אַריין, — טראָג אַרויס דעם האַמער... ביסט טויב דאָרטן?!

ער פאַרקלעט אַזוי לאַנג ביים ברעטל ביז ער דערהערט פון אונטער די פלייצעס קולות — דאָס באַגריסט עמעצער אַליצן און אַרקען אויפן וועג אין איספּאַלקאָם, וווהין זיי גייען זיך פאַרשרייבן. ער קוקט זיך נישט אום און קלאַפּט מיטן האַמער אומיסטן שטאַרק, כּדי ער זאָל די קולות נישט הערן. ער לויפט אַריין אין שטוב און מאַכט צו אַלע פענצטער צו דער גאַס, נאָר באַלד האָט ער דערויף חרטה. ער עפנט צוריק די פענצטער און זאָגט ברוגז צו זיין ווייב, וואָס בענעצט מיט אָפּטע קורצע געגעצלעך:

— פייגע! וואָס האָסטו זיך אַנידערגעסעקט אין שטוב?.. ס'איז פאַרנע... קום אַביסל אַרויס אין דרויסן.

---

סנאָפּעס ליכט רייסן זיך אַרויס דורך אָפענע טיר און פענצטער פון אריה באַמפּעלדס שטוב און שפּאַלטן די שוואַרצע סוף-חודשדיקע פינצטער. דער פאַרוואַלקנטער אָוונט איז זייער אַ שטילער און סטראַשעט פון ערגעץ מיט ווייטע דונערן, מיט בייז-רעגנדיק געוויטער. נאָר קיין רעגן גייט נישט.

די גאַנצע גאַס איז פאַרטייעט און קוקט צו אריה באַמפּעלדס סנאָפּעס ליכט.

פון אָנהייב האָט מען געזאָגט: „די קינדער ווען זיך נאָר פאַרשרייבן און מען וועט נאָר נעמען אַביסל משקה און מער גאָרנישט — די קינדער ווילן נישט עס זאָל זיין אַ חתונה". ערשט אַרום צען אַזייגער אינאָוונט האָט מען דערהערט, ווי צווישן די געסט, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט, שפּילט איינער פון די לערער אויף אַ קאָנצערטינע און ווי אַ צווייטער צימבלט דאָרט צו אויף אַ גיטאַרע.

די גאַס האָט געהאַלטן ביי לייגן זיך שלאָפן.

נאָר אָרום צוועלף אַזייגער, ווען אין וויטן עק-שטאָט האָט מען גע-שלאָסן דאָס קינאָ, זענען אויף דער שמחה געקומען אַלע יינגערע מו-זיקאַנטן פון קינאָ און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די אינסטרומענטן. די סגאָפּעס ליכט, וואָס רייסן זיך פון אריה באַמפּעלדס פענצטער, האָבן אָנגעהויבן ווערן ברייטער, גרעסער. פריילעכע קלאַנגען האָבן אַרויפגעגעבן צו זיך די גאַס און פאַרטריבן פון איר דעם שלאָף — דאָס האָט חברה פון קינאָ באַלד נאָכן ערשטן ביסל משקה אַ קנאַק געגעבן, ווי עמעצן אויף צו-להכעיס דעם ערשטן פריילעכן מאַרש. דערנאָך איז דאָרט די קאָנצערטינע אַוועק מיט אַ פריילעכס און נאָך איר — די איבעריקע אינסטרומענטן. דאָס הויז איז גלייך באַלאַגערט גע-וואָרן. צווישן פאַרשוויצטע טאַנצנדיקע מיידלעך האָבן יונגען אין וויי-סע אַרבל זיך געהויבן לויטן שפּילנדיקן ריטם און אַראָפּגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן צו די אייגענע קונציק-שפּרינגענדיקע פיס. אין מיטן דעם טאַנצנדיקן רעדל האָט זיך פלוצים מיט אַ גלאָז-ווייַן אין האַנט אַריינגעריסן דער פאַרשוויצטער און שטאַרק רויטער אריה באַמפּעלד, געשמייכלט מיט אַלע קנייטשן, וואָס אָרום זיינע אויגן און געשריגן ביז הייזעריק ווערן:

— שאַ! שאַ!... ששש!

ער האָט געכאַפּט אַ סידור אין דער ציטערדיקער האַנט און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן די ערשטע ווערטער פון שבע-ברכות. דער יונגער עולם האָט נישט געוואָלט הערן און האָט אויפגעהויבן אַרום אים אַ גרויסן טומל — וואָס העכער אריה האָט געוואָלט שרייען די ווערטער פון סידור, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער קאַצן-יאָמער, די קוויטשערייען און פייפערייען, וואָס די געסט האָבן אָרום אויפגעהויבן.

— וואָס הער איך אייך, — האָט פריילעך געשריגן אריה, — אַבי איך האָב מיר מיינס אָפּגעזאָגט.

ער איז געווען שיכור און האָט אַרומגעכאַפּט קושן ווילד-פרעמדע מיידלעך. די שמחה האָט זיך דערנאָך אָפּגערוט אַ ווײַלע און זיך באַלד בייניס אָנגעהויבן, זיך בייניס פאַרמאָסטן אויף אַ גאַנצער נאַכט.

ביי יאָסל באַמפּעלד זענען געווען שטייף און ברוגז צוגעמאַכט סיי די פענצטער, סיי די לאָדן. אַבלדיק ווי אין דער „בלינדער נאַכט"

זענען מאַן־און־ווייב געלעגן אין די בעטן און געוואָלט אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן, אַז זיי שלאָפן. פאַרטאָג האָט יאָסל באַמפעלד דערהערט, ווי צו זיין שטוב דערנענטערן זיך עטלעכע שיכּורע קולות; פון די קולות טיילט זיך אויס אײנס אַ מער באַקאַנט קול — אריהס קול — ער קלאַפּט אָן אין פענצטער, אַריה:

— ברודער, — שרייט ער מיט אַ שווערער שיכּורער צונג, — איך בעט דיך אויף דער חתונה, קום זאָג איך... מיר האָבן זיך צעקריגט, ווען מיר זענען נאָך ביידע געווען סוחרים... איצט איז אַ כּוחר אין דער ערד... איצט זענען מיר ביידע קוסטאַרן... קום, זאָג איך, דו נאַר איינער!...

אריה קלאַפּט לאַנג, טוט אַ רעד מיט עמעצן אינדרויסן, וואַרט אָפּ אַ ווײַלע און קלאַפּט ווידער. נאָר יאָסל ענטפערט נישט אָפּ. ער ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן אין בעט און געדענקט:

— אַ בייז מזל אויף אים... אַ מזל פון אַ גוי... אַ קרענק אים אין דער טרייפענער קישקע... ער האָט נאָך גאָר אין זיין לעבן פון קיין שלעכטן טאָג נישט געוווסט... אָט דער ליוואַנט... אָט דער...

# איבער איין טריט

# איבער איין טריט

אין איבערגעפולטן געריכט־זאַל אויף דער ערשטער באַנק, וואָס אַקעגן ריכטערס טיש, זיצט ריוועלע דער בייטאָרינס — אַ מאָגער מיידעלע פון אַ יאָר עלף, אַ זשוואַווע מיט אַ ברייט מויל, מיט ניי־געריקע שוואַרצע אייגלעך און מיט צוויי געדיכטע צעפּלעך, וואָס וואַרפן זיך, ווי לעבעדיקע, איטלעכס מאָל, וואָס איר קעפּל טוט זיך אַ דריי אָן אַ זייט.

מיט פאַרווייַנטע אויגן, אויפגערעגט פון דעם, וואָס אין זאַל וועט באַלד פאָרקומען, זיצט לעבן איר אויף דער באַנק איר מוטער ברכה, נאָר ריוועלע קוקט נישט צו איר. זי איז אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעבליאַ־קעוועט ציצן־קליידעלע, אין שטאַרק געלאַטעטע שיכעלעך און פילט זיך יום־טובדיק; אירע נאָכגעהאָנגענע פּיסלעך שאָקלען זיך און אין די אויערן קלינגט איר דער ניגון פון אַ באַקאַנט לידל, מיט וועלכע קאָמסאָמאָלצעס מאַרשירן אָפט אין גאַס.

— בירגער נאָטע פראָסטאַק! — הייבט אָן דער ריכטער, אַוועקרו־קנדיק פון זיך די פּאַפּירן, וואָס ער האָט נאָר־יאָס געמישט, — קומט צו נענטער צום טיש און ענטפערט אויף מיינע פראַגן: אין וועלכע באַציונגען זייט איר געווען מיט דער בירגערין ברכה פּאָרטנאָי איי־דער מען האָט אייך גענומען אויף דער מלחמה?

נאָטע פראָסטאַק — אַ יונג־באַוואָקסענער, בעל־עגליש־געקליידע־טער אויבס־הענדלער דערנענטערט זיך צום ריכטערס טיש מיט שווערע פאַמעלעכע טריט און מיט אַזאַ ענערגיש פאָכען פון ביידע הענט, ווי גלייך מען האָט אים אין שול אויפגערופן צו די הקפות, און ער ווייסט נאָך נישט, וואָס דאַרף מען מיט הקפות טאָן, נאָר גאָרנישט... „מ'עט שוין זען"... צוזאַמען מיט אים פליסט צו צום טיש

אַ ריח פו עפּל אויסגעמישט מיט אַ ריח פון קהלישן צאַפּ. ער שטרעקט אויס אַ גראָבן פינגער, הייבט אים אויף הויך צום אַקסל און ווייזט מיט אים אָן אויפן ווייבל ברכה פּאָרטנאָי, וואָס געפינט זיך אונטער זיינע פּלייצעס:

— מיט וועמען — פרעגט ער מיט אַ שווערער צונג, — מיט עעע... מיט אָט דער־אָ?...

— מיט דער בירגערין ברכה פּאָרטנאָי — חזרט ביידלעך איבער דער ריכטער.

נאָטע פּראָסטאַק פּאַרקנייטשט דעם שמאָלן שטערן און קוקט אַ ווײַלע דעם ריכטער אין פּנים, ווי ער וואָלט וועלן וויסן, פּאַרוואָס איז יענער בייז.

— אַזוי — טוט ער זיך אַ דערמאַן, — אַזוי, אַז קענען האָב איך זי געקענט, נאָר פונדערווייטנס... עעע... איך — אַ בחור, זי — אַ מויד, איך — אַ בעזשענעץ, זי — אַ בעזשענקע... אַז מען האָט אונז דעמאָלט געטריבן פון צוויי זייטן: אונז — פון האָרעדאָק און זיי — פון האָצעקלאָץ דאָרט. נו אויפן וועג, אויף עפּעס אַ גרויסן וואָקזאַל האָט מען אונז צונויפגעטריבן אין איין באַראַק.

— נו, און אין באַראַק — פרעגט דער ריכטער, — אין באַראַק האָט איר געהאַט מיט איר באַציונגען?

— וואָס?

— אין באַראַק, — פרעג איך, — האָט איר זיך מיט איר באַפריינדעט?

— וואָס?

— איר וואַרפט בעסער אַוועק אייער „וואָס״; ענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס מען שטעלט אייך: אין באַראַק זייט איר מיט איר געווען, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב?

נאָטע פינטלט מיט די אויגן. אַ ווײַלע איז שטיל. פון צווישן עולם וויל זיך די גאַנצע צייט אַרויסרײַסן אַ געפּאַקט ווייבל מיט העליש־רויטע פלייציקע באַקן און מיט אַ ברייט־צעפלעטשטער נאָז. אירע אויגן זעט מען נישט אַרויס — זיי זענען זייער קליין און טיף־פאַררוקט אונטער די ברעמען; זי פירט מיט זיך אַ זיבנגיאָריק מיידעלע, וואָס האָט אַן אויפגעבלאָזן בייכל און איז מיטן פּנים שטאַרק ענלעך צו

דער מוטער. אויף די הענט האַלט זי אַ פאַרמורזעט זויג־קינד, ביי וועלכן עס רינט פונם נעזל. זי לאָזט פלוצים אַרויס אַזאַ קויל, ווי גלייך מען האָט זי נאָר־וואָס באַגנבעט:

— נאָטע!... פאַרוואָס רעדסטו נישט?!.. דאָס לשון האָט דיר אָפגענומען?..

אין זאַל ווערט די לופט פול מיט געלעכטער און מיט שעפּ־טשעריי. פון די בענק הייבט מען זיך אויף און מען וויל אויף איר קוקן. עס דערהערט זיך אַ קלינגערײַ פונם ריכטערס גלעקל.

— ס׳איז זי... — טוט נאָטע אויף איר אַ שאָקל מיטן קאָפּ דערקלערנדיק דעם ריכטער, ווער דאָס ווייבל איז, — סאיז מיין ווייב. כ׳האָב איר געזאָגט, אַ כאָליערע אויף איר, זי זאָל זיצן אינדער היים און זיך נישט מישן... סע נישט איר עסק... נו איז זי געקומען...

— בירגערין פּראָסטאַק, — רופט אויס דער ריכטער, — איר האָט דאָ נישט וואָס צו זאָגן. ווי קיין עדות האָט מען אייך אַהער נישט ארויסגערופן. איר קאָנט זיצן גלייך ווי אַלע און צוהערן. אויב איר וועט שטערן, וועל איך אייך הייסן אַ ויספירן. פּובליקום! דאָרט, אין די אונטערשטע רייען, זעצט זיך אַװעק — די בירגערין פּראָסטאַק וועט איר קאָנען זעט אָנקוקן, ווען דער געריכט וועט זיך ענדיקן. נאָטע פּראָסטאַק! ענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס מען שטעלט אייך: אין באַראַק האָט איר זיך באַקאַנט מיט דער בירגערין ברכה פּאָרטנאָי?

נאָטע פּראָסטאַק הייבט אויף ביידע הענט און קוקט אויף זיינע לעפּיש־צעגומענע צען פינגער, ווי ער וואָלט זיך וועלן מיט זיי באַראַטן.

— נו יאָ, — טוט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ, — אין באַראַק האָט מען זיך מיט איר באַקאַנט.

— נישט צי „מען" האָט זיך מיט איר באַקאַנט, פרעגט מען ביי אייך, נאָר צי איר, נאָטע פּראָסטאַק, האָט זיך מיט איר באַקאַנט.

— נו יאָ, זאָג איך דאָך: מען האָט זיך מיט איר באַקענט... וואָס עפּעס נאָר מיט איר?.. געווען אין באַראַק נאָך אַנדערע... גע־ווען דאָרט אַ... ווי הייסט מען עס... אַ גוייש שיקסל איז דאָרט

געווען.. נישט קיין שיקסל, נאָר טאַקע אַ גאַנצע שיקסע, אויך אַ בע־זשענקע פון די דאָזיקע — אָ... ווי רופט מען זיי דאָרט... מיט איין וואָרט אַ „פריילעך שיקסל"... מען האָט זי באַלד דערקאָנט אין גע־לעכטער... מען זיצט אין באַראַק אין געהאַקטע ווונדן און אין מיטן פּאַוטערגע דערזעסטו: זי בלאָזט די באַקן, דרייט מיט דער נאָז און ווינקט צו דיר מיט אַן אייגל. און דערהרגעט איז מען געוויען. עס הערט זיך: מען רופט שוין רויטע ביליעטניקעס, און אליין האָט מען אַ רויטן בילעט. און אַז עס האָט זיך אונטערגעוואָרפן אָט די נקבה, איז וואָס פאַרשטייט מען דאָ נישט?.. דאָס דאָזיקע· אָ... פון מרה־שחורה קומט עס...

— וואָרט, — שלאָגט איבער דער ריכטער, — איר האָט נאָר־וואָס געזאָגט: „און אַז עס האָט זיך אונטערגעוואָרפן אָט די נקבה" — וועלכע נקבה?

— וועלכע? די שיקסע.

— ויער פרעגט אייך דען וועגן דער שיקסע? צוליב וואָס דער־ציילט איר גאָר בכלל וועגן דער שיקסע?

— וואָע?.. הער אַ מעשה!... איך אליין האָט דאָך ביי מיר גע־פרעגט. געווען צווישן אונז אין באַראַק א רבס אַ בחור, אויך אַ רוי־טער ביליעטניק, אַ פרומאַק אַ גאַנצער, האָט ער אויך לעבן איר, לעבן דער שיקסע קיין 666 תעניתים נישט געפאַסט... נאָך מער, ווי אַנדערע, וואָרים, מיט איין וואָרט, אפילו קליינע סמאַרקלעך ווייסן: ביי אַ נאַש בראַט, אַ נאָוואָבראַנעץ איז אַן אָט דעם דאָזיקן · אָ... גייט עס נישט... וואָרים אָן דעם... איך מיין: ווען מען זאָל פאַר אָט־דאָזיקן · אָ אַריינדערלאַנגען אויף אַלע נאָוואָבראַנצעס... אָ · אָ!... וואָלט איר, פאַרשטייט איר מיך, געדאַרפט אַהער די גאַנצע שטאָט רופן, אַלע שיינע מענטשן וואָלט איר באַדאַרפט אַהער רופן...

— גענוג — רייסט אים איבער דער ריכטער, — געדענקט איר אפשר איינע אַ נאַכט טאַקע דאָרט אין באַראַק: לעבן וואָקזאַל האָט געברענט אַ געביי ע. אַלע זענען אַוועקגעלאָפן צו דער שרפה אוי נאָר איר זייט געבליבן אין פינצטערן באַראַק — איר און נאָך ···נע אַ פּערזאָן... צי געדענקט איר אפשר, ווער די פּערזאָן איזגעווען?

— פּערזאָן?... וואָס פאַר אַ פּערזאָן?..

נאָטע פּראָסטאַק קוקט זיך פאַרזיכטיק אום צום פּובליקום, צווישן וועלכן עס זיצט זיין ווייב, דערנאָך בויגט ער זיך צו נעענטער צום ריכטערס טיש. באַקומט אַ פּנים פון אַן מענטשן, וואָס האָט אויסצו־זאָגן אַ וויכטיקן סוד און טוט שטיל אַ זאָג:

— ס'איז געווען טאַקע זי... די שיקסע איז דאָס געווען...

דער עולם אין זאַל שיסט אויס אַ געלעכטער. דער ריכטער קלינגט מיטן גלעקל.

ריוועלע קוקט, ווי איר מאַמע איז שטאַרק רויט געוואָרן. זי הערט אויף צו שאָקלען מיט די פּיסלעך, פאַרגעסט אינגאַנצן אַרומיקן עולם און לאָזט פון דער מוטער קיין אויג נישט אַראָפּ. קיין מאָל האָט זי נאָך נישט געזען, אַז איר מאַמע זאָל האָבן אַזעלכע פייערדיק־הייסע באַקן, און די נאָז זאָל ביי איר אָן אויפהער אַזוי אונטער־שמאָרען, און אַז פינגערלעך זאָלן ביי איר נישט נאָר די אויגן, וואָס קוקן צום ריכטער, נאָר דאָס גאַנצע פּנים. לעבן ריכטערס טיש שטייען שוין איצט חוץ דעם אויבס־הענדלער נאָך דריי מענטשן — צוויי ווייבער און אַ קליינוווקסיקער אָרעמער און האַלב־בלינדער זקן, וואָס זעט אויס ווי פון אַ פרומען מושב־זקנים. אַלע דריי זענען זיי געווע־זענע בעזשענצעס — מען האָט זיי געטריבן אין איין פּאַרטיע מיט ברכה פּאַרטנאָי און מיט נאָטע פּראָסטאַקן; זיי שטעלן פעסט די פלעצער, וואָס יעדערער אין באַראַק האָט פאַרנומען: די שיקסע איז געליגן אין ווינקל, רעכטס, און באַלד נאָך איר איז געשלאָפן ברכה — אַ פּלאַץ לעבן אַ פּלאַץ.

ריוועלע זעט, ווי איר מוטער האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אַ כאַפּ געטון פון דער באַנק און, קוקנדיק צום ריכטער, אויפגעהויבן אַ פינ־גער אין דער הויך, ווי מען טוט עס אין שול, ווען מען וויל ווייזן דעם לערער, אַז מען ווייסט צו ענטפערן אויף זיין פראַגע. זי פילט צו דער מוטער אַ טיפן רחמנות, אַ רחמנות ביז טרערן, און קאָן זיך בשום אופן נישט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס יענע איז אַזוי אויפגערעגט.

— מאַמע! — שלעפּט זי די מוטער פאַר אַן אַרבל, — מאַמע!...

פון אַלץ, וואָס דאָ אין זאַל קומט פאָר, ווי אויך פון פאַרשי־דענע שמועסן, וואָס שכנות האָבן געפירט מיט איר מאַמען, ווייסט רי־וועלע, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס „די וועלט איז נישט

הפקר — ס׳איז היינט „סאָוועטסקע וולאַסט״; עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מיידלעך אין הויף זאָלן זיך שוין מער נישט אָנזאַמלען לעבן זייערע קיך־טירן און איר שוין מער נישט שרייען פונוויטנס: „ים־קאַטער — אָן אַ פאָטער! ים כּאַמזער — ביסט אַ ממזר!״. אַזוי האָבן טאַקע שכנות די גאַנצע צייט געטענהט מיט איר מאַמען: ווילסט שטאַרבן זיבן מאָל אין טאָג פון הונגער — שטאַרב, אָבער צום קינד וואָס האָסטו? קוי־מענדיק פונם מאַרק, זענען די דאָזיקע שכנות שטענדיק געלאָפן גראַ־גערן צו איר מוטער אין קעלערדיק־נאַסן אַלקער:

— מען קען עס שוין פּשוט נישט צוזען.

— יענער, דער אויבס־הענדלער, ער שאַרט מיט לאָפּעטעס.

— אָפּגעלויעט ווערט ער...

— אַזאַ רייכער חזיר!

— בהמה! פאַרוואָס דערלאַנגסטו נישט אַריין? — ס׳איז היינט סאָוועטסקע וולאַסט...

ריוועלע האָט נישט געהאַט גאַרנישט אַקעגן דעם, וואָס די „סאָוועטסקע וולאַסט״ וועט איר אומקערן איר טאַטן. נאָר דערזעענדיק דאָ אין זאַל אָט דעם ברודיקן יידן מיט דער שרעקלעך־רויטער נאָז און מיט דער שלעכט־געשוירענער באָרד, באַמערקנדיק, ווי דער עולם שיסט אויס אַ געלעכטער פון די ווערטער, וואָס ער זאָגט, האָט זי באַלד געוואָרפן אויף אים אַן אומחן. זי האָט באַטראַכט אויף אים די וואַטאָווע בעל־עגלישע בגדים, געקוקט לאַנג אויף זיינע גראָבע שטיוול, אויף די לעפּישע פינגער פון זיינע קורצע הענט, און איר איז שוין פון אָט דעם קוקן אַליין געוואָרן ביז גאָר לאַנגווייליק און אפילו פאַרדריסלעך — זי האָט געמיינט, אַז אויב די סאָוועטסקע וולאַסט וועט איר שוין יאָ אומקערן דעם טאַטן, וועט עס כאָטש זיין עפּעס אַ רעכטס. זי זעט, ווי די מוטער איז אין יעדער רגע גרייט זיך פונאַנדערוויינען, שטייט זי אויף פון דער באַנק, זי שלעפּט די מאַמע פאַרן אַרבל און איז אַליין אויך גרייט צו וויינען; זי וויל שטאַרק זאָגן:

— מאַמע, קום אַוועק פונדאַנען... מאַמע מען דאַרף אים נישט אָט דעם־אָ... איך וויל אים נישט פאַר קיין טאַטן!...

נאָר די מוטער וואַרגט זיך מיט די ווערטער, וואָס זי דער־

ציילט דעם ריכטער, און קוקט זיך צו איר נישט אום. דער ריכטער׳ זעט זי, קלינגט אין גלעקל — דאָס לאַכט שוין דער עולם ווידער פון יעדער קלאַנג, וואָס דער אויבס-הענדלער לאָזט אַרויס פון מויל. דער אויבס-הענדלער הערט אָבער נישט, ווי מען לאַכט פון אים, פינטלט מיט די אויגן, דרייט מיט דער גראָבער צונג און הערט נישט אויף צו טענהן:

— וואָס-זשע? איך בין, חלילה, עפּעס אַ הולטאַי בין איך?„ איך וועל גיין אומגליקלעך מאַכן אַ יידישע טאָכטער, וועל גיין אומגליקלעך מאַכן?.. אַז אין באַראַק, הערט איר דאָך, איז געווען ימש חושך... מען זאָל עס זעען אפילו די אייגענע נאָז... איך ווייס, אַז אָט-אָ ליגט די שיקסע און אָט-דאָ ליגט זי... כ׳מיין, אָט די ברכה... און דאָ איז פינצטער... איין טריט אײַנגעזאַנצן... און פאַרשלאָפן איז מען אויך... איז וואָס-זשע... אַז דאָס גאָר געווען זי?... אָט די ברכה איז דאָס גאָר געווען?... הער אַ מעשה! סך-הכל איבער איין טריט...

ריוועלע זיצט ווידער צוריק אויף דער באַנק, און פילט, אַז איר איז לאַנגווייליק. דער פאַרגאַנגענער האַלבער טאָג, דער פרימאָרגן, ווען זי מיט דער מוטער זענען געגאַנגען אַהער אין געריכט, דאַכט זיך איר, איז שוין געווען אַזוי לאַנג, לאַנג, מיט אַסך יאָרן צוריק, אין קעפּל בלאָנזשען ביי איר אַרום פאַרשידענע בילדער, וואָס זענען ענלעך אויף נעפּלדיקע שווימענדיקע וואָלקנס. דער זאַל פון געריכט, די מענטשן, דער ריכטער, איר מוטער, דער אויבסט-הענדלער, די עדות, — דאָס אַלץ האָט זיך שוין לאַנג פאַרצויגן, ווי מיט אַ הייטל, זיך אויסגעמישט און זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם אָן אומגעהויער-גרויס; גרויען פלעק. דער פלעק באַוועגט זיך, ווי אַ ים, אין זיין טיפעניש הערן זיך קולות, עס קלינגט דעם ריכטער׳ס גלעקל, עס ווערט פון דער ריכטער-טיש, מען שטויסט זיך אַרום דער באַנק, ווו זי מיט איר מוטער זיצן, מען גראַגערט אַרום זיי:

— קום זיך אויסגעקראַצט... צוועלף קערבלעך אַ חודש האָט מען אים געפּסקנט אויפן קינד צאָלן...

— אַזאַ פעטער חזיר!

— עמעצער היצט זיך...

— איך וואָלט אים געפּסקנט פינף און צוואַנציק...

ריוועלע דערזעט, ווי איר מוטער וויינט זייער שטאַרק — אַלע גלידער אין איר כליפּען. זי פאַרגעסט אָן די נעפּלדיקע שווימענדיקע וואָלקנס, אינם גרויען פלעק, וואָס באַוועגט זיך, ווי אַ ים און הייבט אויך אָן צו ווייגען; זי יאָמערט נאָך שטאַרקער פון דער מוטער:

— מאַמע, — שרייט זי, — קום אַוועק פונדאַנען... מען דאַרף אים נישט... איך וויל אים נישט פאַר קיין טאַטן!

און עס פאַרדריסט זי ביז גאָר. אַלמאי קוקן איר מענטשן אַריין אין פּנימל, אַלמאי זיי וווּנדערן זיך:

— זע נאָר!... וווּנדערן זיי זיך, — אָבער ווי צוויי טראָפּן ער, דער אויבס-הענדלער... זיין פּנים, זיין מויל...

איצט איז שוין פאַרנאַכט. דער עולם שיט אויס פונם זאַל אין הויף אַריין, און פונם הויף — אין דער שמאָלער גאַס. אויף איין טראָטואַר גייט ריוועלע לעבן איר מאַמען; זי האָט רויטלעכע שטאַרק-אָנגעווייבטע אויגן און פּילט, אַז פונם געריכט אויף וועלכן זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט איז גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען די סאָוועטסקע וולאַסט האָט איר געוואָלט אומקערן עפּעס אַ פאַרשיווע טאַטן... גאָרנישט דעם וואָס זי האָט געמיינט... אין איר אָפענעם מיילכל איז איר צונגל פאַרבויגן, ווי אויף אַ קנאַק צו טאָן. זי טראַכט וועגן די מיידעלעך, וואָס וועלן זיך אָנזאַמלען אין הויף לעבן די קיך-טירן און וועלן איר פונדערווייטנס שרייען: „ים-קאָטער — אָן אַ פאָטער!”. אין די אויערן קלינגט איר אָן אויפהער דער ניגון פון אַ באַקאַנט לידל, מיט וועלכע קאָמסאָמאָלצעס מאַרשירן אין גאַס...

און אַקעגן, אויפן צווייטן טראָטואַר, שפּאַנט פאַמעלעך נאָטע פּראָסטאַק, דער אויבס-הענדלער:

— לאָז מיך צורו, — שרייט ער דאָרט אָן אויף זיין ווייב, — הער מיך אויף צו הריזן, דו כאָליערע איינע!

ער איז אויך שטאַרק פאַרטראַכט, פאַרכמורעטעהייט קאָן ער נאָך אַלץ נישט שלום ווערן מיט דעם, וואָס אין בּאַראַק איז אַמאָל פאַרגעקומען. ער האַלט די אויפגעהויבענע שווערע הענט אין איין הויך מיט זיין ברוסט, ער קוקט אויף זייערע לעפּיש-צענומענע קורצע פינגער און רעדט צו זיך אַליין:

— איך זאָל דאָרט אין פינצטערן באַראַק געווען מאַכן נאָר נאָך איין טריט... אַ?.. אַהין צום ווינקל-צו... בלויז נאָך איין טריט... אַ?.. אַט האָסטו דיר... גיי צאָל איצטער צוועלף קאַרבן אַ חודש... און איבער וואָס, אַ?.. איינגאַנצן איבער איין טריט...

# אַן אייביקער קנעכט

# אַן אייביקער קנעכט

די לבנה וועט אויפגיין שפּעט, ערשט אַרום צען אַזייגער.
דער פאַרנאַכט איז אַ שטילער, אַ קילער, אַן אָלודיקער.

אַ בענקענדיק ווינטל שאַרט זיך אַרום אין מאַרק, זוכט שטויב, כאַפּט זיך אַרויף אויף די אַלטע אַקאַציע-ביימער, וואָס פאַר אַ שטוב מיט צעבראָכענע שטאַכעטן און שרייט פון דאָרט אַראָפּ מיט אַ קול פון אָפּגעשלאָגענער הושענא.

דאָס גאַנצע שטעטל — בעל-מלאכות, ערד-אַרבעטער, אַ הייפעלע צאַנקענדיקע קרעמער — איז מיד און שלעפּעריק, ווי אַמאָל נאָך אַ ווימלדיקן יאַריד. אין הייזער איז מען גרייט אַנשלאָפן צו ווערן אין די קליידער. אין דער נאָז שלאָגט אַ ריח פון פרישן קאַלטן קאַוואָן. דאָ און דאָרט הערן זיך קולות, זיי קלינגען הייזעריק און בייז — מען איז אין כעס: דריי פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט שוין לאַנג געוואַרט, זענען היינט אין אָוונט אויסגעפאַלן אַלע מיט אַ מאָל; מען ציילט זיי אויף די פינגער:

— אין שטאָט-ראַט.

— אין דער ליי- און-שפּאָר-קאַסע.

— אין דער זיבניאָריקער שול.

מען איז פול מיט גרימצאָרן:

— פונקט היינט האָט עס אים באַדאַרפט אָנטראָגן — דעם ביל-דונג-אינספּעקטאָר.

אויף יעדער איינער פון אָט די פאַרזאַמלונגען האָט מען וועמען „אָנגעוורייבן אַ מאָרדע”. אוועקגייענדיק פון דער היים קלאַפּט מען שטאַרק מיט די טירן. אַ יידענע שרייט נאָך איר מאַן:

— עס אָפּ... עס אָפּ וועטשערע!

דער מאַן ענטפערט נישט; אַקעגן רעדט עמעצער אויפן וועג צו זיך אַליין:

— גיי!.. כאַטש נעם צערייס זיך...

מיט שטילע טונקעלע שאָטנס גובעט זיך אַהער די נאכט. פונם װעלדל און פון די פעלדער, װאָס אויף יענער־זייט טייך, ציט מיט פייכקייט און מיט נעלי. װי פון בענקשאַפט נאָכן אַװעקגעגאַנגענעם זומער בילט ערגעץ אַ הונט. דערנאָך שטאַרבן פּלוצים אָפּ די לעצטע קולות און די לעצטע טריט — אַפּנים אַלע זענען שוין אַיף די פּאַרזאַמלונגען. דאָס גאַנצע שטעטל זעט אויס, װי אַמאָל, בעת אַלע פלעגן אַװעקגיין און די דריי שטאַרק־באַלויכטענע בתי־מדרשים צו „סליחות". מען זעט שוין מער נישט אַרויס נישט די שילדן, נישט די דעכער, נישט די אָפענע טירן, װאָס ביי די פינצטערע הייזער, און איבער די פוסטע געסלעך דרייט זיך אַרום בלויז איינער אַ פריש־אָנגעטוענער יונגערמאַן, אַ געגאָלטער און דאַר־ביינעדיקער. ער האַלט זיין גראָ־ן יאַמשאָװע שטעקן טיף אונטער דער פּאַכװע און רויכערט װי אַן ־קשן זיין קורצע פייקע, װאָס שמעקט מיט אַ ריח פון פרעמדן זיסלעכן טאבאַק, — דאָס איז דער גאַסט פון אַמעריקע נחום גליװער, אָדער — װי מען האָט אים אַמאָל דאָ אין שטעטל גערופן:

— ניוקע דעם איינבינדערס.

דער נייער אַמעריקאַנער אַנצוג איז אויף אים זייער ברייט און זעט אויס װי נישט אויף זיין מאָס גענייט. זיינע אויגן אונטער די צוזאַמענגעװאַקסענע געדיכטע ברעמען, זיין געגאָלט מויל, זיין פאַר־דומפּענע שטימע, דער גראָמער אייזערנער סיגנעט, װאָס הענגט אויף זיינעם אַ פינגער, װי אַ טאָטערשע קמיע, — דאָס אַלץ זעט דאָ אַלעמען אויס זייער פרעמד און פיל װייטער, איידער אַלע לענדער, װאָס אויף יענער־זייט אָקעאַן. קיין קרובים האָט ער דאָ שוין נישט: אַלע זענען זיי אָדער אַװעק פונדאַנען אין אַנדערע שטעט, אָדער אויסגעשטאָרבן. קיינעם האָט דאָ נישט הנאה געטאָן, װאָס ער איז געקומען, און קיינעם װעט דאָ נישט באַנק טאָן, יוען ער װעט אַװעק־פאָרן. און דאָך דרייט ער זיך דאָ אַרום שוין די צװייטע װאָך, טוט גאָרנישט, רויכערט פאַרעקשנט זיין פייקע און זעט אַלץ אוס, װי אַ מענטש, װאָס האָט עפּעס אויפן האַרצן — ביז ער װעט זיך דאָ פאַר עמעצן נישט אויכריידן קאָן ער פונדאַנען נישט אַװעקפאָרן. פון אומרויקן װילן זיך אויסצוריידן בלאָנקעט ער אַרום, אַזוי זעט אויס.

אויך איצט, אין אָט דעם שטילן פינצטערן אָוונט, ווען אַלע זענען אוועק אויף די פאַרזאַמלונגען. אַלע מאָל, ווען ער רייבט אויף אַ שוועבעלע אויף אָנצוצינדן די פּייקע, ווערן ווי שטאַרקער באַלויכטן סיי די הייזער, וווּ עס גייען די פאַרזאַמלונגען, סיי ער, דער געגאָלטער און דאַר-בייגערדיקער, און דעמאָלט דאַכט זיך אויס, אַז ער איז דאָ אין שטאָט נישט געגאַנגען, ווי אַלע צו „כּל-נדרי", און אים טוט עפּעס באַנג און אַ געפיל איז בײַ אים אַזאַ, ווי גלײַך מיט אָנצינדן איצט דאָס שוועבעלע טוט ער אַ כּל-נדריקע עבֿרה — בײַם שטיפן דאָס ברענענדיקע שוועבעלע אין דער פּייקע טוט דעריבער בײַ אים אַלע מאָל, ווי אַ ציטער די האַנט. אַקעגן, אויף דער פּריזבע פון פּראָים טעפּליצקיס גוועזן-פאַרמעגלעכער שטוב, דערזעט ער זיצן רחלען — אַ צעפּאַטלט און פעסט פּופּצניאַריק מיידל, וואָס קאָן נישט אוועקפאָרן פונדאַנען אין אַ שטאָט זוכן אַ תּכלית, ווײַל איר מוטער איז איר פאַר-צוויי-יאָרן געשטאָרבן און זי מוז אָנפירן דעם פאָטער די באַלעבאַטישקייט און זײַן אַ מאַמע איבער אירע צוויי קלענערע שוועסטערלעך.

— אַלאָ! — טוט ער אַ מאַך צו איר אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער: דער „אַלאָ!" איז אַ פרײַלעכער און דאָס פּנים איז קאַלט און פאַרגליווערט.

ער גיט איר אַ שטעק-אָפּ די האַנט און זעצט זיך צו לעבן איר אויף דער פּריזבע:

— און וווּ איז דער טאַטע? אין דער לײַ און שפּאָר-קאַסע?

— ווי דאָס האַרץ זאָגט אײַך — ענטפערט פריילעך רחל.

זי פאַרשעמט זיך פאַרן אַלטן קליידל, פאַר איר קאָפטל, וואָס מיט די אויסגעריבענע געלאַטעטע עלנבויגנס און קאָרטשעט זיך צונויף, כּדי זי זאָל אויסזען ווייניקער צעכראָסטעט.

— ער איז דאָך דאָרט גלאַווונע בוכהאַלטער — ווײַל זי כאָטש מיט אַ שיין וואָרט פאַרגיטיקן איר אָרעמען הילוך, — הייבט אָטשיטעוועט ער זיך...

— ווען וועט ער קומען?

— שפּעט — הלוואי צוועלף.

נחום גליווער רייבט אויף אַ שוועבעלע און שטופּט עס אין

דער פייקע, כאָטש די פייקע איז נאָך נישט אינגאַנצן צוגעלאָשן; ער צינדט דאָס שוועבעלע מערער צוליבן ווילן זיך איבערצייגן, אַז עס איז ווירקלעך נישט יום־כיפּור צי „כל נדרי", ביי דער שיין פון שוועבעלע דערזעט רחל דעם גראָמען אייזערנעם סיגנעט אויף זיין פינגער און קאָן נאָכדעם פון אים נישט אָפּרייסן איר בליק.

— הערט, — פרעגט זי ענדלעך אַ פאַרשעמטע מיט איר איי־גענער נייגעריקייט, — איאָ איר זייט אין אַמעריקע אַ פעלדשער?

— נאָ — טוט ער גלייכגילטיק אַ דריי מיטן קאָפּ.

און ערשט נאָכדעם פרעגט ער האַלב־באַליידיקט:

— פאַרוואָס גאָר אַ פעלדשער?

— איבערן אייזערנעם סיגנעט...

רחל זעט שוין, אַז זי האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט, זי ווערט שטאַרק רויט, וויל פאַרגלעטן און מאַכט נאָך ערגער:

— פאַר־צוויי־יאָרן, ווען די מאַמע איז געווען שלאַף, פלעגט מען רופן דעם ליבעדינער פעלדשער — ער איז דאָ געזען צוגאַסט ביי זיין טאָכטער — האָט ער אויך געטראָגן... אַן אייזערנעם סיגנעט...

— נאָ... — האָט אירער אַמעריקאַנער גאַסט איבערגעשלאָגן, — איך בין אַ טשערמאַן.

— איר וועט נישט לאַכן פון מיר? — וואָס איז אַ טשערמאַן?

— אַ טשערמאַן —

נחום גליוואָר האָט אַרויסגענומען די פייקע פון מויל, געקוקט אין אַ זייט, ווי אַלע אַמעריקאַנער קוקן און אָנגעהויבן געבן צו פאַר־שטייען אַזוי פאַמעלעך און אַזוי לאַנג, ביז רחלען האָט דערעסן:

— איר זאָגט בעסער, וויפל פאַרדינט איר?

גליוואָר האָט געענטפערט זייער אומעטיק, ווי אַלע אַמעריקאַנער:

— איך פאַרדין? — זיבעציק טאָלער אַ וואָך.

— נו איז שוין גוט — האָט רחל פריילעך באַהאַלטן די הענט אין פאַדעלעך פון איר אַלטן קליידל, — אויב זיבעציק דאָלאַר אַ וואָך, פאַרשטיי איך שוין, וואָס איז טשערמאַן. טשערמאַן איז אַ נפּעץ, נישט אמת?..

— נאָ...

גליוואָר פאַרלייגט איין האַנט טיף אונטער דער פאַכוועס פון דער

צווייטער, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ מיט דער פּייקע צום הימל און בלייבט אַזוי לענגער זיצן, ווי גלייך ער זעט מאָדנע זאַכן צווישן די שטערן. רחל מוז שוין אויך אַהין אויפהייבן דעם קאָפּ — זי וויל וויסן: וואָס זעט ער דאָרטן? זי זעט אַ געדיכט-אויסגעשטערנטן הימל, אַ טונקעלן, אַ בייזלעך-קילן. זי וואַרט, ער זאָל אויפהערן קוקן, נאָר גליווער לאָזט דאָך דעם קאָפּ נישט אַראָפּ; ער טוט פּלוצים אַ פרעג מיט זיין פאַרשלאָפענער שטימע, וואָס קלינגט דאָ אַלעמען זייער פרעמד און פיל ווייטער איידער אַלע לענדער, וואָס אויף יענער-זייט אָקעאַן:

— איר ווייסט נישט ווו געפינען זיך איצט די אַווערבוכס?

— וועלכע אַווערבוכס?

גליווער נעמט אַרויס די פּייקע פון מויל, קוקט נישט צו רחלען און קייעט פאַמעלעך דעם רויך:

— נחום אַווערבוך, שלמה אַווערבוך... אַ פּאָטאָמסטווענע, פּאָטשאָטנע גראַזשדאַנין... פּערווע גילדי קופּעץ... פלעגט פאָרן מיט אַ גלאָקביים דישל פון קאַליאַס... קיינער האָט נישט געטאָרט פאָרן מיט אַ גלאָק ביים דישל, און ער האָט געמעגט... ער און דער איספּראַווניק. זיי האָבן געוווינט אין גרויסן ווייסן הויז, אָן דאָרט... וווּ עס איז איצט דער איספּאָלקאָם, און אין מאַרק, אין הויכן הויז, וואָס די אַקאַציעס פון פאָרנט, נאָר איצטער איז דאָס הויז שוין אָפּגעוואָלעט... די שטאַכעטן פון פאָרנט זענען שוין צעבראָכן...

— די שטאַכעטן — טוט זיך רחל אַ כאַפּ, — וועט מען מאַכן נייע... און די ווענט וועט מען אויך פאַפּראַווען, דאָרט איז דאָך אונזער זיבן-יאָריקע שול... מען האָט שוין געמאַכט גענוג גוואַלדן. מען האָט אונז נאָך פאַראַיאָרן צוגעזאָגט פונם אָקרוג געלט אויף איבערבויען... אַט דאָס איז ער היינט אַ־אָפּגעקומען דער אינספּעקטאָר, איר מעגט אים שוין מקנא זיין, דעם אינספּעקטאָר מיטן בלינדן אייגל — ער וועט איצט אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן אַ ווייסטן סוף...

נחום גליווער וואַרט מיטן גרויסן אַמעריקאַנער געדולד ביז רחל וועט ענדיקן, נאָר הערן, וואָס זי רעדט וויל ער נישט און קוקן צו איר קוקט ער נישט.

— געווען רייך — זאָגט ער, — די אַווערבוכס, גרויסע גבירים.

— אַהאַ! — פאַרשטייט שוין רחל, — בורזשועס, הייסט עס. דער טאַטע זאָגט: ער איז אויך געווען אַ מאָל... אַ... בוכהאַלטער ביי בורזשועס.

גליווער עפנט דאָס געגאָלטע מויל און קלאַפּט פאַרטראַכט מיטן פּיסקל פון דער פייקע אָן די פּעדערשטע ציין.

— אײנאײנעם מיט די גלינסקיס, די געשוועסטער-קינדער זייערע, — רעדט ער ווי צו זיך אַליין, — זענען די אָווערבוכס אוודאי ווערט געווען ביי דריי פערטל מיליאָן...

— גלינסקי? — טוט זיך רחל אַ כאַפּ, — ישראל גלינסקי? ער איז דאָך דער פאָרזיצער אין ראַט. ער איז אַ פאַרבער, נאָר ער האָט לעבן זיין שטוב אַנדערטהאַלבן דעסיאַטין יונגן ווייַנגאָרטן. אַ ציקעוועסט מיט אים, מיט גלינסקין — ער קאָכעט זיך אין זיין ווייַנגאָרטן! ער מעג שטיין אויף אַ דאַך און פאַרבן, נאָר אַז עמעצער פאָרט אַן אין שטאָט אַריין, שפּרינגט ער באַלד אַראָפּ פונם דאַך און לויפט ווייַזן זיין ווייַנגאָרטן. ער באַרימט זיך: ער וועט באַקומען אַ פאָכוואַלגע ליסט. וואָס ער פאַרדינט אין פאַרבערייַ קנאַקט ער אַריין אין ווייַנגאָרטן און אַליין קומט ער צו אונז צולויפן אָנקלייַבן אַ רובל-פופציק אויף מעל. דער טאַטע לאַכט פון אים: „ישראל, פרעגט מען אים, ווען שיקסטו שוין דיין ווייַנגאָרטן אויף דער ווישטאַווקע?.. יאָ, יאָ, ישראל גלינסקי... ער לייענט ביכער וועגן ווייַנטרויבן. און אַז דער אַגראָנאָם קומט אַראָפּ זאָגט אים ישראל: „איר הייבט, במחילה, נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז אַ ווייַנגאָרטן". דער אַגראָנאָם לאַכט און אַלע האַלטן זיך ביי די זייטן...

— נו! נו! — גיט זיך גליווער אומצופרידן אַ קרום, — דער איז אַ קבצן, פון אַלע יאָרן ווי זיין טאַטע. ער האָט זיך מיט די אמתע גלינסקיס גאָר נישט אָנגעקערט. איך מיין די גרויסע גלינסקיס — פּאָדריאַטשיקעס... נאָר נישט אַזעלכע רייכע ווי די אָווערבוכס. די אָווערבוכס האָבן געבויט וואָקזאַלן, באַנען, און די גלינסקיס — קאַזאַרמעס, טורמעס. די אָווערבוכס האָבן געהאַלטן צו די קינדער סטודענטן און באָנעס, און די קינדער זייערע — גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס.

גליווער צעוואָרעמט זיך אַלץ מער און מער, דערציילנדיק ווי

אַזוי די גימנאַזיסטן מיט די גימנאַזיסטקעס פלעגן אַראָפּקומען אַלע זומער אויף קאַניקולעס, ווי אַזוי זיי האָבן די ערשטע איינגעפירט דאָ אין שטאָט, מען זאָל ריידן נאָר רוסיש, ווי אַזוי זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע קופּאַלניע ביים טייך, ווי אַזוי זיי פלעגן אַלע פאַרנאַכט פאָרן אַהין זיך באָדן... אויף צוויי נייע אייגענע פייעטאָנעס מיט שוואַרצע פייערדיקע פערד.

— אַהאַ! — כאַפּט זיך אַרויס ביי רחלען, — דער טאַטע דערציילט טאַקע: געווען אַ מאָל פּריצים, גראַפן, זאָגט ער, און קניאַזן, זיי פלעגן אַליין גאָרנישט טון, און אַלע פלעגן אויף זיי אַרבעטן, האָבן זיי געהאַט אַ ווילדן סוף, זיי זענען זיך צעלאָפן, ווייל מען האָט זיי גענומען אין חד־גדיא. אין דאָרף, הייסט עס...

נאָר גליווער הערט נישט. זיין קול ווערט אַלץ מער און מער פאַרטרוימט:

— געווען ביי שלמה אַווערבוך אַ מיידל זשעניע אַווערבוך, אַ שוואַרצע, אין זיידנס פלעגט זי שטענדיק גיין, מיט אַסך גאָלדענע בראַסליעטן אויף די הענט, מיט בריליאַנטן...

— זי איז געווען אַ שיינע?

— נאָ! אַ ברען... מיט וועמען האָט זי זיך נישט אויסגעוואָלגערט?! מען פלעגט זאָגן: אפילו מיט די קוטשערס. אַלע האָבן געשפּילט מיט איר ליבעס.

— איר אויך? — ווערט רחל פון רגע צו רגע נייגעריק.

— נאָ! — טוט גליווער ביינלעך אַ דריי מיטן קאָפּ, — איך? ווי קום איך צו איר? איך בין געווען דאָ אין שטאָט דעם איינבינדערס יינגל. ניוקע דעם איינבינדערס, נאָך מיין טאַטנס טויט האָט מיין מאַמע נישט געהאַט צו צאָלן דעם מלמד, האָב איך זיך אַרומגעדרייט... אַרום דעם אַפּטייק־מאַגאַזין האָב איך זיך אַרומגעדרייט, איך האָב דאָרט געוואַשן פלעשלעך, גלאַט אַזוי, אָן געלט. נאָר אין אַפּטייק־מאַגאַזין האָט מען ביי מיר אויך קיין געלט נישט גענומען, דאָס הייסט: דערפאַר, וואָס מען לאָזט מיך וואַשן די פלעשלעך, און איך האָב זיך געגרויסט. ס'איז אויסגעקומען, אַז איך לערן זיך אומזיסט אויף אַפּטייקער: אַז מען פלעגט קומען פון די אַווערבוכס עפּעס קויפן, פלעגט מען דאַרפן גוט, גוט וואַשן די פלעשעלעך... און נאָך

פריער, אַז מיין טאַטע האָט נאָך געלעבט, פלעג איך גיין אָפּטראָגן צו די וואָרבוכס די איינגעבינדענע ביכער. איינמאָל, ווען איך האָב אָפּגעטראָגן איינגעבינדענע ביכער, האָט מיך דאָרט דערזען זשעניע וואָרבוך. זי האָט אַזוי געקוקט אויף מיר... שטאַרק געקוקט. דערנאָך האָט זי ביי מיר געפרעגט, צי איך וויל, זי זאָל מיט מיר לערנען רוסיש. זי האָט מיר געהייסן, איך זאָל אָנהייבן קומען צו איר פון מאָרגן אָן, גלייך צו איר אין צימער זאָל איך קומען, און אויף מאָרגן, אַז איך בין געקומען, האָט זי שוין געוואַרט אויף מיר. איך האָב געזען: ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען, פאַרשליסט זי אונטער מיר די טיר...

— זי האָט מיט אייך געלערנט? — פאַראינטערעסירט זיך זייער נאַיוו רחל.

— נאָ! אַזוי... אַ טאָג דריי, — שמייכלט איבער עפּעס ביי גליווערן איינע אַ באַק, — דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז ס'האָט איר דער־עסן... און אַז זי האָט קאָפּ־שמערץ, זי וועט בעסער צאָלן פאַר מיר אַ לערער, ער זאָל מיך גרייטן צום עקזאַמען.

— זי האָט טאַקע געצאָלט?

— נאָ... נאָר דעם ערשטן חודש... דערנאָך איז זי ערגעץ אַוועק־געפאָרן. דערנאָך איז מיין מאַמען און מיר אָנגעקומען שיפס־קאַרטן פון אונזער אַ פעטער אין אַמעריקע, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן...

— ווער?

— איך און מיין מאַמע.

— וווהין?

— קיין אַמעריקע. און אין אַמעריקע...

גליווער דערציילט, ווי אַזוי ער און זיין מאַמע האָבן זיך אין אַמעריקע די ערשטע צייט שטאַרק געמאַטערט, ווי אַזוי ער, נחום גליווער, האָט נאָכדעם אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרדינען, און נאָך מער, ווי ער דערציילט, געדענקט ער, ווי אַזוי ער האָט דאָרט, אין אַמעריקע, אָנגעהויבן אָפּצולייגן געלט; ער האָט דאָרט זיין אָפּגעלייגט געלט תּמיד געמאָסטן אין געדאַנק מיטן געלט, וואָס עס פאַרמאָגן דאָ, אין דער אַלטער היים, די וואָרבוכס און די גלינסקיס. ער האָט דעריבער קיינמאָל נישט געהאָלפן זיינע קרובים. ער האָט געשפּאָרט

און האָט אַפילו נישט געטראַכט חתונה צו האָבן מיט אַבי וועמען; ער האָט געקלערט: אַז ער וועט אַהער אַראָפּקומען, וועט ער דאָ צום אַלעם ערשטן אַריינקומען צו די גלינסקיס און צו די אַווערבוכס...

און אָט איז ער איצט אַראָפּגעפאָרן און האָט אָנשטאָט די אַווערבוכס און די גלינסקיס געטראָפן עפּעס אַן „איספּאָלקאָם", אַ „לײַ-שפּאָר-קאַסע" און אַ „זיבניאָריקע-שול"... עס קומט עפּעס אויס, ווי ער, נחום גליווער, האָט אומזיסט געשפּאָרט געלט, אומזיסט נישט געהאָלפן זײַנע קרובים, אומזיסט נישט חתונה געהאַט... עס קומט אויס, אַז מען דאַרף דאָ שטומערהייט רויכערן די פּייקע און זיך צוקוקן, ווי דאָס שטעטל איז פאַריתומט... פאַרלאָזט — עפּעס גלאַט אַ שטעטל, אָן גבירים...

— וואָרים, איר פאַרשטייט, צי ניין? — קלאַפּט ער אויס זײַן אויסגעלאָשענע פּייקע אויף דער פּריזבע, וווּ ער זיצט מיט רחלען, — וואָרים אַ שטעטל אָן אַ גבירישער שטוב איז... ווי זאָל איך אײַך אויסמאָלן... איר פאַרשטייט?.. איך האָב קיין מורא נישט... איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער, בין איך...

רחל שלאָגט אים שוין מער נישט איבער און קוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן — זי איז אַלט פופצן יאָר. זי איז אָפּגעטון אין אַן אַלט קליידל, און אַ צעבראָכטע קאָפּטל, וואָס האָט אויסגעריבענע געלאַטעטע עלנבויגנס, און טראַכט, אַז אָט דער גאַסט, וואָס זיצט מיט איר אויף דער פּריזבע, איז פון אַמעריקע און אַז אין אַמעריקע זענען מן הסתם אַלע מענטשן אַזעלכע, ווי ער — מען רעדט דאָרט נאַרישקייטן רעדט מען, עפּעס גלאַט אין דער וועלט אַרײַן רעדט מען; זי באַשליסט, אַז קיין אַמעריקע וואָלט זי בשום אופן נישט געפאָרן. נאָר גליווער גייט נאָך אַלץ נישט אַוועק.

איבערן שטעטל איז שוין לאַנג אויפגעגאַנגען די לבנה. מען שיט אויס פון אַלע דרײַ פאַרזאַמלונגען, ווי אַ מאָל יום-כּפּור אויפדערנאַכט — פון אַלע דרײַ בתי-מדרשים: מען פירט נאָך וויכּוחים אין דרויסן, מען זאַמלט זיך אין רעדלעך, מען שרייט זיך איבער אין גאַס; פונוויטנס דאַכט זיך: מען איז דאָרט מחדש די לבנה.

עס דערנענטערט זיך אַהער אַ לאַנגער ייד, אַ דאַרער מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און מיט אַ קליין בערדל—

דאָס איז רחלס פֿאָטער פראָים טעפּליצקי, דער בוכהאַלטער אין דער ליי־ און שפּאָר־קאַסע. ער בלייבט שטיין, הערט זיך איין, ווי נחום גליוזער רעדט וועגן די גלינסקיס און וועגן די וואָרבוכס און קוקט אים אָן מיט אויגן, וואָס זעען אויס בייז, ווי שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה.

— הער נאָר, דו — שלאָגט ער איבער דעם גאַסט, — פאַרוואָס פרעגסטו בעסער נישט אויף חיהן, אויף דער שוועסטער אויף דיי־נער?... מען זאָגט: ס'גייט איר גאַנץ גוט, איר און די קינדער. זיי זענען אין אָדעס, טאַנדייטניקעס זענען זיי... קום אין שטוב, רחל..

רחל גייט אַוועק מיטן פאָטער אין שטוב, אים נאָכגעבן וועטשערע. גליוזער זיצט אַ ווײַלע פאַרזאָרגט אויף דער פּריזבע. דערנאָך הויבט ער זיך אויף און שפּאַנט פאַמעלעך אַוועק אונטער דער שיין פון דער לבנה. ער רייבט אַלע מאָל שווצבלעך, שמיצט זיי מיט אַ ציטעריקער האַנט אין דער צוגעלאָשענער פייקע און טראַכט:

— וואָרים אַ שטעטל אָן אַ גבירישע־ שטוב איז, ווי זאָל איך אייך אויסמאָלן?... איר פאַרשטייט?... איך האָב קיין מורא נישט... איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער בין איך...

# שכר-טרחה

# שכר-טרחה

— שפּאָליאַנסקי, דער רוח זאָל אייך נעמען!

— שפּאָליאַנסקי, אָן די ידים, זאָגט מען אייך!

— איר הערט, צי ניין?

שפּאָליאַנסקי — אַ פּריוואַט-אַדוואָקאַט אין די פּערציקער — דער-פילט אַ ווייבערשן שטויס פּונקט אינם ווייכן אָרט, וואָס צווישן בויך און צווישן דער ברוסט. זיין גאַנצער דאַרער און לאַנגער קערפּער, די אומגעהויער גרויסע און רויטע וואָנצעס, די געגאָלטע בלאַסע באַקן מיטן געשווירענעם שאַרפן קמצל, וואָס אונטערן מויל, — דאָס אַלץ טוט אַ ציטער. זיינע הענט ווילן נאָך אַלץ עפּעס טון, נאָר באַלד קומט אַ צווייטער שטויס פּונקט אויפן פריערדיקן אָרט און פּונקט אַזאַ ווייבערשער און ווייכער:

— מממ... די הענט זאָלן אייך אָפּגעדאַרט ווערן, שפּאָליאַנסקי...

ביי שפּאָליאַנסקין אויפן פּנים, אויף דער בלאַסער הויט, וואָס אין ביידע זייטן שאַרף-ביינערדיקער נאָז, באַווייזט זיך אַן אָפּשיין פון וואַקס. ער טוט זיך אַ וואַקל און פאַלט אַרונטער אין דער ווייכער קאַנאַפּע, וואָס אין אײן הויך מיט זי נע קניען. זיינע קליינע טונקעלע אויגן פאַרציִען זיך מיט אַ בוימלדיק הייטל, פאַרגלאָצן זיך צו די וויעס צו און קוקן פון דאָרט אויף דער מאַדאַם רויטע קופּטשיקס פולן ביוסט, אויף אירע פלאַמענדיקע באַקן און גלאַנצנדיקע יונג-ווייבערשע אויגן. ער זעט, ווי עס פאַרשנורעווען זיך אירע ליפּן, איר פליישיק פּיסקל גרויסט זיך, אירע הענט — די הענט פון דער שענסטער נקבה אין שטאָט — טוען זיך אַ הויב-אויף, ווי אויף צו דערלאַנגען די סטעלי און הייבן אָן ברייהש צורעכט מאַכן די קעמע-לעך מיט די האָר-נאָדלען, וואָס אין איר טונקל-בלאָנדן געקרויזטן פּאַרקעט. אירע לאַנגע שוואַרצע וויעס טוען עטלעכע מאָל אַ פינטל איי. ער זיי מאַכן זיך איינגאַנצן צו.

— איר זאָגט בעסער, — פרעגט זי מיט פּאַראַיבל — וואָס וועט זיין מיט מיין שטוב: איך וועל האָבן צוריק מיין שטוב, צי ניין?

— מיט דער שטוב?..

שפּאַליאַנסקיס קול איז מיד און מאַט, ווי דער גליענדיקער זומערטאָג אין דרויסן, ווי די הייסע זון, וואָס בראָט קעגנאיבער די פאַרהאָנגענע פענצטער אַזוי שטאַרק, אַז האַגען פאַרגעסן דאָרט צו קרייען. ער הויבט זיך אויף פון דער קאַנאַפּע, גלייכט אויס פון אונטן אין סטאַן די צוויי קנעפּלעך פון זיין קורצן אַדוואָקאַטישן וויזיטקעלע און שפּאַנט זיך דורך איבערן צימער. זיינע אויגן מעסטן שייגעצדיק אָפּ די מאַדאַם רויטע קופּטשיק פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ.

— מיט דער שטוב, מאַדאַם, — טוט ער אַ זיפץ — מיט דער שטוב, האָב איך מורא, וועט גאָרנישט זיין...

ביי רויטע קופּטשיק שטשערען זיך די ווייסע ציין, ווי אויף איי בערצוקרימען:

— אַזוי?.. עס וועט גאָרנישט נישט זיין?

זי פלעכט איבער די הענט אויף דער ברוסט און פאַרלייגט דעם קאָפּ אויפן לינקן אַקסל. איין אויג מאַכט זיך ביי איר צו, דאָס צווייטע קוקט אין דער קרום צו שפּאַליאַנסקין.

— שפּאַליאַנסקי, — זאָגט זי — די כפרה זאָלט איר ווערן...

זי טוט זיך אַ וויג אויף איין אָרט און לאָזט אויס:

— איך ווייס דען נישט וואָס איר מיינט?

שפּאַליאַנסקי קוקט אויף איר, אַראָפּוואַרפנדיק דאָס בוימלדיקע הייטל פון זיינע אויגן. ער הייבט אויף די ברוסט צום קאָפּ־צו.

— נו, גוט, — פאַרדרייט ער די נאָז אין אַ זייט — אַבי איר ווייסט כאָטש...

דערנאָך טוט ער אַ לעק מיט דער צונג די רעכטע און די לינקע וואָנצע, געפינט זיין שטעקעלע, וואָס מיט דער ווייסער ביינערדי־קער גאָלקע, און גייט אַוועק אָן אַ זיי־געזונט.

איצט גייט ער מיט דער הויפּט־גאַס און מיטן מאַרק צוריק צו זיך אַהיים, און אַ געפיל איז ביי אים אַזאַ ווי גלייך ער איז אין געריכט נאָר־וואָס דורכגעפאַלן מיט אַ פּראָצעס, אָדער ווי גלייך ער

האָט שוין וואָכן-לאַנג גאָרנישט נישט געטון און גאָרנישט נישט פאַרדינט. דער זומערדקער בייטאָג נאָגט אים ביים לעפעלע, די גאַנצע שטאָט מיט איר ארומיקן נאַקעטן באַרג אַרויף, מיט די פּאָר בעל-עגלישע פייעטאָנעס, וואָס לאַנגווייליקן זיך אויפן שלעכטן מיסטיקן ברוק, מיטן שניידערשן שטעפּן, וואָס דערגייט פון זייטיקע סיטקעלעך, — דאָס אַלץ דערעקט אים ביז גאָר; די הייזער, די מענטשן זעען אים אויס פיל פשוטער, ווי זיי זענען אין דער אמתן. לעבן קאָאָפּעראַטיוו — אַמאָל פּאַרטאַקאָוס מאַגאַזין, אָדער „די רוסישע קלייט" — שטייט מען אין אַ רייע און אַלע איבעריקע יידישע קלייטלעך זענען אָדער אײַנגאַנצן געשלאָסן, אָדער זיי באַווייזן פון זייער טיפער טונקעלער בלינדקייט, ווי זיי לופטערן די ליידיקע פּאָליצעס. פון איינער אַזאַ קראָם — אַ קראָם מיט אַ שילד: „פישטשע-בומאַזשני מאַגאַזין" — יאָגט ארויס מיט לאַנגע טשי צווע טריט אַ דאַרער גאַלאַגאַנער האָן, און נאָך אים יאָגט איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס דער באַלעבאָס פון „מאַגאַזין" — אַ צעפּלאָכטענער יונגערמאַן מיט אַ בילמע אויף אַן אויג און מיט שטאַרק-געלאַטעטע געלע הויזן. ער איז אַ היקעוואטער און זייער א בייזער:

— כאַפּ אים! ככאַפּ אים! — געוואַלדעוועט ער, כאָטש אין גאַס איז קיינער נישטאָ.

ער בויגט זיך שטאַרק אָן, צענעמט אין געלויף די הענט ווי אויף לאָזן זיך פליען און שרייט נאָך דעם האָן:

— אָנ-גנווווערן זזזאָל איך דיך!.. זאָג איך דיר! אַמממיתהמשונה אויף דיר!.. די כפרה זאָלסטו ווערן!

שפּאָליאַנסקין קלינגט אין רעכטן אויער, ווי נאָך אַ מסוכנעם פּאַטש, און דאָס לינקע אויער חלומט זיך אַ ווידער-קול:

— שפּאָליאַנסקי, די כפרה זאָלט איר ווערן... אַנישט ווייס איך נישט, וואָס איר ווילט?

ער דערמאָנט זיך אָנם וויג, וואָס די מאַדאַם קופּטשיק האָט זיך געטון, בעת זי האָט אים אָט די ווערטער געזאָגט, און אם טוט ווידער צו איר אַ צי, ווי צו דער שענסטער נקבה דאָ אין שטאָט. יעדנפאַלס האָט ער שוין איצט מער קיין חשק נישט גיין צו זיך אַהיים, צו זיין פאַרוואָקסן שטיבל, צו זיין צעקנייטשטן קראַנקלעכ

ווייב, צו די צוויי רויט-האָריקע קינדער, וואָס יאַקסן ווילד, ווי דער בוריאַן אין זיין פאַרטרוקנטן גאָרטן, און צו דער אַלטער גויע, וואָס באַדינט זיי. רעכטס אין גרויס ריין-אויסגעקערטן הויף. וואָס פאַרן איספאָלקאָם, צום אַ בריטשקעלע, וואָס מען האָט נאָר-וואָס אַרויסגעשלעפט פון שאָפע, דערזעט ער דעם גאַנצן אָרטיקן גר[illegible]שן „קאָמכאָז". לעקנדיק מיט דער צונג די וואָנצעס, שפּיליעט ער צו אויף זיך דאָס וויזיטקעלע און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. דערנאָך כאַפט ער אָן זיין שטעקעלע, ווי אַ קאָמעדיאַנט, פונקט אין מיטן גלייכט זיך אויס און שפּאַנט אַוועק צום „קאָמכאָז" מיט זיינע וויגנדיקע רעסאָרן-פיסלעך.

„זדראַוועו בולע! — באַגריסט ער זיך אויף איינמאָל מיטן גאַנצן „קאָמכאָז" און טוט אַ הייב אויף זיין ברוסטל.

אויף זיינע רויטע וואָנצעס בלייבט הענגען אַ גרייטקייט צו דינען. כאָטש אַליין ווייסט ער נאָך נישט מיט וואָס עס וועט זיך אָנהייבן און מיט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן; אפשר — מיט אויסקנאַקן אַן אַנעקדאָט און דורך דעם ווערן מיטן גאַנצן עולם נעענטער, היימישער, און אפשר — מיט רעדן וועגן פאַך-זאַכן, מיט דערציילן וועגן דעם פלאָנטער, וואָס איז אַרויס פאַראַיאָרן ביים אַראָפגעזעצטן „קאָמכאָז", ווי אַזוי מען האָט דענסטמאָל איבערגעפלאָנטערט אַלע געזעצן און ווי אַזוי די רעכטע האַנט האָט נישט געוווסט, וואָס טוט די לינקע.

נאָר פונם גאַנצן באַקאַנטן „קאָמכאָז"-עולם, וואָס באַטראַכט דאָס בריטשקעלע, קוקט זיך צו אים אום בלויז דער נייער אומבאַקאַנטער פאָרזיצער — אַ פאַרעקשנט-איינגעהויקערט גוייעצל מיט געלע ציין און מיט אָפגעהאַקטע פיר פינגער אויף דער לינקער פאַרהאָרעוועטער האַנט — אַ האַנט פון אַ געוועזענעם אַרבעטער, אומקוקנדיק זיך, הערט ער נישט אויף צו רעדן מיט די אַרומיקע וועגן דער געגנט, וווהין ער גרייט זיך נאָך היינט מיט אַט דעם בריטשקעלע אַרויספאָרן.

— וועל איך זיין — ציילט ער אויף די אָפגעהאַקטע פיר פינגער — אין קוצעביעווקע.. אין מאַידאַנאָווקע, אין ליכאַטש, אין ברויקי, און פאַטאַשעווקע... אַ? וואַרט... וואָס אין פאַטאַשעווקע? ניין. ווי קומט אַהער פאָטאַשעווקע?

פון אָט דעם גוי הענגט עס אָפּ, צי די מאַדאַם רוטע קופּטשיק וועט האָבן צוריק איר שטוב, צי ניין. עס געווענדט זיך בלויז אין איין זאַך: אַז מ'וועט אים אונטעררוקן דאָס פּאַפּירל וועגן קופּטשיקס שטוב — דאָס פּאַפּירל מיט דער מאַניפּאָרגע, וואָס ער, שפּאָליאַנסקי, האָט פּאַרדרייט איז צי וועט ער זיך נישט כאַפּן אויף דער מאַניפּאָרגע און וועט עס אונטערשרייבן, צי ניין.

— אַ כאַמולע, — באַטראַכט אים פון דער זייט שפּאָליאַנסקי — אַ גראָבער קאָפּ... נאָר ער וועט זיך כאַפּן... ווי איך בין אַ ייִד... ער וועט נישט אונטערשרייבן, זעסט צי ניין?.. זעסט, ווי ער טראַכט צען מאָל איבער אפילו וועגן יעדן דאָרף, וווהין ער גרייט זיך אַרויספאָרן... נעכטיקע טעג! ער וועט נישט אונטערשרייבן... נאָר אויב אַזוי איז וואָרט... אפשר אַליין מאַכן ווייטער די מאַניפּאָרגע?.. אַליין אונטערצושרייבן דעם פּאָרזיצער און איר ווייזן, אַז ס'איז אונטערגעשריבן... אַ?.. סיי-ווי-סיי בלייבט נאָכדעם דאָס פּאַפּירל ביי מיר אין קעשענע... איך נעם נאָכדעם און צערייס עס...

אביסל שפּעטער שטייט שפּאָליאַנסקי אין גאַס לעבן דעם אויסגעליידיקטן הויף פון איספּאָלקאָם און טראַכט ביינייס אַ קאָן וווהין ער זאָל גיין. רעכטס געפינט זיך זיין פּאַרוואָקסן שטיבל, זיין צעקנייטשט קרענקלעך ווייב מיט די רויט-האָריקע קינדער און מיט דער טויבער גוייע, וואָס באַדינט זיי. און לינקס איז דער קאָאָפּעראַטיוו, דער מאַרק, די בעל-עגלישע פּייטאָנעס, די געשלאָסענע אין פּוסטע קלייטן און, צולעצט, זי — רוטע קופּטשיק, די שענסטע נקבה אין שטאָט, וואָס מיינט, אַז ער, שפּאָליאַנסקי, וועט זיך אומזיסט דרייען פאַר איר זיין קאָפּ...

איצט האָט ער נאָך אמאָל אן אויסרייד אויף אַריינקומען צו איר, זיך געפינען מיט איר אויג אויף אויג אינם באַזונדערן צימער, וואָס מיט די אַראָפּגעלאָזטע פּאָרהאַנגען.

— איר האָט מזל, — וועט ער ביים אַריינקומען איר זאָגן — ב'האָב נאָר-וואָס געזען דעם פּאָרזיצער...

שוין אַ חדשים פיר זינט מען האָט אראָן קופּטשיקן פאַרשיקט און קאָנפיסקירט ביי אים זיין שטוב מיטן גאַנצן פאַרמעגן פאַר שפּעקולאַציע — זייענדיק אָנגעשטעלט און או פּקויפנדיק ברויט פאַר דער מלוכה, האט ער ביי זיך אין שאָפּע אויסבאַהאַלטן אַ פּאָר טויזנט פּוד ווייץ און זיי געהאַלטן אויף אַ יקרות.

שוין אַ פּאָר חדשים זינט זיין ווייב, רוטע קופּטשיק — אַן אויסגעפּאַשעטע, אַ פּאַרצויגענע אין גאָרסעט, אַן אויסגעפּוצטע עגונה, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אַלטע שווער-און-שוויגער אויף קעסט — האָט אָנגעהויבן אויפצורעגן פאַרבייגייענדיקע מאַנסלייט מיט איר לייִדיקן שטיין און זיצן אויף די טרעפּלעך פון איר שווערס גאַניק, מיט איר תמיד-געקרויזטן פּאַרקעם, מיט איר תמיד-פּאַרטשאדעטן בליק — א בליק פון שטענדיקן ערב-חתן-מאָל.

און שוין אַ וואָכן זעקס זינט זי האָט איינמאָל — אין זייער אַ הייסן זומערדיקן בייטאָג — אָפּגעשטעלט דעם פאַרבייגעגאַנגענעם שפּאָליאַנסקין, אים אריינגערופן צום שווער אין שטוב, זיך פאַרמאַכט מיט אים אין א באַזונדער חדר, ווי די פאָרהאַנגען זענען געווען אראָפּגעלאָזט צוליב דער גרויסער היץ אין דרויסן און צוליב די פליגן, וואָס זשומען שטאַרק אין קיך און אין די ארומיקע צימערן. זי האָט אים דאָרט אפילו נישט געבעטן זיצן; זי איז צוגעגאַנגען צו אים אַזוי נאָענט, אַז ער האָט אויף איינמאָל דערפילט סיי די היץ פון איר ברענענדיקן קערפּער, סיי דעם ריח פון איר געפּודערט מויל — א ריח פון נייער לייקענער הענטשקע.

— הערט, שפּאָליאַנסקי, — האָט זי אויף גיך געלאָזט לויפן אירע העליש-רויטע פולע ליפּן. און איר ברענענדיקע באַקן זענען דערביי געבליבן אומבאַוועגלע״, גלייך אינם שמועס נעמען זיי קיין אָנטייל נישט, — איר הערט, וואָס איך רעד צו אייך? איך וויל האָבן צוריק מיין שטוב. איך בענק, אז דער רוח נעמט מיך צו, איך וועל עס נישט אויסהאלטן... אין שטוב האָט מען באַזעצט דעם וועטערינאַר, עפּעס א זשלאָב דאָרטן. אז איך גיי דורך און זע, ווי אָט דער קאַנאָוואַל זיצט דאָרט אויפן גאַניק, אָדער ווי זיינע ממזרים שפּילן זיך אויף די טרעפּלעך, פיל איך, אז איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, איך

וועל קראַפּירן, איך בין גרייט צו ריסן אויף זיך די האָר, איך ברען ווי אין אַ טיפוס, איר הערט, שפּאָליאַנסקי?..

שפּאָליאַנסקי האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי מען באַטראַכט אַ שטיקל סחורה, בעת מען וויל וויסן, וויפל איז עס ווערט.

— איר ברענט? — האָט ער איבערגעפרעגט און זיך געגעבן אַ שטאַרקן קראַץ פריער אין איין וואַנגע, נאָכדעם אין דער צווייטער, — נו, איז דאָ אַן עצה... אויב איר ברענט, קאָן מען אייך לעשן.

— ניין, הערט אויף, — האָט זי נאָך געשווינדער גענומען שאַקלען מיט די הפליש-רויטע צוזאַמענגעצויגענע עגונה-ליפן — איך רעד צו אייך, וואָרים עס טוט מיר ווי, איך וועל צעריסן ווערן אויף שטיקלעך, איך וועל רייסן אונטער זיך די ערד, איך וויל צוריק מיין שטוב, וויל איך.

— אָט-אָט-אָט — האָט געזאָגט שפּאָליאַנסקי, — איך האָלט שוין מיט אייך אויף אַ דרך: דער עיקר איז וועלן...

ער האָט צוגעמאַכט איין אייגל, און מיטן צווייטן האָט ער ביינייס, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן, באַמערקט, אַז שיין און חנעוודיק איז איר פּנים איבערהויפּט אַרום דער נאָז און אַרום די אויגן, און אַז אויסגערעכנט צו אָט דעם חן, וואָס אַרום איר נאָז און אַרום אירע אויגן, נאָגט ביי אים אונטערן לעפעלע.

— לאָם איך אַזוי געזונט זיין, האָט ער אויסגעלאָזט, — ווי ביי מיר האָט איר געפעלט, אַלמאַי זאָל איך אייך לייקענען... איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת: איך וויל אויך...

— שפּאָליאַנסקי, הערט אויף צו מאַכן שטיק.

— וועלכע שטיק?

— איך מיין איין זאַך און איר מיינט אַ צווייטע.

— וואָס מיינט איר דען?

— איך מיין די שטוב.

— נו, אויב אַזוי, מיין איך אויך די שטוב, וואָרט, — האָט ער רייבנדיק דעם געגומען אַרומשפּאַנען, — ס'אַ אפילו אַ שווערע זאַך... אויפן בוידעם אַ יריד, נאָר גאָרנישט...

און ער האָט ווידער מיטן בליק זי אָפּגעשאַצט, וויפל זי איז ווערט.

— נאָר גאָרנישט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן — איך וועל קומען אַהיים, וועל איך אַ טראַכט טון.

— זע נאָר! — האָט זי אים אָנגעקוקט, ווי אַ יאָלד — ער וועט ערשט אַ טראַכט טון! וואָס דאַרפט איר טראַכטן?.. איר האָט פאַר דריי וואָכן אָפּגענומען יאַנקל ווייסבערגן די שטוב און שלמה וואָליס די שטוב?... איך דאַרף אייך נישט לערנען.

— ס'אַ משל, — האָט איר שפּאָליאַנסקי איבערגעשלאָגן מיט אַ ניגון פון לערנען אַ פּשטל — ביי יענע זענען די הייזער פאַר פינף יאָרן געווען נישט קאָנפיסקירט, נאָר נאַ-צי-נאַ-לי-זירט — אַ חילוק אַביסל. אויף יענע האָט מען נאָר געדאַרפט דערוויזן, אַז זייער ווערט איז איצטער נידעריקער פון דער נאָרמע...

— וואָס טויג מיר מעשיות? — האָט זי אים אָפּגעהאַקט — איך וויל פון גאָרניש וויסן...

זי האָט געשווינד אַראָפּגעלאָזט דעם לעצטן פאָרהאַנג, וואָס איז אין צימער אויף אייבעם אַ פענצטער נאָך געבליבן פאַרהויבן, געשווינד אַ קוק געגעבן, צי אין צווייטן צימער, קעגנאיבער דער צוגעמאַכטער טיר, איז קיינער נישטאָ; זי האָט זיך אָנגערירט אָן שפּאָליאַנסקין מיט איר ברוסט און האָט. ווירקלעך ווי אין גרויס היץ, אַ בליק געטאָן אויף אים מיט די גלאַנצנדיקע יונג-ווייבערשע אויגן:

— קיין זאַך — האָט זי געזאָגט — וועט מיך נישט אָפּשטעלן, איר הערט?... איך וועל באַצאָלן! קיין זאַך וועט פאַר מיר נישט זיין טייער.

שפּאָליאַנסקין האָט איבערגעטרוקנט אין האַלז, און די אויגן האָבן זיך אים פאַרגלאָצט פון איבערלייגן ביי זיך אין קאָפּ, וואָס זי מיינט; ער האָט אַזש אַ קרעכץ געטון:

— נו, גוט... זאָג איך דאָך... איך וועל קומען אַהיים, וועל איך אַ טראַכט טון.

נאָר קומענדיק צו זיך אַהיים, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו טראַכטן נישט וועגן דער קאָנפיסקירטער שטוב, נאָר וועגן דעם זעל-טענעם שטיק נקבה, וואָס הייסט רוטע קופּטשיק, און איר מאַן איז פאַרשיקט אויף לאַנג, לאַנג, און אַליין איז זי אויסגעפּאַשעט, תמיד אויסגעפּוצט, תמיד פאַרשנורעוועט אין גאָרסעט, פאַרצויגן אין העלע זאָקן, אין לויכטיקע טופליעס מיט יצר-הרעדיק הויכע אָפּצאַסן — דער

גאַנצער יצר־הרע הייבט זיך אָן עפּעס ווי פון אָט די הויכע אָפּצאָסן, זי זיצט גאַנצע טעג ביי אַלטע שוועך־און־שוויגער אויפן גאַניק. זי איז געווען רייך. חוץ דעם, וואָס זי קער זיך אָן די אַלטע קופּטשיקעס אַ שנור, קער זי זיי נאָך אָן אַ געשוועסטער־קינד. זי פלעגט מיידל־ווייז קומען אַהער צו גאַסט פונם נאָענטן שטעטל, ווו זי האָט געוווינט, און ער, שפּאַליאַנסקי, איז נאָך ד מאָלט געווען אַ האַלב־סעקרעטאַרל, אַ האַלב־שיק־יונגל ביים געוועזענעם אַלטן פּריוואַט־אַדוואָקאַט. דעם משומד, אַ מין משרתל איז ער געווען...

שפּאַליאַנסקין האָט פּשוט אָנגעכאַפּט אַ רחמנות — אַ רחמנות, וואָס אַזעלכע, ווי רויטע קופּטשיק, האָבן וועגן אים אפילו קיינמאָל נישט געטראַכט. אים איז אויסגעקומען, אַז אין דעם זינען איז ער פון תמיד־אָן עפּעס אַ מ דנער אָרעמאַן. און קיינער האָט זיך קיינמאָל זיין קרויודע נישט אָנגענומען...

און אָט — פון דעמאָלט אָן:

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַ פּאָר טשאַדעט מידקייט אין די געהירן און אין אַלע אברים, און אַליין האָט ער אויפגעהערט צו וויסן, פונוואַנען די מידקייט קומט צו אים: פון די הייס זומער־טעג, וואָס ברענען אויס די גרעזער, טרינקען־אויס די טייכן ארום דער שטאָט, פאַרפלייצן די געגנט מיט בלעזשעניש פון צעפּרעגלטער זון, צי פון עק הופט־גאַס, פון דאָרט, ווו אויף די טרעפּלעך פ שווער־און־שוויגערס גאַניק זיצט גאַנצע טעג רויטע קופּשיק — דיון שענסטע נקבה אין שטאָט, שפּאַרט די אויסגעפּאַשעטע מאָרדע אויפן פויסט מיט די מאַניקירטע נעגל און געדענקט, וואָס זי האָט אים, שפּאַליאַנסקין, צוגעזאָגט:

„— איך וועל באַצאָלן... קיין זאַך וועט מיך נישט אָפּשטעלן"...

פון דעמאָלט אָן גייט שפּאַליאַנסקי אַלע בייטאָג צו די קופּ־טשיקעס, שטעלט פעסטע טריט, זעט אויס פאַרמוטשט, באַמערקט נישט קיינעם אויפן וועג און טראַכט מיט אנטשלאָסנקייט:

— זאָל זיין, וואָס ס׳וועט זיין... איינמאָל אין לעבן!

— ווי נאָר ער באַווייזט דאָרט זיין נאָז, אַזוי באַלד לויפט רויטע קופּטשיק מיט אריין אינם באַזונדערן חדר, וואָס מיט די אַראָפּ־געלאָזטע פאָרהאַנגען.

— נו? — פרעגט זי ביי אים — שפּאָליאַנסקי, דער רוח זאָל אייך נעמען, זאָגט גיכער: וואָס הערט זיך?..

דערביי קוקט זי זיך אום צו דער פּאַרמאַכטער טיר אַזוי גע־שווינד, ווי גלייך זי וויל וויסן:

— קאָן מען שוין אָנהויבן זיך פונאַנדערצאָלן?

שפּאָליאַנסקי טוט אַ קוק אויף איר ברענענדיק פּנים און אויף אירע אויגן און באַשליסט, אַז זי איז אַ קרעמערקע... אַ קרעמערקע פון געבוירן. אים ווילט זיך פּשוט אַ קריק טון מיט די ציין: „זעסט, צי ניין?.. זעסט, ווי זי האַלט קאָפּ?.. נאַרן וועט זיך אַזוינס נישט לאָזן"...

— וואָס זאָל זיך הערן?.. — טוט ער אַ זיפץ, — ביטער. די שטוב איז קאָנפיסקירט געוואָרן. איר פאַרשטייט, צי ניין? וואָס קומט אַרויס, וואָס מען קאָן זי איצטער אָפּשאַצן נידריקער פון דער נאָר־מע?.. אַז סע גאָרנישט דאָס וואָס נאָ־צי־נאַ־לי־זירט...

דעמאָלט ווערט רויטע קופּטשיק מיט אַמאָל געלאָשן און טרעט־אָפּ פון אים אַן אייז־קאַלטע אָן אַ זייט. אירע פאַרשנורעוועטע ליפּן פאַרקרומען זיך:

— איז דאָס — פרעגט זי — זעגט איר מיר געקומען זאָגן? אַ דאַנק אייך פאַר אַ בשורה!

פייל־אויס־בויגן פאַרהייבט זי די פאַרהאַנגען און פראַלט פו־נאַנדער מיט כעס אַלע פענצטער אין גאַס אַריין.

— נו, איז זיצט, — זאָגט זי אומישנע הויך און ברייטלעך און קוקט אויף אים, ווי אויף אַ יאָלד — זיצט, איך בעט אייך... סקאַנדאַל קומט מיט אַ וויזיט... אפשר וועט איר טרינקען טיי?.. אפשר וועט איר עסן איינגעמאַכץ?..

שפּאָליאַנסקי קוקט אויף איר, ווי אויף אַ גזלן. ער איז גרייט אָנהייבן צו רעדן וועגן דעם, וואָס ער איז נישט איר טאַטנס משרת — שוין זעקס וואָכן, אַז ער דרייט זיך אַ קאָפּ מיט איר שטוב און האַלט אין איין אומזיסטיקן ארומלויפן...

נאָר פּונקט דעמאָלט ווערן אין צווייטן צימער אָדער אויפן גאַ־ניק מיטאַמאָל לעבעדיק אירע שווער און־שוויגער — זייער אַלטע און זייער קאַרגע לייט, וואָס מעלה־גרהן פון זייער אויסבאַהאַלטענעם

קניפּל און זענען נאָך פון אמאָליקע גביריש-קמצנישע יאָרן געוווינט צו ענטפערן יעדן אָרעמאַן, וואָס קומט נאָך א נדבה: „גייט געזונ-טערהייט, מיר האָבן אייך נישט וואָס צו געבן". ווי נאָר די שנור זייערע הייבט אָן צו פאַרהויבן די פּאָרה-נגעז און עפענען מיט כעס די פענצטער, אזוי באַלד הייבן זיי אָן שנייצן זייער הויך די נעזער, זיך קראַצן און הוסטן, און פון דעם דרינגט תמיד שפּאָליאַנסקי, אז די אַלטע לייט ווייסן שוין פון לאַנג, מיט וואָס זייער שנור מיינט זיך פונאַנדערצואָלן. עס דאַכט זיך, אז עס גייט זיי נישט אָן, עס אַרט זיי נישט, אַבי יענע, די שנור זייערע, זאָל האָבן צוריק די שטוב און זאָל אויפהערן צו עסן ביי זיי קעסט. און נאָך דאַכט זיך: מיט יעדן מאָל שנייצן די נעזער זענען זיי דאָך אויסן צו לאָזן הערן אים, שפּאָליאַנסקין:

„— זי איז דאָך גערעכט, די שנור... דאָס דאָזיקע-אָ... אויף באמנות קאָן מען עס נישט גלויבן. און איינלייגן... איינלייגן איז דאָ, אויך נישט שייך".

איצט אָבער גייט שפּאָליאַנסקי צו דער מאַדאַם רוטע קופּטשיק צום לעצטן מאָל, ער גייט שטאַרק פאַרמוטשט, באַמערקט נישט קיינעם אויפן וועג און איז פול מיט באַשלאָסנקייט, אז זיין טרחה וועט ער נישט לאָזן פאַרפאַלן ווערן. די שטוב מעג טאַקע זיין יבש, אָבער ער, שפּאָליאַנסקי... ער האָט זיך געדרייט זעקס וואָכן דעם קאָפּ, צי ביין?.. ער איז נישט פון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע... וואָס-זשע? אומזיסט?..

— איר האָט מזל פון א גוי, — האָט ער ביים אַריינקומען גלייך א זאָג געגעבן מים אזא פאַרשטיינערט און אומעטיק פּנים, ווי ער אַליין וואָלט איר אזא טרייפענעם מזל נישט פאַרגינען — כ'האָב נאָר-וואָס געזען אים, דעם פּריזדסעדאַטעל אַליין... איר פאַרשטייט, צי ביין?.. איך גיי מיר אַזוי נאָר-וואָס צוריק פון אייך און טראַכט: „וואָס וועט דאָ זיין? די שטוב, טראַכט איך, איז אין פּעסל", און ווי איך שטיי אַזוי און קראַץ זיך, דערזע איך דעם מר-בר-רב-אשי אַליין. איך קוק זיך צו: יאָ, ס'איז ער, ווי איך בין א ייד. איר קאָנט אים?.. מיט די אָפּגעהאַקטע פיר פינגער... דער אמתער כאַמולע ער שטייט זיך איינער אַליין אין הויף פון איספּאָלקאָם און באַטראַכט

דאָרט עפּעס אַ בריטשקעלע, באַטראַכט ער, און דער איספּאָלקאָם איז שוין גאָר געשלאָסן, ס׳איז שוין גאָר נאָך אַלע זאַניאַטיעס. טו איך מיר אַ טראַכט אויף גיך: „ווי גאָט וועט געבן! איך וועל צוגיין און וועל אים דאָ אויפן אָרט דערלאַנגען דאָס פּאַפּירל וועגן דער שטוב. מה נפשך: וועט ער דערשמעקן די מאַניפּאַרגע, בין איך דאָך פאַרפאַלן, וועט ער מיך הייסן איינזעצן און שוין, אלא נישט, איז דאָך גוט, בין איך דאָך אויפן פערד״... אקיצור, איך ווייס נישט, וואָס מיט דעם גוי איז געווען, דאָס פּאַפּירל האָט ער דווקא איבערגעלייענט איין מאָל און צוויי מאָל, אַ קוק געגעבן אויף מיר, איז מיר געוואָרן פינצטער און וויסט אין די אויגן. כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיטן דערין הער איך: „נו, גוט, זאָגט ער, איך פאָר איצטערט אַוועק אויף עטלעכע טעג, וועל איך עס דיר אונטערשרייבן שוין טאַקע דאָ אויפן אָרט״... אָט האָט איר עס, דאָס פּאַפּירל — אונטערגעשריבן, איר זעט?.. מיט אַ טשערנילני קאַראַנדאַש... קוקט, איך בעט אייך, ווי אַ בחור לייגט אַוועק אַ חתימה... אַ מין קוואַס — קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס...

— גיט אַהער... קומט אַהער... ווייזט!..

ביי דער מאַדאַם רוטע קאָפּטשיק האָט זיך דער ביוסט געהויבן געשווינד. ווי נאָך אַ לאַנגן טאַנץ, די צונג האָט געלעקט די פאַרטרוקטע פולע ליפּן, די העליש-רויטע באַקן האָבן ווירקלעך געברענט מיט אַזאַ היץ, ווי אין העכסטן גראַד טיפוס. זי האָט אַ קוק געגעבן זייער געשווינד פריער אויף שפּאָליאַנסקין, נאָכדעם אויף דער חתימה, אויפן גאַנצן פּאַפּירל, וואָס שפּאָליאַנסקי האַלט אין די הענט פעסט גרייט אויף אַריינצולייגן עס צוריק צו זיך אין טאַש. דערנאָך איז זי געשווינד צוגעלאָפן צו איין אָפן פענצטער, צו אַ צווייטן. געשווינד זיי פאַרפראַלט אויף די קייטעלעך, געשווינד אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנגען. איר שנעלער און שווערער אָטעם האָט געבריט און פאַרטשאַדעט, ווי די גלי בדיקע זומער-טעג, וואָס ברענען-אויס די גרעזער און טרינקען-אויס די טייכן.

שפעטער, ווען שפּאָליאַנסקי איז אַרויסגעקומען פונם צימער, וואָס מיט די אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגען, און פון די קופּטשיקעס הויז, איז אים מער נישט אָנגעגאַנגען סיי דאָס, וואָס די אַלטע זייער קאַרגע שווער-און-שוויגער שנייצן אונטער זיינע פּלייצעס זייער הילכיק די נעז, סיי דאָס, וואָס מיט יעדן נייעם שנייץ זענען זיי אויסן אים, שפּאָליאַנסקין, לאָזן הערן:

„— דאָס דאָזיקע-אָ... אויף נאַמנות קאָן מען דאָס נישט גלויבן...״

שפּאָליאַנסקי האָט זיך צו זיי אפילו נישט אומגעקוקט.

— שנייצט, שנייצט, — האָט ער געטראַכט — כ׳האָב אייך שוין אין דער ערד. איך בין נישט אייער טאַטנס אומזיסטקער משרת. איך האָב מיר מיינס אָפּגענומען.

נאָר אַרויסקומענדיק אויף דער מיט פון הויפּט-גאַס, האָט ער פּלוצים דערזען, ווי דער פּאָרזיצער פון „קאָמכאָז״ פּאָרט-אָן אַקעגן אויף יענעם זעלבן בריטשקעלע, וואָס איז פריער געשטאַנען אין הויף פון איספּאָלקאָם, ער טרייבט אַליין אָן דאָס פערד און די לינקע האַנט, וואָס מיט די אָפּגעהאַקטע פיר פינגער, איז ביי אים אונטערגעהויבן, גלייך ער וויל נאָכאַמאָל אויסציילן די דערפער, וווהין ער לאָזט זיך איצט פאָרן:

— „וועל איך זיין, הייסט עס, אין קוצעביעווקע, אין מאַידאַנאָווקע, אין ליכאַטש און אין פּאָטאַשעווקע?... וואָס האָב איך צו טון אין פּאָטאַשעווקע?...״

שפּאָליאַנסקי האָט אַזש אָפּגעטראָטן אין אַ זייטיק סיטקעלע אַזוי שטאַרק האָט ער זיך דערשראָקען, כאָטש דאָס פּאַפּיר איז געלעגן ביי אים פעסט אין טאַש — אָט קומט ער אַהיים און פּאַרברענט עס. אַ פּאַרציטערטער האָט ער איבערגעוואַרט אין סיטקעלע ביז יענער איז דורכגעפאָרן, און אַ געפיל איז געווען ביי אים אַ מאָדנער — ווי גלייך דעם פּאַרברעכן איז ער באַגאַנגען נישט אַקעגן דער חתן-מאָלדיקער מאַדאַם רוטע קופּטשיק און נישט אַקעגן איר איז ער שולדיק — שולדיק איז ער בלויז, וואָס אין אָט דער געשיכטע האָט ער אַריינגעמישט דעם נאָמען פון דעם איינגעהויקערט-פּאַרעקשנטן גוי, דעם געוועזענעם אַרבעטער מיט די געלע ציין, וועמען זיין אַרבעט

האָט איצט אַרויסגעשיקט אויף דער געגנט און וועמען עס קומט אָן אַזוי שווער אויסצורעכענען אויף די אָפּגעהאַקטע פינגער:

„— קיין קוצעבעיעווקע, מאַידאַנאָווקע, ליכאַטש ברוקי און פּאָטאַשעווקע... וואַרט, פּאָטאַשעווקע אויך?.. וואָס דאַרף איך דען טון אין פּאָטאַשעווקע?..“

---

# בּירגער וואָלי בּרענער

# בירגער וואָלי ברענער

אַלע זונטיק פֿאַרטאָג, פּינקטלעך ווי אַ זייגער, קומט מיטן געפּאַקטן פּאָסט-צוג קיין מאָסקווע דער וואַלד-בראַקער וואָלי ברענער.

— הער אַ מעשה! — וווּנדערט ער זיך מיט אַזאַ אויסזען, ווי גלייך ער וואָלט האָבן קפֿיצת-הדרך — נגנאַ!.. שלום-עליכם, מאָסקווע.

אויפֿגעלייגט, מיט אַ געפֿיל פֿון אַ ברייטלעכן שטאָט-באַלעבאָס נעמט ער אַראָפּ זיין האַנטרענצל פֿון דער פּאָלעצע און פֿאַרלאָזט, ווי אַ גרינגער פֿאַרשוין, דעם וואַגאָן.

— נו, נו, נו, — שמייכלט ער צו מענטשן, וואָס שטייען שוין פֿאַר אים אין דורכגאַנג — סע דאָ צייט, סע דאָ צייט.

אַרום לאַנגן צוג איז אַ שטופּעניש. אונטער די פֿיס וואַלגערן זיך קלענערע און גרעסערע פּעק. קולות פֿון פּאַסאַזשירן, פֿון גוייעס, וואָס זענען איבערגעלאָדן מיט מילך-קריגלעך, מישן זיך אויס מיטן צעשראָקענעם געפּילדער פֿון הינער און פֿון קאַטשקעס, וואָס האָבן פֿון האַלבער נאַכט אָן געקוויעט און געקוואָקעט אונטער די בענק. שווערע אייליקע שטיוול זענען ניעט, וווּהין און אויף וואָס זיי שפּאַנען!

— אוי, פּעטער, שרייט עמעצער — האָט איר מיר אָנגעטראָטן אַ מכּה!

נאָר דאָס אַלץ איז וואָלי ברענערן שוין פֿון לאַנג באַקאַנט און רופֿט נישט אַרויס ביי אים קיין שום פּראָטעסט-געפֿילן, ווי, למשל, אַ רעגן אָדער אַ שניי. כּמעט אַלע פּנימער זענען אים דאָ אויס היימיש.

— דאָ סווידאַניאַ! — שרייט ער צום קאָנדוקטאָר און טוט צו אים פֿונוויטנס אַ הייב די האַנט — דאָ סווידאַניאַ טאָוואַרישטש!

און ער שפּאַנט אַוועק צופוס פון וואָקזאַל.

ער איז אַ מיטלוועקסיקער פעסטער ייִד אין די זעכציקער: זיין קליינע ציכטיק־גראָלעכע באָרד — אַ באָרד פון אַ געוועזענעם שיינעם בלאָנדן מאַנסביל — בעט זיך מען זאָל זי שערן האַלב אויף רעכטס, האַלב אויף לי.קס. אויף זיין לינקער באַק, אַרום דער קליינער בראָדעווקע, שוועבט אַ חנדל פון צמאָליקע יונגע יאָרן — אַ חנדל, וואָס שרכנט אים תמיד זייער גרינג צונויף מיט ווילד־פרעמדע מענטשן. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ קעפּקע, ווי אַלע סאָוויעטישע מענטשן, נאָר די קעפּקע איז אים אָנגערוקט אַ ביסל אָן אַ זייט, ווי ביי אַ האַלב־אויסגעלאָזטן בחורל. זיין פּנים איז גרייט תמיד צו שמייכלען, תמיד צו באַווייזן, אַז פון פאָרנט פעלט אים שוין אַ צאָן. פון זיין עלטן לעדערנעם וועג־רענצל שמעקט מיט אייער־בייגל, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ האַלבער וואַלד־סוחר, אַ האַלבער וואַלד־מעקלער; פון אים אַליין שמעקט מיט ביינאַכטישן איבערגעפולטן וואַגאָן, מיט זיצן צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל און דרעמלען, נאָר אינעווייניק, אין זיך, איז ער וואָכעדיק און פריילעך!

— לאָם־טע־דערי־טאָם, לאָם־טע־דערי־טאָם — זינגט זיך אים אינעווייניק אַ לידל.

אַרום־און־אַרום פוילן זיך גרוי צו ווערן די פענצטער. אויף די גאַסן צו די פּאַסאַדן פון די מויערן טוליעט זיך נאָך די נאַכט. צו איינציקע דראָשקע, אַז זי פאָרט דורך, קלאַפּן אירע רעדער הויך, ווי אויף אויפצוּוועקן זיך אַליין. דאָ און דאָרט, ביי רויטע און גרינע פייערן, ליגט מען איבער די רעלסן פונם טראַמוויי און מען וואַרפט איבער די שטיינער פון ברוק. וואָלט ברענער קוקט צו אָט דער אַרבעט מיט מבינות פון אַ תושב און איז פאַרבייגייענדיק גרייט צו שמייכלען און צו באַווייזן, אַז פון פאָרנט פעלט אים שוין אַ צאָן;

— אָט אַזוי... איך האָב אַריינגעלייגט מיין פרייטיק־צונאַכט ס, טאָ לייגט, זייט מוחל, אַריין אייער זונטיק־צונאַכטס... אָט אַזוי, חבריּמלעך — שותּפות איז שותּפות.

ער פאָרט שוין אַזוי אַרום אַ יאָר דריי. אַלע מאָנטיק קריגט ער אָרדערס אויף אָפּצוקלויבן מאַטעריאַל אין די וועלדער אַרום

מאָסקווע, און אַלע זונטיק פאַרטאָג קומט ער צוריק קיין מאָסקווע
פאַרברענגען אַ טאָג מיט זיינע קינדער. ער האָט זיי דריי געראָטענע
פאַרשוינען פונם צווייטן געשטאָרבענעם ווייב:

גוסטע,

לאָטע

און פאָליע.

— „דריי זאָלן געזונט זיין" — רופט ער זיי אין האַרצן.

— „סאָסנעס, קיין עין-הרע" — רופט ער זיי אין געדאַנק.

די עלטערע צוויי זענען מאַשיניסטקעס, די דריטע לערנט זיך.

אַז ער קומט מיטן גרויען טאָג-ליכט צו זיך אַהיים אינם געסל,
וואָס אַרום טרובנע-פּלאַץ, שלאָפן זיי נאָך אַלע דריי. אינם טונקעלן
קאָרידאָר קעגנאיבער דעם האַלב-פאַרהויבענעם פאָרהאַנג דערזעט ער
פייכטע עמאַלירטע שיסלען, הויכע בלויע קריגן, נאַסע שמעקעדיקע
שטיקלעך זייף און נאָך אַנדערע סימנים, וואָס באַווייזן, אַז „חברה"
האָט זיך נעכטן ביז שפּעט אין אָוונט אָנגעטון וווילטאָג, זיך געצוואָגן
די קעפּ, זיך געוואַשן די יונגע שיינע לייבער. ער קוקט אַ ווײַלע
אויף אָט די סימנים מיט אַ שמייכל אין די אויגן. זיין רעכטע האַנט
איז גרייט אַ שאַר צו טון די באָרד אויף רעכטס און אויף לינקס,
דער נאָז ווילט זיך פון פאַרגעניגן געבן אַ שמאָרע, זיין מויל וויל
אַ לאַך געבן און באַווייזן דעם לאַך פון פאָרנדיקן צאָן:

— אָט אַזוי... מאָלאָדצי רעביאַטאַ!

אויפן הילצערנעם נישט געפאַרבטן טאַבורעט, לעבן דער עמאַ-
ליעווע שיסל, דערזעט ער אַ קיילעכדיק רייפעלע פון צונויפגעדרייטע
האָר. זיין בליק קאָן זיך אַ ווײַלע פון דאָרט נישט אָפּרייסן. ער נעמט
די האָר אין דער האַנט, באַטראַכט זיי און טוט זיי אַ שמעק.

— לאָטעס האָר, — דערקענט ער זיי אין זייער שוואַרצער קוים-
קוים רויטלעכער פאַרב — נישקשה, אַ רעכטע פּאַטלע ביי איר... וויפל
זי וועט נישט אויסרייסן מיטן קעמען, וועט איר נאָך אַלץ בלייבן מער
האָר איידער אַנדערע צוויי... קיין עין-הרע אַ מויד...

דערנאָך הענגט ער אויף דעם מאַנטל, וואַשט זיך שטיל אָפּ
און עפנט שטיל די טיר אין צימער אַריין. אין דער נאָז טוט גלייך
אַ שלאָג אַ וואַרעמער ריח, אַן אָנגענעמער, ווי דער ריח אין אַ מע-

סיק באַהייצטער אָראַנזשעריי, אין וועלכער עס ווערן אויפגעצויגן ליטער זעלטענע צוגעקליבענע געוויקסן.

— מען שלאָפּופּעט, — טוט ער ווינקענדיק אַ שמייכל און באַווייזט דעם שפּיץ פון זיין צונג — מען שיינט אפילו אין שלאָף.

דאָס צימער איז אַ פירעקיקס, אַ גרויס צימער — אַ מאָסקווער צימער פאַר דריי מיידלעך, צו וועלכע עס קומט נאָך אַלץ זונטיק דער טאַטע. דריי גרויסע פענצטער זענען פאַרהאָנגען מיט פאַרוסינענע שטאָרן און מיט טוליענע ווייסע גאַרדינען, וואָס די מיידלעך אַליין וואַשן און פּרעסן. אין ווייטן עק, אונטער אַ וואַנט־טעפּעכל, איז די קאַנאַפּע ווייס אויסגעבעט און פאַרשפּרייט מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע צוליב אים, דעם פאָטער — אויסגעבעטערהייט ווארט זי אַזוי אויף אים אַ גאַנצע נאַכט.

אויף ביידע בעטן, אויף דער אַריינגעשטעלטער קויקע שלאָפן דריי צייטיקע מיידלעך געררוקט איינע פון דער אַנדערער מיט אַנ־דערטהאַלבן און מיט צוויי יאָר — דריי יונגע שיינקייטן, וואָס באַהאַלטן אויס אונטער די קאָלדרעס זייערע שלאַנקע וווקסיקע לייבער.

פון די געלעגערס שווינדלען האָר, צעוואָרפענע אויף ווייסע קישנס, זיס־פאַררויטלטע באַקן, אַנטבלויזטע שטיקער אַקסל און שטיקער פלייצע, אַ וואַלגער פון שלאַנקע נאַקעטע הענט און אַ יינג מויל, וואָס איז אין שלאָף האַלב אָפן און וויל אין שלאָף עמעצן אַ קוש טון — פאָליעס חנעוודיק מויל.

וואָלי ברענער שטייט דאָ אַ ווײַלע און קוקט אויף אָט דעם גוטס מיט אויגן פון אַ יידענע, וואָס די חלה איז איר גוט אויפגע־גאַנגען. זיינע אויגן־לעפּעלעך זענען פול אי מיט וווּנדער אי מיט שמייכל:

— גוסטע — קוקט ער — אַ?.. ליגט ווי אַ מלכות...

ער קאָן נישט אָפּרייסן פון איר די אויגן:

— אַ סטאַטוע... זע נאָר, זע נאָר, ווי די נאַקעטע האַנט איז ביי איר אַריבערגעוואָרפן איבער דער קאָלדרע... ווי אומיסטן. די וויעס — לאַנגע־לאַנגע, דער האַלז — מערמלשטיין און אַלץ אַזוי גדול־דיק ביי זיך... זע נאָר דעם האָנער אין דער געמבעטשקע.

נאָך זיין מיינונג פֿעלט איר בלויז אַ קרוין אויפֿן קאָפּ, נאָר נאָך וואָס דאַרף זי די קרוין?.. אויף כּפּרות! זי איז אַליין אַ קרוין... לאָמיר אָבער וועט איר נישט נאָכמאַכן מיט גאָרנישט, אפֿילו נישט, ווען זי ליגט ביינאַכט אין טיפֿן שלאָף... זעסט, צי ניין?.. לאָטע ליגט נאָר אויפֿן בויך... די הענט פֿאַרוואָרפֿן און אויסגעצויגן אויפֿן קישן, ווי בעת מען לאָזט זיך שווימען, און איר פּנים איז דערביי פֿאַרדרייט אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך באַרימען: „איך שווים גוט?.. אַ?..“ זי איז אינגאַנצן עפּעס ווי אַ מין קינדער-ווידער צו דער עלטערער, און נישט נאָר מיטן פּנים — מיט יעדער תּנועה: יענע — אַ בלאָנדע, זי — אַ ציגיינערין, אין דער מוטער, לשלום, געראָטן. די עלטערע — אַ מין אַבישג השונמית, און די — אַ שטיק יינגע, פֿייער-דיקע בת-שבֿע. האָט זיך אַליין שטאַרק ליב, האַלט פֿון זיך סכּנת-נפֿשות. האָט אין איר לעבן קיין צירונג אפֿילו נישט געזען, נאָר אַז זי פֿאַרפּוצט זיך, איז ווי זי זאָל טראָגן אָן אַ שיעור גאָלדענע שלענג-לעך אויף די הענט און אויפֿן האַלדז. אויגן האָט זי נישט קיין בלאָע און נישט קיין גראָע, דאָך עפּעס אי טיף בלאָע אי גראָע, און דער עיקר — שאַרפֿע, ווי אַ ביינציקער שנאַפּס... איינמאָל, ווען ער, דער פֿאָטער, איז צו איר אַריינגעקומען אין אַנשטאַלט, וווּ זי אַרבעט, ווי אַ מאַשיניסטקע, האָט ער דאָרט גראָד געטראָפֿן עפּעס אַ גרויסן טומל; איינער, אַ פּנים, גאָר אַ גרויסער „יאַ-טעביע-דאַם“ איז פֿון אַ צווייטן אַנשטאַלט אָנגעלאָפֿן מיט פּאַפּירן, וואָס מ׳דאַרף זייער געשווינד איבער-שרייבן; ער איז אַריין מיט אַ טאַראַראַם, מיט אַ געוואַלד: „די מינוט!“, נאָר לאָטע, וואָס האָט דעמאָלט געקלאַפּט אויף דער מאַשין אַנדערע פּאַפּירן, האָט זיך בלויז אומגעקוקט צו אים, איז דער „יאַ-טעביע-דאַם“ אין רגע געבליבן גאָר אינגאַנצן אָן לשון, דערנאָך האָט ער אפֿילו ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז די פּאַפּירן זענען זייער בויטיקע, מ׳מוז זיי באַלד פֿאַרטיק מאַכן, אָבער שוין אָן אַ טאַראַראַם, שטיל, ווי אַ מענטש... נו, און די דריטע, די קליינע...

וואָלי ברענער באַטראַכט זי, ווי זי שלאָפֿט אין מיטן צימער אויף דער קויקע:

— ס׳איז נאָך אַ קעצל... זיבעצן אַ האַלב יאָר איז עס אַלט — ס׳איז נאָך געפּאַקט, האַלט נאָך אין וואַקסן און איז נאָך אָנגעגאָסן

מיט זאַפט; ס'איז נאָך נישט פאַרטיק, עס ליגט נאָך צונויפגעקוצירו־בעט. אָבער זע־נאָר, ווי סע שמייכלט מיט פאַרמאַכטע אויגן און עס זוכט שוין אין שלאָף מיט די ליפלעך עפּעס א קוש צו טון... זעסטו? זעסטו, ווי סע שטעלט אָן די ליפּלעך?.. גיי ווייס, וואָס עס חלומט זיך דעם...

נאָר לאָטע טוט זיך פלוצלינג אין שלאָף געשווינד א דריי־איבער אויפן רוקן. די קאָלדרע טוט זיך א גליטש, פאַלט אַראָפּ און עס אַנטפּלעקן זיך שלאַנקע נאַקעטע טיילן פון א פרעכטיקן מיידלשן קערפּער — זיי גליִען און זענען פול מיט פאַרשלאָפענעם הפקר. וואָ־י ברענער הויבט געשווינד אויף די קאָלדרע און פאַרדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק. ער דעקט־צו די טאָכטער און געדענקט דערביי פון חומש, ווי אַזוי שם מיט יפתן האָבן צוגעדעקט זייער נאַקעטן פאָטער נחן: אין קאָפּ דרייט זיך אים דער פּסוק:

— ופניהם — און זייערע פּנימער, אחרנית — אַרונטער, וערות — און די שאַנד, אביהם — פון זייער פאָטער, לא ראו — האָבן זיי נישט געזעען...

ער טוט זיך אויס, דעקט זיך צו מיט דער קאָלדרע און קוויקט זיך נאָך א וואָגלדיקער וואָך מיטן ווייכן ווייסן געלעגער, וואָס די קינדער האָבן אים צוגעגרייט.

— אַ מחיה, — טוט ער אַ זיסן גענעץ — או־או־הא!.. עולם־הזה... אָט דאָס הייסט עולם־הזה.

ער קראַצט זיך אונטער דער באָרד און טראַכט וועגן פאַרשי־דענע זאַכן.

— איך? — טראַכט ער וועגן זיך אַליין — איך בין שוין באַ־שטאַט, ווי זאָגט מען: אויסגעגעבן בין איך...

און ער באַוווּנדערט זיך אַליין, ווי אַזוי ס'איז אים קיינמאָל נישט לאַנגווייליק — איבערהויפּט די לעצטע יאָרן.

— אויף צו פאַרטרייבן די פרייע צייט האָט מען אַמאָל געמוזט אַריינקוקן אין אַ ספר. היינט אָבער — זינט דער רעוואָלוציע מיט דער סאָוויעטסקע וולאַסט — איז דאָס לעבן אַרום־און־אַרום אַזוי טשיקאַווע, אַז מען קאָן אויסקומען מיט לייענען א בלאַט־צייטונג און אָפט — אפילו אָן אַ צייטונג אויך. מען קוקט־זיך־צו צו דעם, וואָס אין לאַנד

און אויף דער וועלט טוט זיך, און פון דעם אַליין קומען שוין אַרויף פֿאַרשידענע געדאַנקען.

— ווייל דורך דער רעוואָלוציע און דורך דער סאָוויעטסקע וולאַסט, — פֿאַרווילט זיך אים אַ קיצל טון זיך אַליין — זענען מיר מיט דער גאַנצער וועלט געוואָרן, ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער... פכע!.. אומעטום האָבן מיר אַ פוס אין טשאָלנט: היינט — כינע, מאָרגן — ניקאַראַגואַ...

— דו חכם, — ווילט זיך אים ווידער זיך אַליין אַ קיצל טון, — האָסט אַמאָל, פֿאַר דער רעוואָלוציע, געוווּסט, אַז דו האָסט ערגעץ אויף דער וועלט אַ פריינטל, וואָס הייסט ניקאַראַגואַ? ני-קאַ-ראַ-גו-אַ... אַ תרגום-וואָרט... האָסט עס פריער געקאָנט אויסרעדן?..

צופרידן מיט אָט דעם אויפטו דערמאָנט ער זיך אינם וויכוח, וואָס ער האָט נישט לאַנג געהאַט אין וואַגאָן מיט אַ פּאָר אַלטע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט זיך צופעליק באַגעגנט.

— „רבּ וואָלי בּרענער, — האָבן יענע צו אים אַ ווונק געגעבן אויפן גאַנצן אַרומיקן סוד — זאָגט דעם אמת: איר האַלט טאַקע פון „אָט דעם אַלעם", צי איר מאַכט זיך נאָר אַזוי"...

— „פּאַרדאָ, — האָט ער זיי געענטפערט — ראשית הייס איך נישט רבּ וואָלי בּרענער, נאָר בּירגער וואָלי בּרענער".

— „והשנית, — האָט ער זיי געענטפערט — בּהמות! פאַרוואָס זאָל איך עס נישט מיינען בּאמת? ווער בּין איך געווען בּיז דער סאָוויעטסקע וולאַסט? — אַ קליין סוחרל, אַ האַלבּער וואַלד-הענדלער. אַ האַלבּער וואַלד-מעקלער, און איצט בּין איך, גאָט צו דאַנקען, אַ קאָמפּאַניאָן, אַ שותּף צו דער גאַנצער סאָוויעטסקע וולאַסט, אַן אַקציאָנער, הייסט עס. און פאַרוואָס עפּעס נאָר צו סאָוויעטסקע וולאַסט! פאַרוואָס טאַקע נישט צום קאָמינטערן אויך? או-וואַ! איר שפּילט זיך, וואָס, קיין עין-הרע, פּאַראַ געשעפט דאָס איז?.. און וואָס פּאַראַ געשעפט דאָס וועט נאָך ווערן!.. וואַרט, ס'האָט ערשט אָנגעהויבּן זיך צעוואַקסן. איר זענט קאָפּייעטשניקעס, זענט איר. בּיי אייך איז דער עיקר: קלאַפּן און ציילן. קליינע בּעלי-גופּימלעך ווילט איר זיין, איר האָט אפילו קיין השגה נישט, וואָס הייסט אַ רעכט געשעפט, און איך ווייס איין זאַך: איך האָבּ אַקציעס, מיינע קינדער — אויך. וואָס-זשע?

דער שטרייק פון די קוילנגרעבער אין ענגלאַנד האָט אונז, חלילה-גאָרנישט נישט געקאָסט? פּראָצענטן פון אונזער זשאַלעוואַניע האָבן מיר זיי געגעבן... איך און מיינע קינדער. גלויבט מיר: עס וועט גאָר, נישט נישט פאַרפאַלן ווערן... סע וועט זיין ריווח, סע וועט זיין".

— „אייסעך וואָס — האָט מען אים, ברענערן, איבערגעשלאָגן, — מיר פרעגן אייך אויף אַן אמת און איר מאַכט זיך אַ לצנות".

— „בהמות, האָט ער זיי געענטפערט — פאַר אייך איז עס אַ לצנות, און פאַר מיר איז עס אַן ערנסט. וואָס בין איך אייך שולדיק, אַז איר האָט קליינע קעפּ? איך שווער אייך, אַז איר זענט אפילו נישט תופס דאָס עסק, מיט אייך דאַרף מען ערשט זיך אַוועקזעצן קנעלן, נאָר איך האָב דערויף קיין צייט נישט — איך בין מיר אַ בראַקער אויף האָלץ, בין איך"...

אים, וואָלי ברענערן, טרעפט זיך אָפּט צו פאַרפירן אין וואַגאָן שמועסן. אָקאָרשט היינט ביינאַכט אין געפּאַקטן וואַגאָן אין פּאָסט-צוג איז אים אויך אויסגעקומען צו פירן אַ שמועס — ס'איז געווען ענג ווי אונטער אַ יום-טוב, מען איז געזעסן כמעט איינער ביים אנדערן אויף די הענט, ס'האָט זיך געוואָלט דרעמלען, אַז סכנות, נאָר אַקעגן אויף דער באַנק האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו רעדן דער אומבאַקאַנטער אויסלענדער, וואָס קערט זיך אום, משמעות, פון אָנקוקן פאַבריקן אַרום מאָסקווע — גאָר אַ וואַזשנע ספּעץ, אַפּנים, כאָטש מיט דער נאָז האָט ער זיך געדאַכט אַ קאַפּעלע ווי היימיש, קוים-קוים ווי באַקאַנט. אַרויסגעוויזן האָט זיך: ער איז אַ געבוירענער דייטשישער ייד, טאַקע אַ גרויסער ספּעץ, אַן אינזשינער און נאָך אַ פרומער דערצו... פאַרשטייט אַ לשון-קודש וואָרט.

— „אין דייטשלאַנד — האָט ער געזאָגט — איז דאָ אַסך אַזעלכע ווי איך — געענדיקט דאָס אוניווערזיטעט און בענטשן אַליין אַלע פרייטיק ליכט".

— און דאָ אין „זאָוועט-אוניאָן", — האָט ער געזאָגט, ווי מיט אומעט פון דעם, וואָס ער בענטשט אַליין ליכט — דאָ אין „זאָוועט-אוניאָן" וואָלט איך נישט געבליבן".

— „פאַרוואָס?"

—„פאַרוואָס? — זאָגט ער — ווייל אָט דער שאַכטינער פּראָ-

צעס... אַ לאַנד מיט אַזעלכע גרויסע אידעאַלן און מען שיסט נאָך אַלץ מענטשן".

דערויף האָט אים ער, וואָלי ברענער, אויפן אָרט געענטפערט:

— „איר בענטש נאָך אַליין ליכט און קאָנט נאָך אַ לשון-קודש וואָרט. — האָט ער אים געענטפערט און זיך דערמאָנט, ווי אַזוי מען רעדט אין קורלאַנד און ווי עס האָט אַמאָל געשריבן ש'מר, — טאָ הערן זי מיך אויס: עס וואַר איינמאָל ביי אונז איין גרויסער תגא און צוואַר: שמעון בן שטח האָט מען אים גערופן. און דיזער שמעון בן שטח, אַזוי שטייט געשריבן, תלה — האָט אויפגעהאָנגען פ' — אכציק נשים — ווייבער באַשקלון — אין דער שטאָט אַשקעלוין. פרעגט דע־רויף די גמרא: והלא האיש תלוי ואין האשה נתלית, דאָס הייסט: מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז נאָר דעם מאַנסביל מעגסטו אויפהענגען און ניכט די פרוי? ענטפערט די גמרא: שעת חרם שאני, דאָס הייסט: אין אַ צייט פון חרם מעג מען הענגען אפילו פרויען; און ביי אונז, וויסן זי, איז היינט אַ צייט פון חרם, פאַרשטייען זי מיך — דער גאַנצער וועלט־קאַפּיטאַליזמוס וויל אונז דערקוועטשן. והשנית, וועל איך אייך זאָגן: אָט בין איך אויך אַ ספעץ, אַ בראַקער אויף האָלץ בין איך, און מיך שיסט מען נישט און מען וועט מיך נישט שיסן. וואָרים? — ווייל איך טו נישט דאָס, וואָס יענע האָבן געטון... ווי איך בין מיר בירגער וואָלי ברענער"...

איצט אנטשלאָפן ווערנדיק און געדענקענדיק. ווי אַזוי דער דייטש איז נאָך זיין ענטפער געבליבן זיצן אין וואַגאָן מיט אַ קלוגער נאָז און מיט אַ נאַריש פנים, טוט אים זייער באַנג, פאַרוואָס ער האָט דאָרט דעם דייטש נישט אַריינגעזאָגט נאָך אַ פסוק:

— „לא תחיה כל נשמה — שטייט דאָך בפירוש אין דער תורה, איר זעט דאָך, אז אָן דעם אָ, אָן טויט־שטראָף הייסט־עס, האָט אפילו משה גאָרנישט געקאָנט אויפבויען".

— איי, איי, איי — פאַרקרומט זיך וואָלי ברענער און קראַצט זיך מיט גרויס באַדויערונג אין דער באָרד — אַ שאָד, אַ שאָד!.. גע־ווען באַדאַרפט אַריינקנאַקן דעם דייטש נאָך אָט דעם פסוק... סע דאָך אַ טייערער פסוק!.. איי, איי, איי!.. אַ שאָדן אַ שאָד...